STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05330

HUMORISTISHE ERTSEHLUNGEN

A. D. Oguz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Property of Mrs. William Rosen
124 Woodbine St.
Providence, R. I.

הומאריסטישע ערצעהלונגען

— פון —

א. ד. אגוז.

I. די בראָנזוווילער אידענע.
II. מיני, די פעלער־האנד.
III. די שלעכטע שנור.
IV. שפּרינצע די לענדליידי.

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
83־85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.
1911.

[illegible] ages [illegible] 25

Jewish Mothers Alliance Page 42

Golden ages 42,

Temple Beth Sholom 21.

South Prov. Golden Agers 21

די בראָנזווילער אידענע

פאָרוואָרט

די גרינע באָבע שטעלט פאָר א טיפ פון אן אלטע, קליין־שטעד־טעלדיגע פרוי, וועלכע איז געוואָרען אן אלמנה און איז געקומען קיין אַמעריקאַ דערציהען איהר ביסעל יאָהרען ביי א טאָכטער. זי איז א גוטמוטהיגע אידענע, די אַלטישקע. זי שרייט ניט, זי בייזערט זיך ניט, זי שילט ניט, אַבוואָהל גאַנץ אַמעריקאַ בכלל און די פיהרונגען פון איהר טאָכטער, איידים און אייניקלאַך בפרט געפעלען איהר ניט אין פיעלע פרטים. זי איז ניט פון די קאַפּריזנע וואָס ווילען איבערמאַ־כען די וועלט און זי פאָדערט ניט שטרענג, אז אימיצער זאָל זיך פיהרען לויט איהרע אנזיכטען.

זי קוקט אויף אַמעריקאַ מיט קריטישע בליקען. זי רעדט אויס איהר הארץ פאַר א שכנה, א גוטען פריינד און ווארפט אמאָל אריין א ברעקעלע רכילות, ווי א אידענע, אָבער אַלץ גוטמוטהיג, בנעימות, ניט אזוי ווי אַנדערע וואָס זיינען מרעיש עולם, און זיי זיינען מיט עפּעס ניט צופריעדען.

זי האָט א שאַרפען בליק, די באָבעשי. זי זעהט אַלעס, בעאָב־אַכטעט אַלעס און קריטיקירט יעדע זאַך זעהר לאָגיש און אין פיעלע שטעלען אויך מיט א שאַרפען וויטץ. אין איהרע מאָנאָלאָגען זיינען איינגעוויקעלט פיעלע אמת׳ע בילדער פון לעבען, וועלכע מיר אליין פערזעהען. איהרע שמועסען זיינען אינטערעסאַנט, ווייל זי דער־צעהלט ניט קיין סתם באָבע מעשיות, זאָנדערן אַזעלכע זאַכען וואָס עס איז כדאי צו וויסען.

I.

פערדרעהטע נעמען אין אמעריקא.

די וועלט איז שעהן און פיין און יעדער האט זיך זיין פיין. דאכט זיך אויף מיר קוקענדיג פעהלט מיר גאר ניט; ניט צו פערזינדיגען, איך בין חלילה ניט הונגעריג, געה ניט נאקעט און האב אויף דער עלטער וואו די קאפ אנצושפארען; אבער מיין ווייאדע אין הארצען, זעהט קיינער ניט, ווייס קיינער ניט און מען מיינט אז איך בין אין אמת'ן גליקליך.

וואס ווייסט איהר וואס פאר א צרות איך האב עס געהאט ביז איך האב מיין עטלען חתונה געמאכט. חתונה מאכען איהר מיט אבי וועמען האבען מיר ניט געוואלט. דער וואס גיט אב זיין טאכטער פאר אן עם הארץ, פאר א גראבען יונג, איז גלייך ווי ער זאל איהר בינדען און אוועקלייגען פאר א לייב—אזוי האט מיין אלטער עליו השלום געזאגט, שטעהט אין די הייליגע ספרים — נו, האבען מיר פאר איהר געזוכט א מאן א למדן, מיר זאלען פון איהם קענען נחת האבען. מיט גרינע ווערים איז אונז אנגעקומען ביז מיר האבען דעם שמואל'קען פאר אן איידים געקראגען. אין אמת'ן איז ער טאקי געוועזן א לייטישער יונגער מאן, א צאצקע, א זייד; געזעסען אין בית המדרש און געלערנט און איך מיט מיינעם, א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, האבען געשפעט פערגעניגען, און היינט, אז אך און וועה איז מיר...

אוי, אמעריטשקע, אמעריטשקע, אפילו פון א מלאך קען דא אויך ווערען א גלח. אין דער היים, דאכט זיך, געוועזן אזוי אידעשלאך און דא, מישטיינס געזאגט, אפילו די אידישע נעמען פערגעסען! נא דיר גאר, רופט מען מיין טאכטער יעטי און דעם איידים, סעם! וועלכער חזן האט עס זיי אזעלכע נעמער גיגעבען, ווייס איך ניט,

עפּעס קומט עס מיר אוים אַזוי פּראַטיוונע, אַזוי מאָדנע, אַז איך קען זיך בשום אופן ניט איינגעוואָהנען דערצו. הײנט די אײניקלאַך, זאָלען זיי געזונד און שטארק זיין, אסור מיר אויב איך געדענק זייערע נעמען. דער קלײנטשינקער איז אַ נאָמען נאָך מיין טאַטען, ר׳ מיכעלע האָט ער געהייסען. געווען אַ טהייערער איד, אַ מופלג, אַ קלייניגקייט ר׳ מיכעלע! און דאָ האָט מען גאָר פערדרעהט זיין נאָמען אויף קייק, פּייק, מייק, דער גוטער יאָהר וויים זיי. אוי, ווען ער זאָל אויפשטעהן פון קבר און עס הערען, וואָלט ער אפשר נאָך אמאָל געשטאָרבען.

די עלטערע מיידעל, עס הייסט מיין אייניקעל דזשעני, ווי מען רופט איהר דאָ, האָט געהייסען אין דער היים זלאַטע. וואָס ווייסט איהר, פיעל איך האָב זיך עס אויסגעליטען פון איהר ווען זי איז געווען אַ קליינצינקע? אויף מיינע הענד האָב איך איהר אויסגעהאָדעוועט, אויסגעבאָוועט; פיעל מאָל ניט דערעסען, און היינט, שעהמט זי זיך מיט דער באָבען! קינדערלאַך, דערלעבען זאָלט איהר מיינע יאָהרען און אייערע אייניקלאַך זאָלען פון אייך קיין גרעסערע חרפּות וביושים ניט האָבען ווי איהר האָט פון מיר! און פאַר וואָס, מיינט איהר, שעהמט מען זיך מיט מיר? נור דערפאַר וואָס מיר איז שווער צו ריידען אויפ׳ן היגען לשון. וואָס קען איך העלפען, אַז מיר איז דאָך זלאַטקע גרינגער אויסצוריידען ווי דזשעני? איז טאָמער רוף איך איהר זלאַטקע, איז פּונקט ווי איך זאָל איהר אין טאַטען אריין שילטען! שלעכט, זעהר שלעכט, מיסים לעבען, צו זיין אין אַ פרעמדע מדינה וואו מען פערשטעהט ניט דעם לשון.

אַ מאָדנע זאַך, אפילו די אידיש איז דאָ אויך פערדרעהט. אָט וועל איך אייך דערצעהלען וואָס פאַר אַ שרעק איך האָב צוליעב דעם געהאַט באַלד ווי איך בין אהער געקומען.

פאָהרענדיג פון קעסעל גאַרדען, פרעג איך מיין טאָכטער: וואָס מאַכט עפּעס זלאַטקע? ענטפערט זי מיר: אָהאָ, זי געהט שוין אום מיט אַ באָי. פאַלט דאָך מיר איין מיין האַרצען, וואָס הייסט? אַ מויד, אָהן עין הרע, פון 17 יאָהר, געהט שוין אום! מאַך איך: ווערה איז מיר, ווינד איז מיר, מיר פאַר איהר קאָפּ; וואָס איז? עפּעס קראַנק געווען? ענטפערט זי מיר: זאָל גאָט היטען און חזר׳ט איבער נאָך אמאָל: אַז זי געהט אום מיט אַ באָי, מיין איך, אַז אַ באָי מיינט אויף היעגען לשון אַ קוליע און ווער נאָך מעהר דערשראָקען.

אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר, זאָג איך, וואָס איז? אַ פּוס אויסגעבראָכען? ווען? ווי אַזוי? לאַכט מיין טאָכטער און גיט מיר צו פערשטעהן, אַז אַ באָי איז אויף ענגליש אַ בחור. ווערט דאָך מיר ווידער קשה, וואָס הייסט, זי געהט אום מיט אַ בחור? ניט געשעהן זאָל עס, וואָס אַ מענש קען איבערטראַכטען! לויפט מיר דורך אַ רעיון, אפשר איז זי חס ושלום בלינד געוואָרען און מען דאַרף איהר אומ־פיהרען, און אויב חלילה אַזוי, וואָרום געהט זי עפּעס מיט אַ בחור? ווי פּאַסט עס פאר אַ אידישע טאָכטער? וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך האָב געמיינט, איך בלייב, איך חלש, ביז עטעלע האָט מיר ווי עס איז געגעבען צו פערשטעהן, אַז זלאַטקע איז, הייסט עס, שוין אַ האַלבע כלה און דאָס רופט מען אין אַמעריקאַ: „אומגעהן".

נו, דערפאר וואָס איך האָב פון איהר אַזוי פיעל געליטען קליי־נערהייד און אַזוי פיעל שרעק און קלעמענים ערשט געהאַט פון איהר, בעצאָהלט זי מיר גוט! שעהמט זיך מיט מיר און קרימט זיך שטענדיג אויף דער אַלטער באָבען. איהר מעגט אויף ציקאַוועס הערען וואָס נעכטען איז געוועז.

נעכטען מאַך איך צו מיין טאָכטער, אַז איך וויל אַביסעל זיך דורכפאָהרען צו לאַנדסלייט. אין אמת'ן שוין עטליכע וואָכען אַז איך בין דאָ און נאָך די ליכטיגע וועלט ניט אָנגעזעהען; אַ מענש איז מען און עס ווילט זיך אַמאָל דורכלופטערען די אויגען. עטעלע, זאָל געזונד און שטאַרק זיין, איז אין גרונד ניט קיין שלעכטע; פאר וואָס ניט? — זאָגט זי — פאָהר זיך אַביסעל דורך. ווייס איך דאָך אָבער אליין ניט ווי מען פאָהרט, ווי מען געהט, בלייבט, אַז מען זאָל מיט מיר מיטשיקען אַ קינד. נו, האָט מען זיך אָנגעהויבען שפּארען, אמפּערען, גאראגאטשען אויף ענגליש ביז דער גורל איז אפּנים געפאַלען אויף זלאַטקען.

געהען מיר. ווען מען האָט געדאַרפט ארויפגעהן אויפ'ן קאַר, לאָזט מיר מיין אייניקעל ארויפגעהן פריהער, כלומרשט זי איז מקים כבוד אם; אָבער איך בין נאָך ניט אויסגעוועבט און האָב פערשטאַנען וואָס זי מיינט: זי האָט עס אומיסטנע געטהאָן, כדי זי זאָל ניט זיצען נעבען מיר, ווייל עס פּאַסט איהר ניט צו זיצען נעבען דער באָבע, און אַזוי איז טאַקי געוועזן; איך האָב זיך געזעצט אין איין ווינקעל און זי אין אַנדערען. ווען דער קאָנדוקטאָר איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיר

אַנגעטראָגען א געשריי צו טהאָן: זלאטקע, בעצאָהל פאר מיר! נו, נו, פרעגט שוין גאָר ניט: די מויד איז רויט געוואָרען ווי א בוראק. אַלע קאָלירען האָבען זיך אין איהר געביטען, א קליינינקייט? אין קאַפּעליוש געשאָסען! א גאַנץ וועג איז זי געזעסען אַן אַנגעבלאָזענע און איך בין געזעסען ווי א שטומע און ניט געהאַט מיט וועמען א וואָרט ריידען. פרעג איך אייך, וואָס האָב איך דאָ אזוי חוטא בייגעל (בענגל) געווען? א קאַטאָוועס, איך האָב איהר פערשעהמט פאר פי־עמ־דע מענשען דערמיט וואָס איך האָב איהר גערופען מיט'ן אידישען נאָמען!

און מיינט איהר איז זי נור אַזוי? אפילו די קלענערע זיינען אויך ניט בעסער. זאָל איך חס ושלום רופען דעם עלטערען אינגעל, יאַנקעלע, ווערט ער אש להבה און פערקרימט דעם נעזעל אקוראט ווי איך זאָל איהם רופען א מיאוס'ען צונאמען. היינט גאָר געדענק אַזעל־כע מאָדנע נעמען: דזשייק, בעני, גאַסי, לינא, דער גוטער יאָהר ווייס זיי.

ביי אונז אין דער היים געדענק איך, איז א גוי'אישער נאָמען געווען א חרפּה און דאָ איז עס א כבוד! א נאַרישקייט געדענקט זיך: מיין אַלטער, ליכטיג זאָל איהם זיין אין קבר, איז געווען א מלמד: געלערענט מיט בעלי בית'שע קינדער, מיט חתנים בחורים, זאָל ער מיר מוחל זיין, קיין שלעכטער איז ער אפילו ניט געווען, אָבער א גרויסער כעסן. שלאָגען אַזעלכע גרויסע באָכמאַקעס האָט ער פּשוט מורא געהאַט, פלעגט ער אויף די תלמידים זיינע שרייען, זאָגען אַפּט א שלעכט וואָרט. נו, האָט זיך אמאָל געמאַכט, איך געדענק עס נאָך ווי היינט, אַז ער האָט אויף א תלמיד, אמת, א בחור'ל וואָס איז שוין געשטאַנען אין שידוכים א געשריי געטהאָן: איוואַן צו סטעפּאַן; ווייסט איהר וואָס דער סוף איז געווען? די מאַמע זיינע איז געקומען און האָט מיינעם עליו השלום געזידעלט, געמאַכט צו אש און צו בלאָטע און אָבגענומען דעם בחור אין מיטען זמן. פרעגט שוין גאָר ניט וואָס פאר א צרות מיר האָבען געהאַט, ביז מען האָט כאָטש גע־פּועלט, אַז די איבריגע בעלי בתים זאָלען די קינדער ניט אָבנעהמען, און דאָ איז גאָר פערקעהרט, דאָ איז דער אידישער נאָמען א חרפּה און דער גוי'אישער א כבוד! טפו, איך ווייס ניט ווי ווייטער וועט זיין, דערווייל אין מיר אייער אַמעריקאַ גאָר ניט געפעלען.

II.

דער איינִיקעל האָט אַ קאַטער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיסעס לעבען, אַ מאָדנע מדינה אַמע־ריקאַ; איהר מעגט זיך זאָגען וואָס איהר ווילט, אָבער ביי מיר האָט אייער אַמעריקאַ גאָר ניט אויסגענומען. עס איז מעהר ניט, איך בין, ניט פאר קיין אידישע טאָכטער געדאַכט, געבליבען עלענד ווי אַ שטיין, אַ וויסטע אַלמנה אויף דער עלטער, בין איך אהער געקומען, ווי זאָגט מען עפּעס: עס ווילט זיך שטאַרבען צווישען אייגענע; אָבער ווען ניט דאָס, האָב איך אַזוי געדאַרפט אַמעריקאַ, אָט אַקוראַט ווי איך דאַרף ערשט געהען טאַנצען.

מיין אַלטער עליו השלום, פלעגט זאָגען, אַז איין אַלטער מענש איז אַ ברכה אין אַ שטוב. ער האָט עס ניט געזאָגט פון זיין קאָפּ, עס שטעהט מסתמא אַזוי אין די הייליגע ספרים, וואָס רעדט איהר, וואָס? ער איז געווען אַ איד אַ למדן, וואָס האָט ער ניט געוואוסט? גאָט דער לעבעדיגער וויים אויב מיינע אייניקלעך וועלען כאָטש איין אָדער האָבען פון זיידען, אָט, משוגע! פון וואַנען? פון וואָס? דערוייל ב"ה דרש'ענען זיי ניט אַזוי גוט, און איך זעה ניט ארוים אַז זיי זאָלען אַמאָל דרש'ענען בעסער.

איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ, אַז אַן אַלטער מענש, שטעהט אין ספרים, איז אַ ברכה אין אַ הויז; און דאָ איז עס גאָר אַ קללה! דאָ האָט איין אַלטער אָדער אַן אַלטע אַ פּנים ווי חוזק, די אייער זיינען דאָ קליגער ווי די היהנער.

איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט, אַז זלאַטקע, איך מיין דזשעני, מיין עלטערע אייניקעל, שטעהט שוין אין שדוכים, געהט שוין מיט אַ בחור און איז, הייסט עס, אַ חצי כלה. איך האָב זיך אַן אמת זאָגענדיג אָנפאַנגס ניט זעהר שטאַרק נאָכגעפרעגט ווער דער בחור איז, וואָס דער בחור איז, ווייל, פערשטעהט איהר מיך, איך האָב פיינט צו כאַפּען, ווי זאָגט מען עפּעס: די פיש פאר'ן נעטץ. מאַלע וואָס מען רעדט, מאַלע וואָס מען געהט אום, אַ מויד און אַ בחור,

זאָגט מען ביי אונז, איז אַ האַנדטוך, ממה נפשך — האָב איך גע־טראכט, אויב דאָס איז אַ באַשערטע זאַך פון גאָט ווערט מען דאָך מסתמא דער באַבעס דעה אויך פרעגען, לסוף, הערט וואָס עס איז געווען.

לענגער זיינען גראדע געווען עפּעס געסט, זיצט מען אַזוי און מען שמועסט וועגען שדוכים; דערצעהלט מען, אַז די און די האָט אַ שידוך געטהאָן מיט אַ ביזנעס־מאַן — פרעגט מיר בחרם וואָס דאָס איז אַזעלכעס — די און די מיט אַ דיזיינער — זאָל איך שלעכטס האָ־בען אויב איך ווייס וואָס מען מיינט דערמיט; אָבער וועמען אַארט עס? איך האָב פיינד צו מישען זיך אין פרעמדע עסקים, מילא גאָר ניט.

אין די רייד, רופט זיך אָב מיין עטעלע: אַז דזשעני האָט בע־קומען אַ קאַטער. פאַלט דאָך מיר איין אין האַרצען און איך ווער אַן אויפגעציטערטע. אמת, זי בעגעהט זיך אפילו מיט מיר ניט ווי מיט אַ באָבע, פון דעסטוועגען זי איז דאָך מיין אייניקעל און אַז איהר איז עפּעס אויסען רייסט מיר דאָס האַרץ. אומשטיינס געזאָגט, די סך אייניקלאַך וואָס איך האָב? זאָלען מיינע שונאים מעהר ניט האָבען צייהן אין מויל פיעל קינדער איך האָב און פיעל אייניקלעך איך האָב. געהאַט אַמאָל נאָך קינדער אָבער דער מלאך המות, ניט דאָ געדאכט, האָט זיי צוגענומען און עטעלע איז געבליבען אַ בת יחיד'קע. מען טאָר אויפ'ן רבונו של עולם קיין פאַריבעל ניט האָבען — אַזוי פלעגט מיינער, אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין פאַר אונז, זאָגען — מסתמא דאַרף אַזוי זיין, מסתמא מוז אַזוי זיין, גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט.

איז וואָס זשע וויל איך אויספיהרען? יא, ווי עטעלע האָט ארויס־גערעדט, אַז זלאַטקע האָט אַ קאַטער, בין איך אריינגעלאָפען צו איהר אין פראָנט רום ערשט זי זיצט און צימבעלט אויפ'ן פּאָרטעפּיאַן (פּיאַנאָ). אוי, דער פּאָרטעפּיאַן איז אויך צו מיינע צרות; שטענדיג נור דריפּ, דריפּ; דריפּ, דריפּ; זאָל מען עס הערן אויף גוי'אישע חתונות וואָס מען הערט פון איהר שפּיעלעכטס! אָבער געה מאַך איבער אַ וועלט! אַז דאָ איז אַזאַ צרה'דיגע מאָדע, אַז ליאַד אַ ווייס איך ווער דאַרף האָבען אַ פּאָרטעפּיאַן, אַנדערש פּאַסט זיי ניט! מילא גאָר ניט.

טראַכט איך זיך: אבי אַזוי. איך בין שוין פערשטעהט איהר מיך אָן אָנגעלערענטע, איך וויים, אַז קאַטער (קאטאר) איז אָפט אַ סכנה׳דיג קרענק; מיין אַלטער, ליכטיג זאָל איהם זיין אין קבר, איז געשטאָרבען פון אַ קאַטער אויף מאָגען, אַזוי האָבען דאָקטוירים געזאָגט און איך בין אַזוי אָנגעשראָקען דערפון, אַז גאָט זאָל היטען. געה איך פון דעסטוועגען צו, טהו איהר אַ טאַפּ דעם שטערען און פרעג: קינדעלע מיינס, טהוט דיר די קעפּעלע וועה? אַז מיינע צינדט זיך אָן אַזוי ווי איך זאָל איהר וויים איך וואָס טהאָן און מאַכט צו מיר: „דאָנט באַדער״. איך פערשטעה אפילו ניט וואָס דאָס מיינט, אָבער איך שטוים מיך אָן אַז דאָס איז ניט אַזאַ שעהנער וואָרט. וואָס טהוט די אַלטע באָבע? וויש איך אָפּ די ליפּען און פּתח שין, שאַ.

געה איך אריין צוריק און דערצעהל דער טאָכטער מיינער, דזשעני̇לע האָט חלילה ניט קיין היטץ און זי איז, ווי מען זאָגט דאָ, אָלערייט. קוקט זי מיר אָן און די געסט קוקען מיר אויך אָן. זאָג איך איהר נאָך אַמאָל, אַז קיין בייז זאָל ניט זיין, דזשעני האָט ניט קיין קאַטער און זי איז אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביג געזונד: שיסען זיי אַלע אוים מיט אַ געלעכטער און איך ווער שוין גאָר בטל בששים. ערשט שפּעטער האָט מיר די טאָכטער מיינע געגעבען צו פערשטעהן, אַז זלאַטקעם חתן איז אַ קאַטער, אַ צושניידער הייסט עס.

קלעהר איך ביי זיך, ווי קומט עס? ר׳ מיכעלע׳ס אַן אור־אייניקעל זאָל גאָר נעהמען אַ צושניידער, אַ זאַקרוישציק פאַר אַ מאַן? וואָס, ווי וואָס, קיין נגידים זיינען מיר קיינמאָל ניט געוועזן, אָבער קיין שניידער איז אין אונזער משפּחה ניטאָ! איך האָב אָבער ניט געוואָלט מאַכען קיין רייד פאַר פרעמדע מענשען אין די אויגען און האָב עטעלען געפרעגט סאם נא סאם, אונטער פיער אויגען, ווי מען זאָגט: ווי אַזוי, זאָג איך, איז דאָס זלאַטקע געקומען צו אַזאַ שידוך? ענטפערט זי מיר מיט אַ היימישען ווערטעל: „יחום נאַ קברות!״ אין אַמעריקאַ, זאָגט זי, קוקט מען ניט אויף יחוס, דאָ זיינען די מיידלאך סאמי סאפּאָזשניקי, מען בעקענט זיך מיט בחורים, מען פערליעבט זיך און עס ווערען שידוכים. מילא, קיין סך טענות האָב איך מיט איהר ניט געוואָלט פערלעגען, וועיל איך וויים דאָך, אַז מען האַלט מיר פאַר אַן עובר בטל און מען וועט מיר מסתמא הערען ווי די ראַבע קאַטץ; אָבער פרעג איך אייך אדרבא, איז עס גליין אַזוי? גלאַט,

העטש, מעטש און מען טהוט שידוכים! פע, חלשות, אויף נאמנות.

אי, קינדערלאך, קינדערלאך, איהר מיינט אז א שידוך טהאָן איז א גראַשענעם בייגעל אויפעסען! אוי, אוי, אוי, דארף מען זיך ארומ־קוקען! וואָס מיינט איהר וואָס, אז דער בחור טהוט אייך א גלעט; אז ער זאָגט, אז איהר זיינט שעהנע מיידלאך; אז ער שווערט, אז ער האָט אייך האָלט, איז שוין תגרת לאָקשען? ניט אומזיסט זיינען דאָ, ניט אין קיין שטוב געדאכט, פאראן אזוי פיעל עגונות. איך בין נאָך א גרינע אָבער איך האָב זיך שוין פון גענוג צרות אָנגעהערט. דאָ איז דאָך א וועלט מיט אָנגעלאָפענע מענשען; איינער דעם אנדערן קען ניט, איינער דעם אנדערן וויים ניט, עפּעס א קליינינגקייט אזא וואלד? אוי, אוי, אוי, דארף מען זיך היטען מען זאָל חס ושלום ניט אריינ־פאַלען אין א צרה!

די טאָכטער מיינע מאכט זיך קאָלטבלוטיג: זיי געפעלען זיך איינע די אנדערע, זאָלען זיי חתונה האָבען געזונדערהייד. אי טאָמער איז ער א שאַרלאַטאַן, טאָמער האָט ער גאָר ערגעץ א ווייב, דאָס טראכט מען ניט איבער.

מיין אַלטער עליו השלום, געדענק איך, פלעגט זאָגען, אז א זיווג קומט דעם רבונו של עולם אָן בקריעת ים סוף, און דאָ איז עס גאָר אזוי לייכט ווי א האָר פון מילך ארויסציהען! אין דער היים פלעגט א שדכן ניט איין פּאָאר שטיוועל צורייסען ביז ער האָט א שידוך אויס־געפיהרט; מען האָט זיך נאָכגעפרעגט, מען האָט נאָכגעזוכט טאָמער איז ערגעץ דאָ א פּגימה'לע און דאָ ווערט עס איינס און צוויי! מען ריזיקירט, ווי זאָגט יענער: א גליק אָדער א שטריק! נישט, נישט, מיר געפעלט אזא פיהרונג גאָר ניט.

אודאי טהוט מיר וועה דאָס הארץ, איך ציטער אז דזשעניליע זאָל חלילה ניט אריינפאלען, אָבער מען מוז האַלטען דעם צונג צווישען די צייהן, א ברירה האָב איך?

III.

ביי שלמה באַנדער אויף אַ חתונה.

נו, איז מיר שוין בעשערט געווען צו זיין אויף אַ היגע חתונה אויך. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיסעס לעבען? וואָס מען לעבט מעהר, עסט מען מעהר, זעהט מען מעהר מיין איך. אוי, אַ מדינה אייער אַמעריקאַ! גלויבט מיר, אַז ווען איך זאָל עס געווען אין דער היים וויסען, וואָלט איך אסור חזיר אהער געקומען. הערט אויף ציקאַ־ווער וואָס עס איז געווען:

מיט אַ פינף וואָכען צוריק קומט אָן אַ... איך וויים אסור ווי מען רופט עס דאָ, ביי אונז רופט מען עס: אַ בילעט צו אַ חתונה. דער־צעהלט מיר עטעלע מיינע, אַז שלמה'קע באַנדער מאַכט חתונה אַ טאָכטער און ער בעט אונז אויף דער חתונה. פרעג איך, אמת: ווען וועט די חתונה זיין? ענטפערט זי מיר: אין פיער וואָכען אַרום. ווערט מיר די זאַך קשה און איך קלעהר ביי זיך: צו וואָס דאַרף מען עס אַזוי פריה אָנזאָגען? מען קען דאָך נאָך ביז יענע צייט פער־געסען, אָבער געהן מאַכען שאלות האָב איך ניט געוואָלט: די טאָכטער מיינע וויל ניט ליידען, אַז איך דערקוטשע איהר צופיעל. מסתמא — האָב איך געטראַכט — איז דאָ אַזאַ מאָדע, מסתמא דאַרף מען אַזוי, אויך מיין באָבעס דאגה.

פאַר שבת קומט שלמה'קע באַנדער אליין און בעט מיך, אַז איך זאָל זיך למעה"ש ניט לאָזען בעטען און קומען צו דער חתונה. נו, — זאָג איך — מהיכי תיתא, פאַר וואָס ניט? געווען אין דער היים שכנים, געוואָהנט אַ טהיר אין אַ טהיר און די כלה, שרה'לע, האָט מען זי אין דער היים גערופען, דאָ רופט מען זי מסתמא אַנדערש, איז אויף מיינע הענד אויסגעהאָדעוועט געוואָרען, היינט פאַר וואָס זאָל איך פון איהר ניט האָבען אַ ביסעל נחת? אין האַרצען האָב איך געטראַכט: וועלען וויל איך זעהר זיין אויף דער חתונה, אָבער עס ווענדעט זיך אָן די קינדער, אויב זיי וועלען מיך וועלען נעהמען.

דעם טאָג פון דער חתונה, האָט זיך די טאָכטער מיינע געשושקעט

מיט׳ן איידים, די איינינקלאַך מיט דער טאָכטער און נאָכדעם אַלע צוזאַמען בכנופיא און ווי איך פערשטעה האָט מען זיך ערשט גע־ישוב׳ט אויב מען זאָל מיך מיטנעהמען צו דער חתונה אָדער ניט. צום סוף איז אַ פּנים געבליבען בהסכם כולם אויף יאָ. איך ווייס ניט אויב מען האָט עס טאַקע געמיינט מיך צופריעדען שטעלען אָדער ווייל מען האָט זיך געשעהמט פאַר׳ן מחותן, אָבער ווי די זאַך איז; מען האָט מיר געהייסען זיך אָנטהאָן און איך וועל פאָהרען צו דער חתונה. נו, ווער איך פּיקס און פערטיג און בין אַ מחותנת׳טע.

פאַר נאַכט פאָהרט אַראָפּ אַ קאַרעטע, קערידזש רופט מען עס דאָ, איך האָב געמיינט עפּעס אַ פּריץ איז געקומען צו ווייס איך ווער, לסוף זאָגט מען מיר, אַז דעם קערידזש האָט דער מחותן געשיקט צו פאָהרען צו דער חתונה. טראַכט איך ביי זיך: אַ גלות מיט ציבעלע, אַנדערש פּאַסט ניט פאַר שלמה׳קע באַנדער, געוואָהנט אודאי פון דער היים צו פאָהרען אין קאַרעטען! אין מיטען טראַכט איך איבער: אפשר איז ער דאָ אַ גביר געוואָרען? אַ קשיא אויף אַ מעשה? מילא פאָהרען מיר.

געקומען אַהין. איך געה אריין, ערשט אַ זאַאַל, אסור מיר אויב אין גן עדן-דאַרף מען שעהנער; לעמפּלאַך ווי שטערן אין הימעל, די ווענט זיינען אויסגעפּארבט מיט כל־ערליי פיגורען, עס פערנעהמט אַן אויג! הייגט די כלה, אַ וואָהרע מלכה! נו, — טראַכט איך — אויב אַזוי מעג ער שוין פערגינען זיך פאָהרען אין קאַרעטען. אָט — זאָג איך צו זיך אליין — ווען מען גאָט וויל געבען, גיט ער טאַקע מיט׳ן פולען הויפען. שלמה׳קע באַנדער וואָס האָט אין דער היים געוואָהנט אין אַ קליין אַלקעריל און געשטאַרבען צעהן מאָל אַ טאָג פאַר הונגער, פערוואָהנט דאָ אַזאַ פּאַלאַץ, וואָס אפילו דער קיסר וואָלט זיך ניט גע־דאַרפט שעהמען צו וואָהנען אין איהם! אָט אויף אַזאַ אופן לוינט זיך פאָהרען קיין אַמעריקאָ.

היינט וואָלט איהר זעהען אַ נאַראָד זיך צוזאַמענגעקליבען! קיין עין הרע, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט זיין, וואו האָבען זיי זיך אַזוי פיעל גענומען? דאַכט זיך שלמה׳קע איז גאָר ניט אַזאַ בעל משפחה; אָבער אַז גאָט העלפט און מען איז רייך געפינען זיך אַ סך פריינד. פון אַן אָרימאַן, מישטיינס געזאָגט, ענטלויפען אפילו די אמת׳ע פריינד און צו אַ נגיד, ווערען ווילד פרעמדע אויך פריינד.

אין מיטען, הערט אויף ציקאַווען, דערזעה איך, שטעהט דאָרט אַן אָרון קודש מיט אַ שעהנעם פּרוכת פערהאַנגען. קלעהר איך זיך: מאַמעלע, הארצעלע, וואָס דער רבונו של עולם קען מאַכען, שלמה'קע באַנדער האָט גאָר אַ בית המדרש אין הויז! איך האָב פיינט אימיצען צו בעריידען, געוואָהנט, אַ דאַנק גאָט מיט שכנים צעהנדליגע יאָהרען און חס ושלום קיין מאָל אַ שלעכט וואָרט אויף קיינעם ניט ארויסגע־בראַכט; עס איז מעהר ניט אַז עס קומט צו רייד רעדט מען! איך מיין איהם חלילה ניט צו בעליידיגען, זאָל עס מיר געשעהען וואָס איך ווינש איהם, אָבער אַן אמת מעג מען זאָגען. אין דער היים געווען אַ קבצן, אַן אביון, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד, ווער האָט זיך מיט איהם געוואָלט בעגעגענען? געגאַנגען אָבגעריסען, אָבגעשלי־סען, שבת און וואָך, ווי מען זאָגט, אין איין לאָך, און וואו איז געווען זיין אָרט אין בית המדרש? הינטערען בימה! און וואָס פאַר אַן עליה פלעגט מען איהם געבען? די זעלבע ווי דעם וואַסער טרעגער אָדער דעם קברות מאַן! עס איז מעהר ניט, מיר זיינען ניט קיין בעל גאוה'ס, פלעגען מיר פון רחמנות וועגען זיך מקרב זיין צו זיי; אָבער זיי קומען אַזוי צו אונז, ווי אַ שטייגער איך קום צו דער רביצין, און דאָ האָט ער אַן אייגענעם בית המדרש! ער האַלט נאָך אודאי בטלנים אויף זיינע קעסט, און זיי זיטצען אין בית המדרש און לערנען! נו, דאַרף מען עפּעס ביים רבונו של עולם קשיות פרעגען?

איין זאַך האָט מיר פערדראָסען, וואָס אין אַ מקום קדוש, אין אַ בית המדרש וואו די שכינה רוהט, טאַנצען בחורים מיט מיידלאַך און נאָך מיט בלייזע קעפּ, אָהן היטלען! אָבער דערויף — האָב איך גע־דענקט — איז דאָך אַמעריקאַ; דאָ איז מען ב"ה, ווי זאָגט מען עפּעס אויף היגען לשון, ניט „פּריטיקלע". מילא, מיר וועט מען פאַר אימיצען ניט שמייסען.

אַזוי בין איך זיך געזעסען און געקלעהרט און זיך ניט געקענט אָבוואונדערען. פריהער האָבען די יונג וואַרג געהאָפּקעט, געטאַנצט ביז דער חופּה. די חופּה איז דוקא געווען אידישלאַך, אַזוי ווי ביי אונז אין דער היים, ניטאָ וואָס צו ריידען. נאָך דער חופּה האָט זיך דער גאַנצער עולם אָנגעהויבען דרעהען. די כלי זמר האָבען געשפּיעלט און דער עולם האָט זיך געדרעהט און געדרעהט, ווי רופען זיי עס, אַ מאַטש צו אַ מאַרש, דער גוטער יאָהר ווייס זיי און איך בין געזעסען

און געוואָרט וואָס דער סוף וועט זיין; ווי זאָגט יענער: קוק און שווייג און קלייב עולם הבא.

ווי עס איז דערלעבט, מען איז אַרונטערגעגאַנגען צו דער וועש־טשערע. מילא וואָס זאָל איך אייך זאָגען, זיינען דאָרט געווען געגרייט טישען, טאַקי כיד המלך; אָבער ביז איך האָב צייט געהאַט אוועק־זעצען זיך, אַז זאָל מיר אסור זיין אויב עס איז געווען עפּעס אין מויל אריינגעהמען. מען האָט אַלעס צוכאַפּט אַזוי ווי די שדים און עס איז ניט געבליבען קיין זאַך אויף אַ רפואה — עפּעס אַ קלייניגקייט אַזאַ עולם אָהן עין הרע?

געפעלט מיר שוין דער עסק ניט. אַז שלמה'קע באַנדער איז יאָ אַ גביר — טראַכט איך ביי זיך — אַז ער קען זיך פערגינען וואָהנען אין אַזעלכע פּאַלאַצען און פאָהרען אין קאַרעטען, פאַר וואָס זאָל ער שוין ניט געבען אָפּעסען אויך? אי, אפשר קען מען אַזוי פיעל מענשען ניט אָנקאָרמענען? ווער הייסט עס רופען אַזאַ גרויסען עולם; אַ קלע־נערער עולם איז מעהר שמחה!

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָר ניט. געקומען נאָך וועטשערע, מען האָט נאָך ניט צייט געהאַט אַרומקוקען זיך, קומט אַרויף אַ מאַן און מאַכט קולות אויף ענגליש, איך האָב אפילו ניט פערשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער נאָך זיינע מינעם, נאָכ'ן ניגון האָב איך מיר אָנגעשטויסען, אַז זיין גאַראַנטשען בעדייט אַזוי ווי מען זאָגט ביי אונז: „אובערייס", „פּאַשאַל וואָן". אָדער ווי מען זאָגט אויף אידיש: נעהמט אייך דעם פּעקעל מיט זעקעל און שאַרט זיך וויי־טער.

ווי יענער איז אַזוי געשטאַנען און גע'טענה'ט, איז פּלוצלונג געוואָרען פינסטער און אויס חתונה.

אהיים זיינען מיר שוין ניט געפאָהרען אין די קאַרעטען. מען האָט זיך פּשוט געשלעפּט צו פוס ווי די בעטלער און איך האָב דעם גאַנצען טאַראַראַם בעטראַכט ווי אַ קינדער־שפּיעל.

געהענדיג האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען און טהו אַ פרעג עטלעכן: וואָס איז דאָרט געווען? ממה נפשך, אַז דער מחותן איז יאָ אַזאַ גביר, אַזאַ מיליאָנשציק, אַז ער פערמאָגט יאָ אַזעלכע קייזערליכע פּאַלאַצען, וואָרום איז דער סוף פון דער חתונה געווען אַזוי ניט לייטיש? פע, חלשות אויף נאַמנות.

לאכט זיך מיין טאַכטער פונאַנדער אויפ׳ן קול און דערצעהלט מיר, אז שלמה׳קע איז דאַ אויך אַ קבצן, טאַקי פון קבצן לאַנד, אז דער פּאַלאַץ איז ניט זיינער, ער איז בלויז אָבגעדונגען אויף עטליכע שעה; די קערידזשעס זיינען געבאָרגטע, אפילו די קלייד וואָס די כלה האָט געטראָגען איז אויך אַ פרעמדע, עס איז מעהר ניט אין אמעריקאַ אַזאַ מאָדע צו מאַכען אַזעלכע צערעמאָניעס.

נו, פרעג איך אייך אדרבה, צו וואָס דאַרף זיך אַן אָרימאַן אַ איד אַזוי פיעל מרבה בהוצאה זיין מיט קערידזשעס, שמערידזשעס און אָנטרייבען אַזאַ כאַליאַסטרע אין אַ פרעמד הויז? עס קאָסט דאָך מסתמא גוטע געלד און לסוף געהט דער עולם אַוועק אונצופריעדען! דאַכט זיך, אז גלייכער וואָלט געווען, מען זאָל מאַכען אַ היימישע חתונה, ביי זיך אין דער היים, וואָלט עס אי וועניגער געקאָסט, אי מען וואָלט הנאה געהאַט. די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען וואָס אויף אַ היי־מישע חתונה אפילו ביי דעם אָרימסטען איז מען זיך מעהר משמח ווי דאַ. מען פעררופט אייגענע מענשען, פריינד און גוטע פריינד און עס איז טאַקי אַ שמחה, אָבער דאַ, פע! אַ פּורים שפּיעל איז עס און אפילו מיט דעם פּורים שפּיעל לאָזט מען זיך אויך ניט אָנזעטיגען. אַ נאַרישע וועלט אייער אמעריקאַ!

IV.

ניט קיין שפּיליולע, ניט קיין געלד

חלש׳ן דאַרף מען, איך זאָל אַזוי געזונד זיין. דער קליינצינקער איינינקעל מיינער מיכעלע אָדער מייקעלע, ווי זיי רופען איהם, זאָל ער געזונד און שטאַרק זיין, רופט מיך: „די דרינע באָבע“. ער קאָן נאָך ניט ריידען, דער קליינינקער מזיק׳ל און ער וויל זאָגען גרינע, זאָגט ער דרינע. די מחותנת׳טע מיינע, סעם׳ס מוטער איז אויך דאַ אין אמעריקאַ; רופט ער יענע „די דעלע (געלע) באָבע“ און איך

בין די גרינע— אלטע קייען און יונגע שפייען! אבער מיר אארט עס אסור, זאל מיר אזוי אארען מיינע זינד ווי מיר אארט עס; זאל זיין א גרינע, אבי חלילה ניט קיין גנב'טע! ווי זאגט איהר, ניט אזוי? זעהט איהר דאס אארט מיר יא; מיין עטעלע איז דאך שוין א געלע און וויים אסור ווי צו פיהרען זיך. טהוט אב א זאך אהן אן איבערלעגונג, אהן א רעכנונג און נאכדעם קען זי צוריק ניט כאפען.

עס ווילט זיך ניט ריידען קיין רשעות אויף אן אייגענע קינד, ווי זאגט מען עפעס: שנייצען דעם נאז און שמירען דעם פנים; אבער פאר אייך מוז איך דערצעהלען. איך זאג ניט חס ושלום, אז זי איז ניט קיין ארענטליכע ווייבעל; אזא יאהר מיר ווי עהרליך זי איז, ווייל פערשטעהט איהר מיך, דער עפעלע פאלט ניט ווייט פון דער בוים. זי איז אויסגעהאדעוועט געווארען ביי ארענטליכע טאטע און מאמע און זי איז אויך אזוי, הלואי איהרע קינדער ניט ערגער. אי די אידישקייט? מילא, אויף קאלומבוסען די עבירה! אמעריטשקע, וואס זאל מען טהאן? אין וואס פאר א שוהל מען קומט אזא קדושה זאגט מען. מילא איז דערפון אבגערעדט; איז זי ניט אזוי פרום; אבער שכל, צווישען אונז ריידענדיג, האט זי זעהר ווייניג, נאך אפשר ווייניגער ווי פרומקייט. אט וועל איך אייך אויף ציקאוועס דערצעהלען, ווי מיאוס זי איז אריינגעפאלען. נור איהר זאלט עס פאר איהר ניט איבערריידען, כפרה! ווי זאגט א גוי להבדיל: ניחאי בעדא ספיט — איהר פערשטעהט דאך מסתמא גוי'איש?

איהר ווייסט דאך אז די עלטערע אייניקעל מיינע. דזשעני שפיעלט אויף א פארטעפיאן (פיאנא). מיר איז די זאך פון אנהויב אן ניט געפעלען געווארען. ווי קומסטו דערצו? דיין טאטע איז ניט קיין גביר, דו אליין ביסט נאך אויך ניט קיין גביר'טע, ווען דו האסט צייט נעהם בעסער העלף דער מאמע עפעס טהאן אין הויז; אין אמת'ן א געזינדעל אהן עין הרע, מען דארף קאכען, מען דארף וואשען, עס פעהלט ב"ה קיין ארבייט ניט, זיצט זי גאר די פאניענקע מיינע און צימבעלט! אבער איך זאל געהן זאגען? בין איך דאך א גרינע, איך וויים דען עפעס? מילא, שווייג איך.

ער, דער אײדים מיינער האט אויך ניט זעהר שטארק אנגעקוואלען פון זיין טאכטער די כלי זמר'קע, וואס איז ער עפעס, א ליידיגגעהער? ער הארעוועט זיך נעבאך אן איבער'ן טאג און אז ער קומט

אין אבענד וויל ער אָברוהען, לסוף זיצט גאָר די כלה מויד זיינע און טרובעט איהם אונטער'ן אויער אויפ'ן פּאַרטעפּיאַן! אָבער אויך די אייגענע מעשה: געה מאַך בארוואריעס? האָט ער געהאַלטען דעם צונג צווישען די צייהן און געשוויגען.

ליינגער קומט עפּעס אַ מאַן און טענה'ט מיט מיין טאַכטער. זאָל איך געהן ארײַנשטעקען די נאָז און זיך איינהערען וואָס זיי ריידען? בין איך גאָר ניט אַזוי ציקאַווע; אָבער פערשטאַנען האָב איך, אַז מען רעדט עפּעס וועגען די פּיאַנאָ, ווי זיי רופען עס, נו, וואָס איז עס מיין עסק?

אין אָבענד ווען דזשענילע איז געקומען האָט זיך עטעלע מיט איהר געשושקעט און גע'סוד'עט אין פראָנט רום און ביידע זיינען ארויס מיט אַראָבגעלאָזענע נעזער. יענעם אָבענד זיינען זיי ביידע געזעסען ווי אבלים, ניט דאָ געדאַכט. וואו שפּיעלען, ווען שפּיעלען? אפילו אַ סקריפּ ניט געטהאָן, פּונקט ווי קיין פּיאַנאָ וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

מיט אַ פּאָאָר טעג שפּעטער, דער זעלבער מאַן איז ווידער דאָ. האָט מען זיך ווידער געשושקעט, ווידער גע'סוד'עט און איך ווייס אַלץ ניט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. פאַר מיין אײדים, זעה איך, היט מען זיך, מען דערצעהלט איהם קיין זאַך ניט, נור די טאָכטער מיט דער מאַמע, די מאַמע מיט דער טאָכטער שמועסען, ישוב'ען זיך, האַלטען זיך עצות און מען איז אַלץ פערטרויערט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, ווידער דער זעלבער מאַן. דאַן האָב איך געזעהן ווי עטעלע מיינע האָט איהם אריינגערופען אין פראָנט רום און געגעבען געלט. איך וואָלט שווערען אַז צוויי פינפערלאַך. ווערט מיר די זאַך קשה, ווייל איך ווייס דאָך, אַז קיין לעגער געלד האָט זי ניט און עס פעהלט נאָך אָפּט אוים אַ דאָללאַר אויף חיונה, היינט וואו האָט זיך עס צו איהר פּלוצלינג גענומען אַזא אוצר? אָבער איך זאָל געהן פרעגען? קען איך נאָך קריגען אָנגעזידעלט אויך, שוויג איך שוין בעסער.

טאָקי אין דעם זעלבען טאָג, בעמערק איך, אַז עטעלע מיינע האָט ניט דעם רינגעלע איהרען וואָס זי טראָגט שטענדיג אויפ'ן פינגער. טהו איך איהר אַ פרעג: טאָכטערקע, וואו איז עס דער רינגעלע? אפשר ערגעץ אויסגעטהאָן און פערגעסען? ענטפערט זי מיר, אַז ער

האָט זיך צובראָכען און זי האָט איהם אוועקגעגעבען פעררריכטען, פיקסען, ווי מען זאָגט עס דאָ. נו — טראַכט איך — אבי אזוי.

היינטיגע וואָך, יענער מאַן איז ווידער דאָ, זיך ווידער גע־שושקעט, ווידער גע'סוד'עט זיך און ער איז אוועקגעגאַנגען. איך זעה מיין טאָכטער איז צוטראָגען, געהט אום ווי אונטער דער ערד און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. קען איך זיך שוין ניט איינהאַל־טען און טהו א פרעג: וואָס איז דיר עטעלע? האָט זי מיר דערצעהלט א גאַנצע חד גדיא, אז זי האָט די פּיאַנאָ געגומען אויף אָבצאָהלען און דער מאַן יענער קומט עס מאָהנען געלד און עס איז גרויסע צרות. אגב האָט זי א טאָפּ געטהאָן דעם דופק ביי מיר, אפשר האָב איך מיט־געבראַכט פון דער היים א קניפּעל, זאָל איך איהר עס באָרגען; אָבער דעם אמת זאָגענדיג, זאָלען עס מיינע שונאים האָבען אויף אָן אָנביי־סען וואָס איך פערמעג. אז אָך און וועה איז מיר, פערשלעפּט דעם קאָפּ אין אַלדע שווארץ יאָהר און אפילו אויף תכריכים ניט אָנגעגרייט.

אי, אי, אי, אז עס קומט עפּעס א צרה פּערטרויט מען דער אַלטער מאַמע; א שמחה, ווייס איך ניט אויב מען וואָלט איהר אָנגעזאָגט. אז זי איז אריינגעקראָכען אין א בלאָטע און ניט געקענט ארויסקריכען האָט זי שוין פאַר מיר אויסגעדערצעהלט איהר גאַנצע האַרץ, כאָטש מעהר ווי מיט א זיפץ קען איך איהר ניט העלפען. זי האָט מיר דער־צעהלט, אז סעם ווייס ניט ווי פיעל דער פאָרטעפּיאַן צו די פּיאַנאָ קאָסט, זי האָט זיך פון דער מיידעל ניט געקענט אָפּטשעפּען און האָט עס געמוזט קויפען. עס קאָסט א באַרג מיט געלד קאָסט עס, עפּעס צוויי הונדער מיט 50 דאָללאַר. וועה איז מיר, מיין אַלטער עליו השלום האָט דאָך דארויף געדאַרפט קנעלען 5 יאָהר, און דאָ צו'סחר'ט מען עס אזוי פיעל געלד אויף גאָר ניט! זי האָט מיר געזאָגט, אז פאַר מזומן האָט מען עס געקענט קויפען פאַר העלפט געלד; אָבער אויף אָבצאָהלען קאָסט עס א סך טהייערער. איהם סעם'ען האָט מען איינגעשמועסט, אז עס קאָסט א קלייניגקייט און ער ווייס נאָך עד היום ניט פון זיין חורבן.

איינגעצאָהלט האָט מען שוין שעהנע עטליכע פינף און צוואַנצי־גער אַלץ אָהן איידים'ס וויסען. דאָ אָבער איז די געזינדעלע געוואָרען גרעסער, מען דאַרף נאָך א שיכעלע, נאָך א קליידעלע איז שוין ניטאָ פון וואָס אָבצורייסען און מען איז געבליבען שטעהען אין מיטען.

דעם פינגעריל איהרען האט זי ניט געגעבען פעררוכטען, זי האט איהם גאר פערזעצט, געבארגט עטליכע דאללאר און אוועקגעגעבען פאר דער קאטערינקע און ערשט וויל יענער נאך געלד, וועז ניט נעהמט ער עס צו און אוים פיאנא! ערשט וועט טאקי זיין ווי זאגט יענער: ני שאפקא, ני ראשי, ניט קיין שפיליוליע, ניט קיין געלד. נו פרעג איך אייך, איז גוט אזוי?

און אז איך האב איהר אנגעהויבען שטראפען: סטייטש, איז גוט אזוי? איז שעהן אזוי? וואס הייסט עפעס גנב'ענען ביי א מאן? אפילו צדקה געבען טהאר מען דאך אויך ניט אהן דעם מאן'ס וויסען, איז זי גאר ברוגז געווארען אויף דער מאמע, אקוראט, ווי איך זאל איהר ווייס איך וואס טהאן.

זאגט איהר אדרבא, איהר זיינט דאך ניט קיין נארישע אידענע, פאר וואס זאל א מענש ניט קוקען אויף די הינטערשטע רעדער? פאר וואס זאל א מענש ניט בעטראכטען פריהער וואס שפעטער וועט זיין? איך ווייס, אז עטעלע מיינע איז ניט די איינציגע וואס איז ארייגעפאלען אין אזא צרה: איך האב געהערט אז דא אין אייער קלוגער אמעריקא זיינען פאראן א סך אזעלכע וואס נעהמען ציערונג, שעהנע מעביל און אנדערע זאכען אויף אבצאהלונג און נאכדעם ווי מען צאהלט שוין אב אזוי פיעל פיעל די סחורה איז ווערטה, אדער נאך מעהר, בלייבט מען שטעהען און מען נעהמט די סחורה צו, נו, אויף וועלכע כפרות דארף מען עס? האסט ניט קיין געלד, קויף ניט! זאל זיך א קבצן ניט וועלען. פע, ניט אזוי פיהרט מען א וועלט.

V.

דזשייקעלע איז בר מצוה געווארען.

הימעל און ערד און שווינדעל, אט דאס איז אייער אמעריקא! איך ווייס ניט אויב איך וועל זיך אמאל אויסגרינגען און איינשטימען

מיט היגע פיהרונגען; מיר דאכט אז קיין מאָל ניט. דערווייל איז ב"ה וואָס א טאָג ווייטער זעה איך זיך אַלץ מעהר ארום וואָס פאַר א פאַלשע וועלט דאָ איז, פאַלש פון אָנהויב ביז'ן סוף! דער נגיד איז דאָ קיין נגיד ניט, דער אָרימאַן קיין אָרימאַן ניט, א וועלט פול מיט פורים שפּיעלער, מיט פערשטעלעניסען. מען נאַרט זיך אליין, מען נאַרט אַנדערע, מען קנייפּט די באַקען און מען שטעלט די פאַרב.

איהר ווייסט אַנטקעגען וואָס איך זאָג דאָס? אַנטקעגען די קינ־דער מיינע, זאָלען געזונד זיין. צווישען אונז גערעדט, קבצנים, אביונים און אז עס קומט צו אויספיינען זיך, ווארפט מען זיך מיט טאָלערס אזוי ווי מיט פוילע ציבעלע. א ציקאווע זאַך, ווי איהר זעהט מיר א אידישע טאָכטער, דאַכט זיך קיין מאָל ניטאָ א זאַפּאַסנער טאָלער אין קעשענע און אויפ'ן שווארץ יאָהר געפינט זיך! אוי, איך שטאַרב אַוועק צוקוקענדיג אויף אַזעלכע פיהרונגען און מען מוז שווייגען, ווי זאָגט מען עפּעס: אַן אָקס האָט א לאַנגען צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען.

א שמחה, א גדולה אויף זייערע קעפּ, דזשייקעלע איז געוואָרען בר מצוה! ווייסט איהר ניט וואָס פאַר א מצוות דזשייקעלע טהוט? אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען! דעם זכות פון זיינע מצוות, ווי זאָגט יענער, זאָל איך געניסען אין א שיסעל קרעפּלאַך.

ווייסט איהר נאָך ווען דזשייקעלע איז א נאָמען? נאָך אַן עלטער־זיידען, נאָך מיין שווער עליו השלום, ר' יאַנקעלע האָט מען איהם גערופען. וואָס ווייסט איהר וואָס פאַר א איד ער איז געווען? גאַנץ יוראָפּ האָט דאָך מיט איהם געקלונגען, און דער אור־אייניקעל זיינער קען אפילו א ברעקיל עברי ניט! אָבער ניחאי וואָלטען עס טאַטע און מאַמע פערשטעהען, א נעכטיגער טאָג! ביי זיי איז דזשיי־קעלע א גאַנצער בעל דרש'ער, און מען מאַכט פון איהם א וועזען אזוי ווי פון עפּעס רעכטס!

מילא אויף איהם, אויפ'ן אינגעל פערדריסט מיר ניט. ער איז דאָך ניט מעהר ווי א קינד, ווי מען האָט איהם געלערענט אזוי קען ער. פאַר וואָס זאָל ער זיין בעסער פון טאַטען? דער טאַטע נעהמט דען אַמאָל א אידיש וואָרט אין מויל? זאָל איך אזוי בעהיט זיין פון שלעכטס! אָבער אויף די נאַרישע טאַטע און מאַמע פערדריסט מיר, וואָס מאַכט איהר דאָ אַזא אויפצוג? וואָס וואַרפט איהר גלאַט געלד

אין בלאַטע? וואָס געהט איהר דאָ פראָוועזן פאַדלעס, צו פאַדים (פאַר־טיעס), איך ווייס אסור ווי מען רופט עס, פע! חלשות, אויף נאמנות.

אפשר מיט צוויי חדשים פריהער, דאָס איז געווען באַלד ווי איך בין געקומען, הער איך ווי די טאָכטער מיינע זאָגט צום איידים, אַז מען דאַרף דינגען פאַר דזשייקין אַ רבי, ווייל ער דאַרף אָנהויבען לייגען תפילין און מען מוז איהם אויסלערנען די ברכות אויף דער תורה, און נאָך עפּעס, האָט זי געזאָגט; עפּעס אַ שפּיטץ צו אַ ספּיטש, פרעגט מיר בחרם וואָס דאָס איז, אפשר מיינט מען עס די שטיקעל דרשה וואָס ער האָט געזאָגט. מילא גאָר ניט! מיינען האָב איך געמיינט, אַז דער אינגעל לערענט אודאי אַ פּאָאָר בלעטלאָך גמרא. פאַר וואָס ניט? דער טאַטע אַ למדן, באשר דאָ נוטצט ער עס ניט; דער זיידע, דער עלטער זיידע אויך געווען מופלגים קומט דאָך עס איהם בירושה — לסוף, וועה דער באָבע, דאַרף מען איהם גאָר לערנען די ברכות אויף דער תורה! פערקלעמט עס מיר ביים הארצען, אָבער איך שווייג, וואָס זאָל איך טהאָן מיינע צרות?

מילא וואָס זאָל איך איך פיעל ברייען? אויף מאָרגען איז אַראָב געקומען אַ רבי און אָנגעהויבען קנעלען מיט דעם תכשיט און וואָלט איהר הערען, אויב אַ שייטיל עברי, אויב אַ וואָרט, אַקוראַט ווי אַ דאָרפישער שייגעץ, און די באָלוואַנסקע מאַמע זיצט און קלייבט נחת!

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַכט קיילעכדיגע וואָכען. אַלע טאָג פלעגט קומען דער רבי און איהם געדויבעט אין מח די ברכות אויף דער תורה און עפּעס כלומר'שט אַ שטיקעל דרשה, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טעם ווי אַ מיידעל אָהן נדן. מען טאָר קיין לשון הרע אויף אַ אידען ניט ריידען, אָבער אַז עס דערגעהט צום הארצען, מוז מען ריידען. איך וואָלט שווערען, אַז דער רבי אליין ווייס אויך אַזוי וואָס אין דער דרשה טהוט זיך אַקוראַט ווי איך ווייס וואָס עס טהוט זיך ערשט אין ווארשא. ער פלעגט עס לייענען פון אַ געשריעבענעם פּאַפּיער. און דזשייקעלע פלעגט נאָכזאָגען, עס הייסט, ווען ער פלעגט וועלען; אָפט פלעגט ער זיך נאָר פערקוקען וואו פויגעלאָך פליהען און כאַטש שים איהם אין מוח, האָט מען פון איהם אַ וואָרט ניט געהערט. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיסעם לעבען? דזשעני מיט איהר קאַטערינקע,

די פּיאַנאַ, מיין איך, און דזשייקעלע מיט זיין דרשה, האָבען געלע־כערט דעם מוח מיינעם, א וואונד אין הארצען האָבען זיי מיר געמאַכט און איך האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס, געשוויגען און געוואַרט אויפ'ן סוף.

פאר שבת, וואָלט איהר זעהן, האָט מען זיך אָנגעהויבען צו גרייטען אזוי ווי צו א חתונה. מען האָט געבראַכט בראַנפען, וויין; מען האָט געבאַקט, געבראָטען, געפּרעגעלט און עס האָט זיך געטאָן ליהודים. האָב איך אויף נאַמנות געמיינט, אז מען קלייבט זיך עס אויף א תנאים ביי דזשעני'ן און מיר איז דוקא די זאַך געפעלען געוואָרען. אין אמת'ן, זאָל דאָס קינד האָבען א נאָמען! וואָס פאַר א שעהנקייט איז עס אומשלעפּען זיך מיט א בחור גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין? און וואָס טהוט מען, אז מאָרגען האָט דער בחור חרטה? אָט אז מען פראַוועט אָב א תנאים, ווייס מען, אז דאָס איז עס? ווי זאָגט איהר, האָב איך רעכט צו ניט? לסוף דערצעהלט מיר די טאָכטער מיינע, אז דאָס געהט מען פּראַווען א בר מצוה, ווי רופען זיי עס? פּאַרלע, פּאַדי, דער גוטער יאָהר ווייס זיי.

שבת אין דער פריה, מיין עטעלע און דער איידים מיינער סטראָיען זיך אוים און מען געהט מיט דזשייקעלען אין שוהל. מיך האָט מען אויך גערופען, מילא געה איך. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? הארצעלע, קריינעלע, האָב איך עס דאָרט נחת געהאַט, אזא נחת זאָלען די וואָס ווינשען מיר בייז האָבען פון זייערע קינדער! מען האָט דעם בר מצוה בחור אויפגערופען צו דער תורה, האָט ער אסור געוואוסט צו מען מאַכט דאַרויף א ברכה מזונות אָדער שהכל! א גליק איז געשעהן וואָס דער רבי זיינער איז געשטאַנען ביי דער זייט און איהם אונטער־געזאָגט יעדעס וואָרט, ווען ניט, וואָלט ער, אסור מיר, געוואוסט ווי אָנצופאַנגען. היינט א דרשה האָט ער אָבגעזאָגט? פרעגט שוין גאָר ניט!

און מיינט איהר אפשר, אז ער איז אזא שעהמעוודיגער? אזא שטילינקער? נישט־קשה אָנטקעגען דער מאַמע צו דער באָבע האָט ער א מויל, וואָלט איהר זעהן ווי ער קען זיך וואַרפען מיט שנעע? אָהאָ, דערצו איז ער א מאַדים! און ביי דער תורה האָט איהם, שונא ישראל, דער לשון אָבגענומען.

איך בין געשטאַנען און עס האָט מיר געפלאַמט דער פּנים פון

שאנדע, און די מאמע, דער באַלוואַן, האָט זיך געשמאַלצען, אַקוראַט ווי דער תכשיט איהרער זאָל אין אמת'ן דרש'ענען! אָבער דאָס בין איך אייך שוין מוחל. שעהנער איז געווען נאָכ'ן דאַווענען ווי די קלוגע קינדער מיינע האָבען אָנגעטריעבען אַ גאַנצע כאַליאַסטרע און מען האָט געגעסען און געטרונקען אַזוי ווי אויף אַ נגיד'שע חתונה! נו, פרעג איך אייך אדרבא, צו וואָס? צו וועלכע כפרות? מען וואָלט כאָטש זאָגען, אַז דער אינגעל דאַווענט — אַ נעכטיגער טאָג! מעסט בלומרשט אַן די תפילין און ווי לאַנג מיינט איהר וועט עס אָנהאַל־טען? ניט מעהר זאָל דער אידישער גלות געדויערען, ווי לאַנג ער וועט דאַווענען.

ווייסט איהר פיעל דער עסק האָט אָבגעקאָסט? פערדיענט עס מיין אײדים אַלע וואָך און אפשר אַלע צוויי וואָכען! מיט אַ פינף און צוואַנציגער האָט מען עס זיכער ניט גע'פטור'ט, און פרובט בעט מיר פאַר'ן גאַנצען טאַראַראַם אַ סענט, וועל איך אייך ניט געבען. עס האָט ביי מיר אַ פנים ווי חוזק, ווי דריי מאָל גאָר ניט, אַ רעגולע פורים־שפיעל, איך זאָל אַזוי געזונד זיין.

אַ קאַטאַוועס, דזשייקעלע וואָלט גאָר ניט קענען זיין אַ שייגעץ, אַ לאָופער, ווי מען רופט עס אויף היגען לשון, ווען מען וואָלט אויף איהם ניט אויסגעבען אַזוי פיעל געלד! קיין קשיא ניט, וועמען גאָט העלפט אַ גוט קינד און מען איז רייך, נו, מהיכא תיתא; אָבער אַז דער אינגעל איז אַ גוי, אַ כאַמולאַ און איהר זיינט קבצנים, וואָס טויג אייך אַזאַ טאַראַראַם? לערענט איהם בעסער אויס, ווי זאָגט יענער, מאַכען אַ המוציא איבער אַ רעטאָך און מאַכט זיך ניט נאַריש מיט אַזעלכע פוסטע זאַכען. פע, חלשות.

VI.

פעסיע די לאַנגע אויך מיר אַ לייט?

איהר הערט? מען דאַרף ניט זיין שעהן, מען דאַרף ניט זיין קלוג, מזל דאַרף מען האָבען. אַז מען האָט מזל, איז מען אי שעהן, אי

קלוג; און אַז די דאָזיגע גאָט'ס מתנה פעהלט, מעג מען אפילו זיין שעהן ווי די זיעבען זוננען, מעג מען אפילו זיין אַזוי קלוג ווי שלמה המלך, טויג מען אַלץ אויף כפּרות.

אין דער היים געדענק איך, פלעגט מען זאָגען, אַז אין אמעריקא זיינען אָרים און רייך אַלע גלייך. דאָ זיינען אַלע מיסטערס און יחוס אָדער געלד שפּיעלט דאָ גאָר קיין ראָלע ניט; לסוף אָבער זעה איך, אַז יאק טוט, יאק טאם. די גאַנצע וועלט איז ווי איין שטאָדט און אומעטום איז געלטעניו דער עיקר.

איהר ווייסט, מיסעס לעבען, אַנטקעגען וואָס איך זאָג עס? איך זאָג עס אַנטקעגען מיינע אַ לאַנדסמאַניכע, זאָג איך עס איך. האָב פיינד צו ריידען רכילות אויף אימיצען, איך בין ח"ו ניט פון די בעריי־דערקעס, אָבער אַן אמת מעג מען זאָגען אפילו אויף אַן אייגענעם טאַטען. איז וואָס זשע וויל איך אייך אויספיהרען? יאַ, אַנטקעגען מיין לאַנדסמאַניכע וואָס איך זאָג.

געוועזן, וואָלט איהר זעהען, אַ שוואַרצע מויד, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד, אַן אַלטע אַ מיאוסקייט, קיין שכל ניט גע־האַט פאַר אַ קאַטץ, פּעסע די לאַנגע האָט מען זי גערופען. היינט אַ שליאָמפּערקע, זאָל ער היטען און בעשירמען, עס האָט פון איהר גע־רונען און געשוואוּמען! ווער האָט עס גאָר גערענקט אַז פּעסיע זאָל חתונה האָבען? וועמען האָט זיך עס גע'חלום'ט, אַז עס זאָל זיך גע־פינען אַ בעלן אויף איהר? ביז'ן גרויען צאָפּ האָט מען געמיינט וועט זי פערזיצען; לסוף, וואָס טהוט גאָט? געפינט זיך עפּעס אַ שניי־דעריל און פערכליאָבטשעט זיך גאָר אין איהר! ניט זינדיגען זאָל איך מיט די רייד, ווי אַזוי מען האָט זיך געקענט אין אַזעלכע פערליע־בען, ווייס איך ניט. מילא, קורץ דערפון מען האָט דער מויד פערשליי־ערט און איך זאָג אייך, אַז גאָט אַליין האָט דערביי אַ מצוה פער־דיענט.

נאָך דער חתונה איז זי געוועזן אַ קבצן'טע אַזוי גרויס ווי שבת הגדול. ניט דאָ געדאַכט, ניט אין קיין אידישער שטוב געדאַכט, גע־זעסען אַ טאָג אָהן ברויט, אַ טאָג אָהן זאַלץ, היינט אַ גאַנג איז זי גע־גאַנגען, אַזוי ווי די גרעסטע שלעפּערקע; אפילו אַ ציצענע קליידעל ניט געקענט אַרויפציהען אויף זיך. איך זאָג אייך אויף נאמנות, אַז עס האָט געשניטען ביים האַרצען קוקענדיג אויף איהר.

מילא, וואָס טהוט ווידער גאָט? פאָהרט דער מאַן איהרער אוועק קיין אַמעריקאַ. מיט וואָס פאַר אַן אופן ער איז אוועקגעפאָהרען, אויף מיינע און אויף אייערע שונאים געזאָגט. געבאָרגט, געליהען, פערזעצט די לייכטער און ווי עס איז צונויפגעשלאָגען אויף הוצאות. אין שטעדטיל האָבען אַלע געזאָגט, אַז זי וועט פערבלייבען אַן אייביגע עגונה — ווער האָט עס גערעכענט, אַז ער זאָל ווען שיקען נאָך איהר? וואָס איז, עס פעהלט עפּעס אין אַמעריקאַ מיידלאַך צו ווייבלאַך? אַזעלכע מציאות ווי פּעסיע די לאַנגע וואַלגערען זיך אויפ׳ן מיסט! אָבער אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט: עס איז ניט אַריבערגעגאַנגען קיין צוויי יאָהר און ער האָט נאָך איהר געשיקט און זי האָט געשריעבען אַהיים בריוועלאַך, אַז זי האָט אַ גאָלדענע מערכה און איהר איז וואויל ווי די וועלט.

ליינגער האָב איך זיך אָנגעהויבען פרעגען אויף איהר און עטלע מיינע האָט מיר דערצעהלט, אַז פּעסיע איז דאָ אַ נגידה. דער מאַן איהרער, האָט זי מיר געזאָגט, איז אַ ריעל טויטניק (ריעל עסטייטניק), זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, ווי איך ווייס וואָס דאָס איז, פרעגט מיר אַ גרינגערע זאַך. נו, טראַכט איך ביי זיך, דאַרף מען האָניג? אַז צוקער איז זיס!

זאָג איך צו מיין טאָכטער, אַז איך וואָלט דער פּעסיען וועלען זעהען. פאַר וואָס ניט? געוועזען אין דער היים נאָהענטע שכנים, אַ שטוב נעבען אַ שטוב צער האָב איך פון איהר, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, גענוג געהאַט, לאָמיר כאָטש האָבען אַ ביסעל נחת אויך. אגב וועל איך איהר אָפּגעבען פון איהרע אָרימע קרובים אַ גרוס, און אויב זי איז טאַקע אַזאַ גביר׳טע, וועל איך אפשר ביי איהר פּועל׳ן, אַז זי זאָל זיי שיקען עטליכע רובעל, עס וואָלט אסור אַן עולה געוועזן.

עטלע מיינע האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז מען דאַרף צו איהר ניט געהן, וויל יענע איז אַ גאַנצע גראַפיניע און מען קאָן גאָר צו איהר ניט צוטרעטען; אָבער איך האָב געזאָגט, אַז אַרויסוואַרפען וועט זי מיר דאָך ניט, היינט וואָס קען איך דערביי צולייגען? איך ווייס דאָך אָבער אַליין ניט ווי צו געהן, האָט מיר די טאָכטער מיינע אַ טובה געטהאָן און געהייסען אַ קינד מען זאָל מיר אַהין צופיהרען.

מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? גאָט מיינער, איך האָב זי אסור דערקענט! געוועזן דאַכט זיך אין דער היים אַ דאַרער פלאָקען

און דאָ איז זי גרעבער ווי לייננער, גאָר ניט די פּעסיע וואָס געוועזן! היינט א דירה, א רעגולאר פּאלאץ! נו, מהיכי תיתא, איך פערגין איהר, אויף נאמנות, מיט'ן גאַנצען הארצען; דער וואָס פערגינט איהר ניט, זאָל אליין ניט האָבען! איך זאָג מיינס: זאָל גאָט געבען אַלע אידען און אונז אויך, מיינס האָט זי חלילה ניט אוועקגענומען.

זיטץ איך אזוי און שמועס מיט איהר און זי האָידעט זיך אויפ'ן שטוהל און זי זאָל עס גאָר פרעגען, זי זאָל עס גאָר א וואָרט דער־מאָנהנען וועגען איהר משפּחה. טהו איך איהר א פרעג: האָסטו עפּעס בריוועלאך פון די פּעטערס, פון די מוהמעס? ענטפּערט זי מיר, וואָלט איהר הערען מיט א קוויטשעל, אזוי ווי א געבאָרענע אמערי־קאַנערקע:

„א מציאה מיט זיי! איך האָב פיינד אזעלכע שנאָרערס, לאָזט זיך נאָר צו צו אזעלכע, וועלען זיי דעם לעצטען טאָלער אויסזאָקען, זאָלען זיי זיך זיין געזונד דאָרטען און איך דאָ. איהר מיינט, אז איך האָב ניט מעהר וואָס צו טהאָן, נור שרייבען צו זיי בריעף אָדער לייע־נען זייערע בריעף? אנדערש לוינט זיי ניט!"

נו, ווי געפעלט אייך, איך בעט אייך, אזא תשובה?

שווייג איך און קלעהר ביי זיך: וואָס געלד קען מאכען, פריהער ווען זי איז געוועזן א קבצנ'טע, זיינען די פּעטערס מיט די מוהמעס געוועזן גוט און היינט, אז זי איז אריין, ווי מען זאָגט: אין די פּערד־רען, טויגען זיי שוין ניט! אין דער היים וואָלט איך איהר דערפאר געגעבען א גאָב, אז זי וואָלט ניט וויסען פון וואַנען עס איז איהר גע־קומען; אָבער דאָ, געה טשעפּע זיך מיט איהר! האָב דיר א גוט יאָהר — קלעהר איך — און איך א בעסערען.

געקומען צו רייד וועגען לאַנדסלייט, פרעג איך ביי איהר אויף דעם אויף יענעם; ענטפערט זי מיר: „וואָס טויג מיר לאַנדסלייט? ניט איך געה צו זיי, ניט איך וויל זיי זאָלען געהן צו מיר. איך האָב מיט זיי קיין ביזנעס ניט און וויל פון זיי ניט וויסען. א קאָטאָוועס, ווער זיינען די לאַנדסלייט? עס איז דען דאָ איינער פון זיי א רעכ־טער, אָבער שור־בור און וויעדער שור־בור, איך גלייך זיי אזוי ווי פעפער אין נאָז".

אי — טראַכט איך — דו קענסט עס זאָגען פאַר אזעלכע וואָס

וויים ניט, אָבער איך קען דאָך דיר פון דער היים, היינט וואָס טויג דיר מאַכען אַזאַ פּוריע? אַ קלאָג צו די יאָהרען, אַז שמערקע פּויקער איז אויך אַ כּלי זמר.

אַ סוף, דערמאָהן איך שוין מעהר ניט קיין לאַנדסלייט און מאַך מיט איהר אַ שמוּס וועגען איהר שוועסטער וואָס שטאַרבט אין דער היים פון הונגער. די שוועסטער איהרע וואָס איך זאָג, איז געווען אַ שעהנע מיידעל, אַ קלוגע מיידעל, קומט אַזוי צו איהר ווי טאָג צו נאַכט און דער מאַן איהרער, אַ צאַצקע, אַ זייד, נור קיין מזל נעבאַך איז ניטאָ. מאַך איך צו איהר, צו פּעסיען, הייסט עס: עס וואָלט כ'לעבען געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט שיקען נאָכ'ן שוואָגער, אַ רחמנות נע־באַך, עס שניידט ביים הארצען, אַזעלכע אביונים ווי זיי זיינען, ניט געשעהען זאָל עס אין קיין אידיש שטוב. איך וויים — זאָג איך — אפשר משנה מקום, משנה מזל, אפשר וועט איהם דאָ גאָט בעגליקען, ער וועט פערדיענען געלד און פאָהרען אַהיים אָדער קענען איהר ברייי־גען אַהער.

ווי איך האָב דאָס אויסגערעדט, אַז מיין גראַף פּאַטאַטשיכע פער־קרימט זיך און מאַכט צו מיר אַזוי:

„עס פעהלט מיר נאָך דאָ אַ גרינע חיה אויף מיין קאָפּ! אַנדערש ניט, איך זאָל איהם אַראָפּברייינגען אַהער! האָט איהר געזעהען אויף אייער לעבען? וואָס איז עפּעס אָנהענגען זיך אויף יענעמ'ס קאַרק? מען זאָל זיך אַזוי ווערען צו אַלעמען צולאָזען, וואָלטען אפילו דעם מלך'ס אוצרות ניט געסטייעט. למאי זאָל איך עס טהאָן? וואָס איז, איך וועל דאָ פון איהם כבוד האָבען? אָדער די קינדער מיינע וועלען כבוד האָבען פון זייער פעטער? איך בין איהם מוחל, זאָל ער זיך רוהען וואו ער רוהט, אויך מיין באָבעס דאגה".

נו, וואָס זאָגט איהר דערויף? אמת, פּעסיע איז ניט די איינציגע וואָס מאַכט אַזאַ אנשטעל, איך האָב געהערט אַז דאָ זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, אָבער נאָך מיין נאַרישען שכל קומט אויס, אַז עס דאַרף אַזוי ניט זיין. מילא ביי אונז אין דער היים, אַז אַ רייכער שעהמט זיך מיט'ן אָרימאַן, איז עפּעס אַנדערש, אָבער דאָ אין דער גאָלדענער אַמעריקאַ וואָס איהר בעריהמט זיך, אַז אַלע זיינען דאָ גלייך, דאַרף אַזוי ניט זיין.

אָבער גאָה מאַך איבער א וועלט! די וועלט וועט מיר און נאָך אזעלכע ווי איך איבערלעבען און אַלץ ביי איהרע עולות פערבלייבען.

VII.

פינף רומסען מיט א באָד.

איהר ווייסט מיסעם לעבען, אז די קינדער מיינע געהען שוין מופען פון דאַנען. א שאָד אויף נאמנות; דאָ ווי די זאַך איז, גאָה איך אמאָל אריין צו אייך און שמועס זיך דורך א ביסעל און אין דער נייער דירה, וועד וויים וואָס פאר א שכנים מען וועט אָנטרעפען. אָבער וואָס קען איך העלפען? אז איך בין דאָך אימשטיינס געזאָגט, ווי אין מחזור שטעהט, כחומר ביד הצורר (היוצר), וואוהין מען פיהרט מיר מוז איך נאָכגעהען.

געוויס ווען עס זאָל זיך ווענדען אָן מיר, וואָלט איך עס ניט דערלאָזען; אָט אז מען זיצט, זיצט מען. געהען ברעכען זיך, קאָסט עס אי געלד אי געזונד און לסוף קען מען נאָך אמאָל אריינפאַלען צו א שלעכטען בעל הבית, ווי רופט איהר עס דאָ, לענדלער, שמענדלער, וויים אייך דער גוטער יאָהר מיט אייער לשון, און שכנים, אז מען האָט שלעכטע, מיינט איהר איז עפעס גוט? אזא יאָהר אויף מיינע שונאים וואָס פאר א גוטס דאָס איז, גלויבט מיר, אז ווען איך זאָל דאָ אייך ניט האָבען וואָלט איך שוין אפשר שונאי ישראל משוגע געוואָרען. א מענש דאַרף האָבען וואוהין אריינצוגעהן, פאר ווענען אויסצורעדען דאָס הארץ, מען קען ניט זיצען שטענדיג פערשפאַרט אין הויז, דער וואָס ווינשט מיר בייז איינמאָל א יאָהר, זאָל לעבען אליין און שטאַרבען אליין.

אָי, אָי, אָי, מיסעם לעבען, איך בין, ווי זאָגט יענער: אריינגעקראָכען מיט א געזונדע קאָפּ אין א קראַנקע בעט. איך האָב אזוי גע־

דארפט אמעריקא אקוראט ווי איך דארף ערשט געהען טאנצען. איך וואלט שוין מיינע ביסעל יאהרען אין דער היים דערצויגען, איז דאך אבער א מאמעס הארץ, האט עס מיר געצויגען צו די קינדער, צו די אייניקלאך, נו, נו, גיבען זיי מיר ערשט פעפער שמעקען; אוי, וואס א מענש טהוט זיך אליין, קען עס איהם קיין שונא ניט טהאן, אן אויפ־געיאדרעוועטע, אן אויפגעגריזשעטע בין איך, גאט אין הימעל וויים דעם אמת.

די אייניקלאך מיינע וואלט איהר זעהען זיינען דאך ברוגז מיט מיר. שוין אפשר צוויי וואכען, אז זיי האבען צו מיר א ווארט ניט אויס־גערעדט און אז איך פרעג זיי עפעס, ענטפערען זיי ניט, אפילו דעם קליינעם מייקעלע האבען זיי אויך אנגעלערענט זאגען „איך מעד מיט באבע”, און פאר וואס? דערפאר וואס איך זאג, אז קינדער דארף מען ניט אזוי צופעשטשען, מען דארף זיי ניט נאכגעבען אלץ וואס זיי ווילען, נו האב איך חוטא בייגעל (בעגל) געווען און וואלט מעגליך געווען וואלטען זיי די אלטע באבע דערטרינקען אין א לעפעל וואַ־סער.

און די מאמע זייערע מיינט איהר איז בעסער? איין שווארץ יאהר! מיט איין הארמאט מעג מען זיי אלע אויסשיסען, ווי זי גע־וואהנט זיי איין אזוי זיינען זיי. זי צולאזט זיי, צופעשצעט זיי און נאכדעם קריכען זיי אויפ׳ן קאפ, און מיינט איהר אפשר אז זי פער־שטעהט עס? אסור מיר, ניט אומזיסט זאגט מען, אז ווייבער האבען לאנגע האאר און קורצען שכל.

לייגנער זאג איך צו מיין טאכטער: עטעלע, וואס שאכליע־ועסטו אזוי מיט געלד? וואס וואלט א שטייגער געווען, אז אייקעלע זאל ניט אויסגעבען אלע טאג 5 סענט אויף קענדי? און אז בעגילע זאל ניט האבען קיין שליטעלע וואלט ניט געטויגט? און אז דזשייקעלע, דער בר מצוה בחור וואלט ניט אנגעטשעפעט רעדלאך אויף די פיס און וואלט ניט אומגעלאפען גאנצע טעג ווי א צובושעוועטער פערדיל, וואלט איהם עפעס אבגעקומען? די אלע שמאכטעס קאסט געלד און געלד געהט ניט צו פוס, וואס איז עפעס — זאג איך, א ראטשילדיכע ביסטו? דער וואס היט ניט דעם גראשען, איז אליין א גראשען ניט ווערטה.

מאכט זי צו מיר: מיש זיך ניט מאמע, איך האב דיר ניט אראפ־

געבראַכט אהער, אז דו זאָלסט מיר לערנען ווי צוהאָדעווען קינדער. דאָ איז אַ מאָדע, אז מען רייסט זיך מיט קינדער ניט איין.

גאָר ניט, אָט אזוי פסק'נט זי אָב און געקאָנטשעט! אי עס איז ניטאָ פון וואנען, דעם מאַן'ס פערדיענסטען קען ניט סטאַיען אויף אַלעס, דאָס איז קיין תירוץ ניט. די קינדער דארפען זייערע קאַפּריזען אויספיהרען, אזוי זאָגט די מאַמע און דער טאַטע זאָל כאָטש מיט'ן נאָז די ערד אַקערען, וועמען אַארט עס? כאָטש הענג זיך אַבי ברייננג.

און ערשט מיט די מופעניש וועמעס אָבקלעהר איז עס? אויך די קינדער'ס. דזשעניען האָט זיך פערגלוסט מופען און זי וועט מסתמא אויספיהרען. איהר הערט דאָך וואָס דאָ איז, איך וועל אייך פערטרויען אַ סוד, אַז זי איז שוין אוים כלה און וויעדער מויד, אזוי ווייזט עס אוים. איך האָב אייך דאָך אַמאָל דערצעהלט, אַז זי גנעהט אום מיט אַ בחור און ערשט איז עס אַ פּנים צו נישט געוואָרען. בכן האָט זי שוין ערגעץ געפונען אַן אַנדערען, פּאַסט איהר ניט צו ברייננען איהם אין די רומס. דער — זאָגט זי — איז אַ ביזנעס מאַן — זאָלען מיר אזוי ביידען וויסען פון שלעכטס, ווי איך וויים וואָס דאָס איז — זי דערצעהלט דער נארישער מאַמע גליקען, אַז ער איז אַ גביר, אַ מי־ליאָנשציק, היינט ווי ברייננגט מען איהם אין אַזאַ הקדש?

אוי, הארצעלע, קריינעלע, האָב איך געהאַט אַ פּורים, ניט אומ־קעהרען זאָלען זיך שוין אַזעלכע פּורים'ס. איהר האָט עפּעס פערזוכט ביי מיין טאָכטער, אזוי האָב איך פערזוכט, וואָס סעודה, ווען סעודה? תשעה באב, זאָג איך אייך, איז אין הויז געווען.

איז זי לייננער אראָבגעקומען, וואָלט איהר זעהען, די כלה מויד און האָט אָנגעהויבען לייענען דער מאַמע אַ צעטעל: „די גרעסטע שלעפּערים פערוואָהנען דאָך שעהנער ווי דו. אַ הויז איז עס? אַ שטאַל איז עס ניט אַ הויז, עס איז דאָך מיר אַ שאַנדע צו זאָגען וואו איך וואָהן, קען דען אַ לייטישער מענש אהער ארויפקומען? אפילו אַ רעכטער טשער אויף וואָס צו זעצען זיך איז דאָך ניטאָ. איהר פער־טרייבט דאָך מענשען מיט אייער שנאָרערשען פיהרונג און איהר מאַכט מיך אונגליקליך".

פערשטעה איך שוין, אַז פון יענעם גליקליכען שידוך האָט זיך אויסגעלאָזען אַ בוידים און זי האָט שוין ערגעץ געפונען אַן אַנדער

גליק און עס ווענדעט זיך מעהר ניט אום דעם, אז מען זאל וואהנען אין א שעהנער דירה און האבען שעהנערע מעביל.

רוף איך זיך אמת אן: „נארעלע וואס דו ביסט, זעה נור אז דו אליין זאלסט דעם חתן געפעלען ווערען, וועט דיר די הויז מיט די שטוהלען צום שידוך ניט שאדען".

נו זאלט איהר מיר לעבען און געזונד זיין, וואס האב איך דא געזאגט? דאכט זיך א גאנץ גלייכע זאך, לסוף, אז מיינע פאלט עס אויף מיר אן מיט אזעלכע קולות, מיט אזעלכע זלזולים, אקוראט ווי איך זאל די קרוין ריהרען פון איהר קאפ און פון דאמאלס אן זיינען אלע ווי איינער ברוגז געווארען אויף מיר און האדיע.

פורים האט זיך די מויד ווידער צופלאקערט מיט די זעלבע טענות: הכלל עס שטעהט פאר איהר אנגעגרייט א גליקליכער שידוך, נור די רומס שטעהען איהר ווי א ביין אין האלז. זי קען דעם רייכען און געבילדעטען חתן אין הויז ניט אריינפיהרען און מען קוילעט איהר וואס מען וואהנט דא. האט מיר דער טייוועל ווידער אנגעטראגען אריינצומישען זיך; נו, נו, האב איך געהאט א טאג, פרעגט שוין גאר ניט.

און מיינט איהר זי האט ניט אויסגעפיהרט? ערשט געהט מען שוין זוכען א נייע דירה, 5 רומסען מיט א באד, ווי מען רופט עס. מען וועט שוין אין איין וועגס קויפען נייע פארניטשור, ווייל די טאכ־טער וויל אזוי, ווייל נאך איהר שכל וועט עס זיין א מעלה צו א שידוך און מען וועט איהר אויסכאפען ווי א מאלינקע.

א שעהן ביסעל קען מען זיך פערלאזען אויף די היינטע בחורים, זיי בייטען דאך מיט די כלות ווי ציגיינער מיט פערד, היינט איז די גוט, מארגען איז רעכט אן אנדערע: הלואי זאל איך ליגען זאגען, דער וועט אויך אזוי זיין איהר חתן, ווי איך וועל זיין זיין כלה. מאלע וואס זיי זאגען? צוזאגען און איינריידען קאסט קיין געלד ניט.

מילא מיר וואלט שוין ניט געאארט, ווען גאט העלפט און מען איז רייך, מהיכי תיתא, איז א שעהנע דירה בעסער; אבער צו וואס דארף מען עס? מילא זי, דזשעני מיין איך, איז נאך א יונגע ציעג, אבער די מאמע, וואס דו האלסט שוין ביי ווערען א שוויגער, האסט דאך געדארפט א ביסעל מעהר שכל האבען.

דער איידים מיינער זאל געזונד זיין האט דאך אביסעל מעהר

שכל, ער קוויינקעלט זעהר שטארק אויף דעם גאנצען עסק, אָבער די טאָכטער מיינע רעדט איהם איין, אז מען וועט אריינלאָזען א פּאָאר פרעמדע מענשען און עס וועט זיין צושטייער אויף דירה געלד, אבי הייסט עס, נאָכגעבען דער מויד די שמד און לאָזען איהר אויספיהרען איהר קאפּריז, אז עס זאָל כלומרשט הייסען, אז מען וואָהנט אין 5 רומס. נו, פרעג איך אייך, האָט עס עפּעס א זינען? אי, קינדער־לאך, אז איהר וועט קומען אין מיינע יאָהרען וועט איהר אויך אנדערש מיינען, אנדערש דענקען, ווארט, ווארט, איהר וועט זיך נאָך אמאָל קלאפּען אין הארצען חטאתי און מודה זיין, אז די באָבע איז גערעכט געוועזן.

VIII.

צוויי קעטץ ביי איין טייגאכץ.

האליאָ! וואָס מאַכט איהר? שוין לאנג ניט געזעהען! זעהר איהר, האָ? מען ווערט צו אלעם געוואָהנט. איך האָב געמיינט, אז איך וועל קיין מאָל ניט קענען אויסריידען א וואָרט אויפ׳ן היגען לשון, לסוף באלעבאָטשעט זיך שוין ביסלעכווייז, ווי זאָגט א גוי להבדיל: בייעדא נאאוטשיט.

אוי מיסעם לעבען, מען ווערט צו גרעסערע צרות געוואָהנט, אי, אי, אי, וואָס א מענש קען איבערטראָגען, פּעק, גאנצע בערג מיט צרות קומט ער איבער! אָט דער שוואכער, זינדיגער מענשעלע איז אמאָל שטארקער פון אייזען.

איך זאָג עס טאקע וועגען מיר אליין, זאָג איך עס. וואָס ווייסט איהר וואָס פאר א געברענטע לײדען איך האָב? איך ווער נור וואָס ניט צופּוקעט, די גאל פּלאצט אין מיר און איך מוז שווייגען! ווי זאָגט מען עס אויף גוי׳איש: אי ביוט, אי פּלאקאט ני דאיוט, מען שלאָגט און מען לאָזט ניט וויינען.

איהר מיינט טאקע, אז מען שלאָגט מיר? חס וחלילה, דערווייל

האלט נאך ניט דערבײ. ניט דערלעבען זאל איך, ניט דערהארען זאל איך עס, טאטע דערבארעמדיגער! בעסער א שעהנער רײנער טוידט אײדער א קינד אדער אן אײניקעל זאל אויף מיר א האנד הויבען; אבער זײ גיבען מיר אזוי אויך געגוג, אז עס איז אך און וועה צו מיר און איך מוז האלטען דעם צונג צווישען די צייהן און — שא.

איך האב דאך אײך דערצעהלט, אז דזשעגילען האט זיך פער־כאליעט מופען, נו האט מען געמופט! איז מען ארויפגעקראכען וואלט איהר זעהן, אויף א טאפ פלאאר, אזוי הויך אפשר ווי דער שפיץ קלויסטער, אז מען הויבט אן געהן הקפות מיט די טרעפ, פערדרעהט זיך אזש די קאפ, אבי די הארציגע טעכטעריל האט אויסגעפיהרט און זי האט פינף רומסען מיט א באד! א גלות, הא? ביי אונז אין דער היים קומט די גאנצע שטאדט אוים מיט איין באד און מיין אײ־ניקעל דארף האבען א באד אין שטוב, אנדערש פאסט איהר ניט!

היינט וואס פאר א נוטצען האט מען פון דער באד, שמאד? גאר ניט מיט גאר ניט! אין שטוב איז קאלט, כאטש טרייב הינט, מען ווערט פשוט דערפרארען, זאג איך אײך; היינט געה פאלג מיר א גאנג און באד זיך ווען עס טרייסעלט אזוי אויך אוים די צייהן פון מויל! איז אויף וואס זשע, מיינט איהר, נוצט די באד רום, ווי זײ רופען עס? מען האלט דארט די אומריינע וועש, די שמוץ וואס מען פוילט זיך ארונטער טראגען און נאך אזעלכע ציכטיגע זאכען, א רע־גולער חזיר שטאהל איז דאך דארט!

מילא, דאס בין איך שוין מוחל. האט מען זיך נאך פערשול־דיגט, פער׳חוב׳עט, אריינגעפיהרט נייע פארניטשע, וואס איז? די כלה מויד דארף אראבברייננען חתנים, פאסט איהר ניט, שטעהט איהר ניט אן, אז עס זאל זיין אבי וועלכע מעביל, א קאטאוועס דער גרויסער גביר וואס איהר טאטע איז! כדאי טאקי הארעווען, רייסען, שונא ישראל, קריעה, בארגען, זארגען צוליעב איהרע שארלאטאנטשיקעס.

איך זאג שארלאטאנטשיקעס — און זי איז דען בעסער? צוויי־שען אונז גערעדט, איין שווארץ יאהר! זי איז ניט בעסער פון זײ און זײ זיינען ניט בעסער פון איהר, מיט איין הארמאט מעג מען זײ אלע אויסשיסען.

אי, די יונגוואַרג, זײ זיינען אסור ווערטה וואס די ערד טראגט זײ! איך ווייס ניט אויב אלע זיינען אזוי אדער נור וואס מיינס איז

ניט לייטיש... אָבער דערוויי״ל ווער ליידעט? די באָבע! ווען מען ווערט א וואונד אין הארצען? דער באָבע! איך וועל אייך אויף טשיקאַוועס דערצעהלען וואָס ביי אונז אין שטוב טהוט זיך אָפּ, איך זאָג אייך, אז עס איז אויף נאמנות בילעטען צו נעהמען, א רעגעלער טריאטער, ווי איהר זעהט מיך א אידישע טאָכטער.

באלד ווי מען האָט אריינגעמופט אין דער נייער דירה, צושטעלט די נייע פאַרניטשע און אויפגערעמט אין הויז, איז דזשעני מיינע נע־קומען צו לויפען צוויאָכערט אקוראט ווי ברוך אויפן יריד און זיך אָנגע־הויבען סוד'ען מיט דער מאמע. איך זעה מען שטעהט אין פראָנט רום און שו־שו־שו, מו־שו־שו; מו־שו־שו, שו־שו־שו, ווייסט איהר עפּעס וואָס זיי האָבען גערעדט? אזוי ווים איך אויך! איך וויל זיך ניט בע־דיהמען; אָבער זאָגען זאָג איך אייך, אז ווער עס איז שעהן און איך בין קלוג! איך האָב באלד פערשטאַנען, אז די מויד וועט שוין אראָפּ־ברייגנען דעם גליק, דעם חתן איהרען צו דעם ליובאָווניק מיין איך און מען שמועסט עס אָפּ ווי דעם גאַסט אויפצונעהמען. מיינט איהר אפשר איך האָב ניט געטראָפען? זאָל אונז און אלע אידען אזוי טרע־פען אַל דאָס גוטס ווי איך האָב געטראָפען!

אין אָבענד, וואָלט איהר זעהען, איז דער גאַסט אראָבגעקומען. נו, פרעגט שוין גאָר ניט וואָס עס האָט זיך אויפגעטהאָן! די מויד האָט אָנגעצונדען אלע נעזען, א גאַנצע אילומינאציע געמאַכט; עטלע מיינע האָט איהם אריינגעפיהרט אין פראָנט רום, דערלאַנגט כיבוד און עס איז געווען ליהודים.

סעם, דער איידים מיינער האָט פון איהם ניט געמאַכט אזא צי־מעס; געגעבען שלום עליכם און ווי איינער רעדט: שלאָגט זיך קאָפּ אָן קישען. די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען וואָס סעם איז קלינער פון זיי, פאַרט א מאַנסביל! אָבער די טאָכטער מיינע האָט פאר גרויס שמחה אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, געשטשיפּעט און געריסען די קינדער פאר וואָס זיי האָבען געוואָלט אריינגעהן אין פראָנט רום און האָט געקעהרט וועלטען. און די אלטע באָבע, וואָס האָט געטהאָן? איך בין געזעסען אין א ווינקעלע און געדאַנקט גאָט אבי מען טשעפּעט מיך ניט.

פון דאַמאָלס אָן איז דער בחור געוואָרען אַן אנגעהער אין הויז. די מויד פלעגט מיט איהם אָבזיטצען גאַנצע נעכט און שושקען זיך,

און די טאָכטער מיינע האָט מיר דערצעהלט, אז דער בחור איז איין דזשעני'ען פערליעבט, פערשמיבט, זי אין איהם אויך און אז מיר וועלען דערלעבען וועלען מיר עסען לעקאך אויף זייער תנאים.

דאכט זיך גוט, הא? מיט עטליכע טעג שפעטער קומט אראָפּ אן אנדערער און מען מאכט פאר איהם אויך אזא טאראראם ווי פאר יענעם. אין אמת'זאָגענדיג האָב איך ניט געוואוסט, אז דאָס איז אן אנדערער, ביי מיר האָבען אלע יונים איין פנים, נאָר עטעלע האָט מיר פערטרויט דעם סוד, אז דער אנדערער בחור איז נאָר א שמאַלץ גרוב און אז דזשעני ליעבט איהם געפעהרליך און ער איז פאר איהר נאָר די כפּרה.

קלעהר איך זיך: אז עס איז ניט קיין ראיה, אזוי ווי ער ווערט א כפּרה פאר דזשעני'ן, קען ער א כפּרה ווערען פאר אן אנדער מיידעל אויך. למאי זאָל ער זיין בעסער פאר דער מויד? זי מעג האָלט האָבען צוויי? מעג ער אויך! אָבער נעה גיעב זיי עס צו פערשטעהן, אז זיי זיינען די חכמות און איך דער נארר! האָב איך שוין בעסער געשווי־גען און געטראכט: קינדערלאך ווי איהר בעט זיך אויס אזוי וועט איהר שלאָפען.

אָבער ווי פיעל קען מען שווייגען? איינמאָל, צוויי מאָל, א מענש איז מען און מען מוז ארויסגעהן פון געדולד! אז איך האָב געזעהען אז די בחורים קומען אלע אבענד, אמאָל דער, אמאָל יענער, האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און מאך צו מיין טאָכ־טער אזוי:

עטעלע מיין קינד, די מאמע איז עלטער פון דיר מיט א מיטוואָך און דו מעגסט איהר אמאָל אויך פאָלגען. אָט דאָס וואָס דיביידע בחורים שלעפען זיך אהער געפעלט מיר גאָר ניט. דזשעני וועט דאָך מיט ביידען ניט חתונה האָבען, הייגט צו וואָס דארף זי מיט זיי ביידע מאכען מחזקות? ממה נפשך, איז דער איהר בעשערטער, זאָל זיין דער; איז יענער, זאָל זיין יענער. און וואָס — זאָג איך — וועט זיין אז זיי וועלען זיך איינע פון די אנדערע דערוויסען?

האָט עס דזשעני געדארפט דערהערען, איז זי געוואָרען אן אָנגע־צונדענע און אָנגעפאלען אויף מיר ווי א בייזער הונד. וואָס איז אייע־רע ביזנעס? — האָט זי זיך צושריען — איך גלייך זיי ביידען און מישט זיך ניט!

הלואי — האָב איך געקלעהרט — זאָל עס זיין גליך, אָבער נאָך מיין שכל נאָך איז עס קרום, זעהר קרום אז ביי אייך שפּיעלט א ראָליע ליעבע, שמיבע, ווי איך הער אייך שטענדיג שמועסענדיג, דארף דער בחור ליעב האָבען נור איין מיידעל און די מיידעל איין בחור און ווען ניט אזוי איז די גאַנצע ליעבע אייערע א גראָשען ניט ווערטה.

איך קען אייך שווערען, מיסעס לעבען, אז די בחורים יענע האָבען ערגעץ אויך נאָך מיידלאך און אַלע טאַנצען אויף עטליכע חתונות.

איך וועל אייך קיין סך ניט ברייען און דערצעהלען בקיצור, אז מען האָט מיר געהערט ווי פאר־א־יאָהריגען פראָסט און די בחורים זיינען נאָך היינט אויך ווי צוויי קעטץ ביי איין טייגעכץ. אמת זיי קומען זיך ניט אויףביידע אין איינעם, ווייל דאָס האָט שוין די טאָכ־טער מיינע מיט'ן אייניקעל שכל געהאַט צו בעוואָרענען, אז אזא זאַך זאָל ניט טרעפען; אָבער וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג קען מען זיך שפּיעלען אין בלענדעניש?

בינו לבינו פּלאַצט אין מיר די גאָל קוקענדיג אויף אזעלכע זאַ־כען און איך זאָג אייך, אז איך בין שטאַרקער פון אייזען, אז איך האַלט עס אויס.

IX.

אמעריטשקע איז פּאָרט א מדינה.

איהר זעהט מיסעס לעבען? סקאַציל קומט, א גאַסט אין א נאָ־ווינע, צו־וואָרפט דעם אויווען, איהר דארפט מיך? אָט בין איך!

עס קען זיין, אז איהר קוקט נאָך מיר ניט אזוי שטאַרק אויס, די דריטע אויג וואָלט איהר געוויס ניט אויסגעוויינט ווען איך זאָל ניט קומען; אָבער אז איך בין שוין דאָ וועט איהר מיך מסתמא ניט ארויסטרייבען.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז מיר אליין פערדריסט עס

אויך, עס קומט מיר אויס פּראָטיוונע וואָס איך דרעה אייך אַלע מאָל דעם קאָפּ, לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס איך בין מיט אייך אָדער איהר מיט מיר? מילא ווען מיר זיינען געווען שכנים, איז עפּעס אַנדערש; אָבער היינט איז אפשר טאַקי אַן עולה וואָס איך קום גאָר צו אייך.

אַ חוץ דעם ווילט איהר אפשר ניט ליידען וואָס איך רייד שלעכטס אויף אַמעריקאַ. ווי זאָגט מען עפּעס: פאר אַ גר אין די אויגען טאָר מען קיין גוי ניט שילטען. איהר זיינט שוין אַן אַמעריקאַנערקע קומט אייך אויס, אַז אַלעס איז גלייך, אַלעס איז גוט און ביי מיר זעהט אַלעס אויס קאַפּויר, מיט'ן קאָפּ אַראָב, מיט די פיס ארויף! די האַרץ ווערט פול, ווייל עס זיינען פאראַן זאַכען וואָס איך קען דאָך ניט צוזעהן, קום איך זיך אַביסעל אויסריידען. קיין נעהנטערע ב"ה האָב איך דאָ ניט, היינט צו ווען זאָל איך געהן, אַז ניט צו אייך?

איהר הערט? אַז דער וואָס איך האָב די הענט ניט געוואַשען וועט מיר שענקען דעם לעבען, וועל איך אפשר אויך אָנהויבין קוקען אויף אַמעריקאַ מיט אַנדערע אויגען. אַ נאַטור בייט זיך, היינט זעהט אויס, אַז דאָס איז גוט און מאָרגען געפעלט עפּעס אַנדערש. מען זאָגט, אַז אַלע גרינע זיינען אַזוי, פריהער געפעלט זיי קיין זאַך ניט און ווען זיי גרינען זיך אויס, איז אַלעס גוט. איך אליין האָב זיך שוין אויך אַביסעל צוגעוואָהנט און אַז איך וועל לעבען און געזונד זיין וועל איך זיך מסתמא צו אַלעס צוגעוואָהנען.

די ערשטע צייט, וואָלט איהר זעהן, האָב איך פערשאָלטען דעם טאָג וואָס איך בין אַהער געקומען, וואָלט מעגליך געווען, וואָלט איך דאַכט זיך כאָטש צו פוס צוריק אַהיים ענטלאָפען, און היינט האָב איך זיך שוין אַביסעל אָבגעקיהלט. ווען מען זאָל מיר היינט זאָגען איך זאָל אַהיים פאָהרען, וואָלט איך זיך גוט מישב געווען.

איך האָב זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען ארומזעהן אַז אַמעריטשקע איז אויך אַ שטיקעל מדינה און אין אַנדערע פרטים אפשר אַ בעסערע ווי יוראָפּ.

מיר פערדריסט אויף מיינע אייניקלאך וואָס זיי פיהרען איבער געלד, די קליינוואַרג פערנאַשען און קויפען כל־ערליי שמאָכטעס און די עלטערע ווידער זיינען פערקאָכט אין טהייערע קליידער, שעהנע פאָרניטשע, שעהנע רומס און נאָך אַזעלכע זאַכען אָהן וועלכע מען קען זיך בעגעהן, אָבער איבערקעהרענדיג די בלאַט צוריק, איז אפשר גאָך

קיין עולה ניט. פאַר וואָס זאָלין זיי ניט וועלען אז זיי קענען אויספּיה־רען? אי וואָס, דעם טאַטען מאַמען קומט עס אַן שווער? וואָס מאַכט עס אוים? אבי זייערס ווערט אויסגעפיהרט.

לאָמיר ריידען צוריק: פאַר וואָס זאָלען זיי ניט וועלען? אז זיי זעהן דאָך אז אַנדערע האָבען עס! אז איך הויב זיך אָן אָפּט דערמאָ־נען, בין איך מיידעלוויז אויך ניט בעסער געווען פון זיי. א מענש איז בעשאַפען געוואָרען מיט א יצר הרע, פיעל ער האָט איז איהם וועניג; אוי, אוי, אוי, ניט אומזיסט מישטיינס געזאָגט לייגט מען דעם זינדיגען מענשען שערבעלאַך אויף די אויגען.

איך האָב ניט געהאַט קיין השגה צו שעהנע שפּיעגלען אָדער טהיי־ערע מעבעל; מיר האָט זיך אפילו קיין זיידענע קליידלעך אויך ניט געוואָלט, ווייל איך האָב עס ביי מיינע חבר׳טעס ניט געזעהען, אָבער צו דאָס וואָס איך האָב ביי לייטען יא געזעהען, האָב איך אויך חשק געהאַט, פּונקט ווי מיינע אייניקלאַך היינט, נור איך פלעג פערבלייי־בען ביי׳ן חשק, פלעג זעלטען ווען קוים אויסוויינען א ציצען קליידעל אויף יום טוב און מיינע אייניקלאַך, א דאַנק זיין ליעבען נאָמען, פיהרען זייער וועלטעל בעסער, זיי קומט אָן גרינגער צו מאַכען זיך זיידענע קליידער ווי מיר אַמאָל די ציצענע.

און מיינט איהר אפשר, אז דער טאַטע מיינער, ליכטיג זאָל איהם זיין אין קבר, איז געווען אבי ווער? מען האָט איהם געהאַלטען פאַר א שעהנעם בעל הבית אין שטאָדט און נאָך אַלעמען איז ער געווען אַן אָרעמאַן. ווען, מען האָט שוין וועגען מיר ווי מען זאָגט: מיט לייטען גערעדט, פלעגט נאָך אויך אָנקומען מיט נרינגע ווערים ביז מען פלעגט מיר מאַכען א שטיקעל קליידעל.

אָבער לאָמיר שוין ניט ריידען פון אמאָליגע יאָהרען און וואָס איז היינט מיינט איהר? איהר זיינט שוין אפשר לאַנג פון דערהיים האָט איהר שוין פערגעסען, אָבער מיר לינט נאָך ערשט אויך אין מויל דער טעם פון די היימישע פיהרונגען. קיין גבירים זיינען מיר קיין מאָל ניט געווען, אָבער שטיקלאַך בעלי הבתים ווי מען זאָגט. עטלעע מיינע געווען א בת יחידה׳קע, איין אויג אין קאָפּ פון דעסטוועגען האָט מען זיך קיין מאָל ניט פערגונען מאַכען איהר א לייטישען בגד, אז מען האָט איהר געדאַרפט חתונה מאַכען איז אָנגעקומען מיט קריעת ים סוף, זיך פערשוּלדיגט, פערבאָרגט, אַזוי שווער זאָל אונזערע

שונאים אָנקומען די גסיסה, ווי שווער עס איז אונז אָנגעקומען ביז מען האָט גע׳פּטר׳ט דעם באַרג פון קאָפּ.

און מיינט איהר אפשר, אז זי איז געווען אבי וואָסער מיידעל? א קראַסאַוויצע געווען, הויך ווי א סאָסנע און שעהן ווי די זון, זאָג איך אייך. עס האָט זיך אָבער געוואָלט האָבען א שעהנעם איידים, האָט עס געקאָסט אי ממון אי דמים, פרעגט שוין גאָר ניט.

ווען די טאָכטער מיינע מיט׳ן איידים זיינען אראָב פון קעסט, וואו האָבען זיי געוואָהנט? אין אן אַלקעריל אזוי גרוים ווי א היהנער־שע פיסעל; זייערע מעבעל איז געווען א הילצערנע בעט, א טישעל א פּאָאר הינקעדיגע ביינקלאַך און דאָס אַל (דאָט׳ס אָלל), ווי מען זאָגט עס אויף היעגען לשון, הייגט וואָס האָט מען געגעסען? קרופּניק מיט ברויט! מען האָט נאָך געדאַנקט גאָט אבי דאָס איז פאַראן, און דאָ? קיין עין הרע, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט זיין, ווי קיסרים לעבען זיי דאָך, אזוי ווי זיי הערען ניט, אזוי זאָל זיי ניט שאַדען.

ווען דעם זינדיגען מענשען, ווי דער רבונו של עולם פיהרט מיט איהם, איז ער אַלץ ניט צופריעדען! איך האָב דאָך אין אמת׳ן גע־דארפט נאָך אמאָל אזוי דיק און גראָב ווערען פון נחת, לסוף געפעלט מיר נאָך ניט! אמת די קינדער מיינע זיינען אָרימע לייט, מען באָרגט, מען לייהט, מען נעהמט אויף אָפּצאָהלען; אָבער קודם פעהלט קיין זאַך ניט. מסתמא וועט גאָט העלפען, די צייט וועט זיך פערבעסערען און עס וועט זיין אַללע רייט! ווי זאָגט דער איידים מיינער: קאָלומ־בום איז א בטוח.

אמת טאָקי, איך זאָל אזוי געזונד זיין. עס איז ניט אזוי א גלייך וואָרט ווי אן אמת; קאָלומבום איז טאָקי א בטוח, איך זעה דאָך, אז אַלע וואָס זיינען געקומען אהער לעבען בעסער און פערוואָהנען שעהנער ווי אין דער היים. וואָס ווייסט איהר, ווי מען ווערט עס ביי אונז אין רוסלאַנד אויסגעריסען! ווי לעבט מען, וואָס עסט מען; אוי, אויף מיינע שונאים געזאָגט. ליאַד אבי ווער לעבט דאָך דאָ שעהנער ווי ביי אונז דער שעהנסטער בעל הבית, איך זאָג אייך מיסעס לעבען, אז דאָ איז א גן עדן.

איך וועל עס אייך אויספיהרען אַנטקעגען דעם וואָס איך זאָג, אז עס איז אפשר ניט קיין עולה וואָס די אייניקלאַך מיינע ווילען עס זאָל זיין שעהן פערפּוצט אין הויז, ווייל ביי אַלעמען איז דאָך אזוי,

היינט פאר וואָס זאָלען ר׳ מיכעלע׳ס אייניקלאך זיין ערגער פון אלע.
איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? אז דאָס וואָס דזשעני, די אייניקעל מיינע מאכט חבר לאַפּ מיט די בחורים, איז אפשר אויך ניט קיין גראָבע נארישקייט. עס קען גאנץ שטארק זיין, אז זי וועט זיך אזוי פאַמעליך אויסגעפינען א חתן. אי וואָס ער וועט ניט זיין אזא למדן ווי דער טאטע איהרער, אויך מיר א דאגה! א קאטאָוועס? זעהר פיעל לערנט זיך דאָ אָן דער איידים מיינער, וויים איך וואָס, ער נעהמט דען אמאָל א ספר אין האנד? שוין געוויס פערגעסען וואָס ער האָט געקענט.
אָט אזוי איז עס מיסעס לעבען. איך האָב מיר היינט גענומען אָן אנדער דרך. איך מיש זיך ניט, איך זאָג גאָר ניט, איך רייד גאָר ניט, איך האָב זיך ארומגעזעהן, אז דאָ איז אָן אנדער וועלט, די היינטיגע דורות זיינען אנדערע, די פיהרונגען אנדערע, א וועלטעל דרעהט זיך איבער און ווען מען זאָל אפילו זיין מיט צעהן קעפּ וועט מען זיי ניט איבערמאכען.
הוליעט קינדערלאך, פיהרט די וועלט ווי איהר פערשטעהט און זאָל אייך גאָט בעגליקען.

X.

דער פעטער ר׳ פסח לאָזט זיך הערען.

נו, א דאנק דעם וואָס איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען זיין נאָמען, שוין באלד פסח אויך דערלעבט, א לעבעדיגער מענש דער־לעבט אלעס; ווי לאנג דאכט זיך איז געוועזן ראש השנה און אָט איז שוין פסח! ניט אומזיסט זאָגט מען, אז ווען מען זאָל פסח זיך גוט צוהערען, וואָלט מען געהערט ווי מען בלאָזט שופר, און ראש השנה ווידער ווען מען זאָל צולייגען דעם אויער, וואָלט מען געהערט ווי מען קלאפּט מיט די קאטשאלקעס ביי מצה וועלגערען. אָט אזוי לויפען די טעג מיט די יאָהרען, אז מען קוקט זיך גאָר ניט אָרום.

די ערשטע צייט באַלד ווי איך בין אַהער געקומען איז מיר יעדע מינוט געווען אַ שעה, יעדער טאָג אַ יאָהר; איך האָב געמיינט אַז איך וועל, שונאי ישראל, משוגע ווערען און היינט לויפען די טעג מיט די וואָכען אַט אַזוי ווי אַ פייל פון בויגען. ווען עס זאָל חס ושלום אַזוי זיין ווי פון אָנהויב איז געווען, וואָלט איך שוין אפשר אָנגעשפּאַרט וויים איך וואו.

איהר ווייסט פאַר וואָס האָט זיך מיר עס די צייט אַזוי לאַנג געצויגען? ווייל איך בין ניט געווען געוואָהנט צו די היגע מנהגים, צו די היגע פיהרונגען; עפּעס האָט מיר אויסגעוויזען אַז אַלעס איז דאָ פערקעהרט ווי אין דער היים, איך האָב געמיינט, אַז איך בין דאָ איין קלאָהרע צווישען אַ וועלט מיט משוגעים, ערשט אָבער האָב איך זיך אַרומגעזעהען, אַז עס איז ניט אַזוי סטראַשנע ווי איך האָב געמיינט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז קיין אידען איז דאָ גאָר ניטאָ. וואָס אידישקייט, ווען אידישקייט, אַז וואו מען געהט, וואו מען שטעהט רעדט מען גאָר אַן אַנדער לשון! היינט וואָס פאַר אַ אידען קען מען דאָ זיין, אַז מען קען אפילו אידיש ניט ריידען? אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. אַצינד אָבער ווייס איך, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט.

מיין אַלטער, אַ גוטער מליץ זאָל ער דאָרט זיין פאַר אונז אַלע, געדענק איך, פלעגט אַ שמחת תורה אָדער אַ פּורים זיך צונויפקלייבען מיט חסידים און מען פלעגט זינגען: „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבי אידען זיינען מיר; וואָס מיר טהוען, טהוען מיר, אָבי מצוות טהוען מיר" ער, דער אַלטער מיינער,—אונז צו לייגנערע יאָהר—איז געווען אַ פערברענטער חסיד, וואָס פאַר אַ נגונים, וואָס פאַר אַ ליעדלאַך האָט ער ניט געזונגען? אָבער דאָס ליעדעלע איז מיר בעסער געפעלען געווען ווי אַלע. איך זאָג אייך, אַז ווען ער פלעגט עס זינגען, האָבען זיך פשוט די פיס געהויבען צום טאַנצען.

אַנטקעגען וואָס זשע וויל איך עס אויספיהרען? יע, ענטקעגען דעם וואָס די דאָזיגע ליעדעלע איז מקוים געוואָרען אויף אַמעריקאַ אויך. כאָטש קיין גרויסע חסידים איז מען דאָ אפילו ניט, אָבער אידען איז מען פאָרט.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז פאַר'ן פסח האָב איך זיך

שטאַרק געשראָקען. מילא אַלע טאָג מוז מען עסען וואָס עס מאַכט זיך, מען קען דען עפּעס העלפען? געה זוך נאָך אויב עס איז טריף אָדער כשר! מען מוז אימשטיינס געזאָגט דעם זינדיגען גוף אָנשטאָפּען מיט אבי וואָס, מען קען די נשמה ניט אויסשפּייען; אָבער פּסח, אַ קליינינקייט פּסח (עס שמעקט דאָך — ניט דאָ גערעדט — מיט אָפּגעשניטענע יאָהרען) נו, האָב איך טאַקע געציטערט, ווער ווייס ווי דאָ איז? אפשר האַלט מען דאָ גאָר ניט פון פּסח, אפשר איז דאָ גאָר קיין מצה ניטאָ, אפשר עסט מען דאָ חמץ, אַ קשיא אויף אַמעריקאַ? אַצינד אָבער איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון הארצען; אַצינד זעה איך, אַז איך האָב די אידעלאַך אומזיסט חושד געווען, אידען זיינען אומעטום אידען, געזונד און שטאַרק זאָלען זיי זיין, רבונו של עולם.

מען ריכט זיך דאָ אויף'ן פּעטער פּסח אַלס איינס ווי ביי אונז, מען וועט מסתמא פּראַוועט סדרים אויך ווי ביי אונז, מען זאָל נור דערלעבען געזונדערהייד, טאַטע דערבאַרימדיגער.

די טאָכטער מיינע, איך האָב דאָך איהר געהאַלטען פאַר אַן אפּיקורס'טע, וואָלט איהר זעהן ווי זי פּאַרקעט עס זיך אַרום פּסח! שוין אפשר דריי וואָכען אַז זי האַלט אין איין וואַשען, ביגלען, שייערען, נעהען, אַלץ לכבוד יום טוב. איך ווייס אסור פון וואַנען האָט זיך עס צו דער ווייבעל גענומען אַזעלכע כחות צו האָרעווען אַזוי פיעל. דערמאָהנט זיך פינף רומסען אָהן עין הרע און אומעטום איז צו וואַשען און צושייערט, אַ פלאָאָר זאָג איך אייך האָט זי געמאַכט, כאָטש לאָקשען וואַלגער אויף איהם. היינט די ~~פּרובכת'ן מיט די פּרוכת'לאַך אויף די פענסטער~~, קוירטענס — ווי איהר רופט עס — אַלע צו וואַשען, צו ביגעלט אַז עס איז שעהן צו קוקען. די קינדער ב"ה ווילען ניט העלפען, פּאַרקעט זי זיך אליין, דיענען זאָלען איהר די הענד, טאַטע זיסער.

מצה און וויין האָט שוין אויך דער איידים מיינער פּערזאָרגט, די קינדער אַ ביסעל צוגעקליידעט אויך, כאָטש זעצ זיך שוין צום סדר און זאָג די הגדה.

האָב איך דאָך געמיינט אַז מען טהוט עס אפשר מיר צוליעב, לסוף זעה איך אַז ביי לייטען איז אויך דאָס זעלבע. דער עולם איז דאָ צוליעב פּסח מעהר ביזי ווי ביי אונז אין דער היים, אוי, טאַטע פּאָטער אין הימעל ס'אַרא שעהנע פאָלק די אידעלאַך דיינע זיינען.

היינטיגע וואָך וואָלט איהר זעהען, האָט מיר עטעלע מיינע גערופען אין אַ קראָם — אַ סטאָר ווי מען רופט עס דאָ — אויסקלייבען פאַר מיר אַ קליידעל אויף יום טוב. ווי עס איז אראָפּגענומען די האַנד פון הארצען און זיך קוים דערמאָהנט אָן דער מאַמע; אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. ביי אונז אין דער היים איז ב"ה אויך דאָס זעלבע: פריהער פערזאָרגט מען זיך אליין און אַ מאַמע אָדער אַ טאַטע זיינען פון די לעצטע. אָט אַזוי פיהרט זיך די וועלט און מיר וועלען זי שוין ניט איבעראַנדערשען — איך וויל נור אויספיהרען אַנטקעגען דעם, ווי ביזי עס איז געווען אין סטאָר. אַלטע אידענעס, ווייבלאַך, מיידלאַך, קיין עין הרע זאָל זיי ניט זיין, אַ פּערפּאַקטע סטאָר געוועזן, מען האָט זיך אסור געקענט דערשפּארען, און אַלע זיינען געקומען עפּעס קויפען צו בעשעהנען דעם הייליגען יום טוב.

היינט וואָס עס טהוט זיך אין אַנדערע סטאָרס! אומעטום וואו מען טהוט אַ וואָרף אַן אויג שמעקט מיט ערב יום טוב. אין סטריט קען מען דאָך גאָר ניט דורכגעהן צוליעב די פּושקאַרטס. מאַמעלע מייַנע, צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געזעהען! די איינציגע כלים, גלעזלאַך, פלעשלאַך, איז דאָך ווערטה אַ פערמעגען, און אידעלאַך קויפען!

הכלל, מיסעם לעבען, דער פּסח לאָזט זיך דאָ הערען, איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב זיך דאַרויף ניט געריכט.

איך ווייס אפילו ניט אויב מען מיינט די הגדה אָדער מען מיינט די קניידלאַך — גיכער מיינט מען מסתמא די קניידלאַך. און וואָס איז ביי אונז אין דער היים מיינט איהר? אויך דאָס אייגענע! ניטאָ וואָס צו ריידען, פאַר אַמעריקאַ איז געווים גענוג ווי עס איז, אַבי מען האָט אין זינען דעם פּסח. ~~אין די ווהוב~~ דער רבונו של עולם אליין פערלאַנגט אויך ניט מעהר.

אין דער היים וואָלט געווים אַנדערש געוועזן, אין דער היים וואָלט העריזלע, דער אייניקעל מיינער געקענט פערטייטשען די הגדה און דאָ, גאָט ווייסט, אויב ער וועט אפילו קענען פרעגען די פיער קשיות. אָבער אַ כפרה! אַבי כאָטש מען וועט עסען מצה און פּראַווען אַ סדר ווי ביי אידען, איז אויך גוט! יע פערטייטשען די הגדה, ניט פערטייטשען די הגדה, זאָל איך מעהר קיין צער ניט האָבען.

פון אָנהויב האָט מיר אַזעלכע זאכען געקריינקט, אַז איך האָב געזעהען, אַז מען דארף דזשייקעלען לערנען די ברכות אויף דער תורה, בין איך געווען אויסער זיך, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פון עגמת נפש, שונאי ישראל, פון דער וועלט אַוועק; אָבער היינט האָב איך זיך שוין ווי מען זאָגט, אויסגעגרינט און מיר אַרט עס ווייניג וואָס.

געוויס וואָלט איך געוואָלט, אַז מיינע אייניקלאַך זאָלען קענען לערנען, ווייל תורה איז די בעסטע סחורה, אָבער מען קען עס ב״ה ניט דערלאַנגען, און אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

איך בין ניט גענאַרט אין חשבון. איך וויים אַז דאָ האָט א אינגעל ניט אַזוי פיעל צייט צו לערנען אידישקייט. דאָ מוז מען זיך לערנען ענגליש — יאָ, מיסעס לעבען, מען מוז, אָהן דעם איז מען א שטומער, אָהן צונג מען טויג אויף כפרות, נו, פערבלייבט שוין ווייניג צייט צו לערנען אַנדערע זאכען. קיין קשיא ניט, ווען גאָט העלפט צו האָבען קינדער מיט גוטע קעפּ און האָבען דערצו חשק, קענען זיי קענען אי דאָס, אי דאָס; אָבער וואו נעהמט מען עס? דאַריבער פערשטעהט איהר מיך סטאַרען זיי זיך פריהער וואָס מען דארף פאַר דער וועלט און יענע וועלט לאָזען זיי אויף שפּעטער.

און איהר מיינט מען קען וויסען פאַר ווען עס איז אָנגעגרייט יענע וועלט? מען קען עס אסור וויסען! דער אַלטער מיינער, עליו השלום, פלעגט זאָגען, אַז גאָט פערלאַנגט א גוטע הארץ און גוטע אידישע הערצער קענען מיינע אייניקלאַך און אַלע אידישע קינדער האָבען, כאָטש זיי זיינען ניט אַזעלכע מופלגים.

האָט קיין פּעאַריבעל ניט, מיסעס לעבען, וואָס איך האָב אייך אָנגעדראָטשעט א קאָפּ, עס איז דאָך ביי אייך אויך ערב יום טוב און איהר דארפט אודאי עפּעס טהאָן, גאָט זאָל געבען מיר זאָלען דערלעבען איבער א יאָהר אַלע אין גאַנצען און מיר זאָלען ווידער באַלאַקען.

האָט מיר א גוטינקען, געזונדינקען און כשר׳ינקען יום טוב. גוד באַי.

XI.

פרומקייט און שלום בית.

גוט יום טוב איך. וואס מאכט איהר עפעס גוטס? ווי געהט עס דער פסח? ווי קניידעלט זיך עס? ביי אונז איז א דאנק דעם וואס לעבט אייביג, נישט־קשה, די זעלבע הגדה ווי אין דערהיים, די זעלבע קשיות, די זעלבע כוסות, די זעלבע חרוסת; נור קניידלאך איז דא בעסערע, הלואי איבער א יאהר ניט ערגער.

א דאנק זיין ליעבען, כשר'ן נאמען וואס איך האב זוכה געווען צו זיצען מיט מיינע קינדער און אייניקלאך ביי איין טיש, ניט פער־שטערט זאל עס מיר ווערען, טאטע זיסער! ווער האט זיך עס פאר א יאהרען אין דער צייט געריכט, אז איך וועל נאך מגולגל ווערען אין אמעריקא? עס איז מיר אפילו אין דער לינקער פאה אויף ניט געלעג־ גען. אי, אי, אי, וועה איז דעם וואס ליעגט אין דער ערד, אבער א לעבעדיגער מענש קען אלעס דערלעבען.

דער אלטער מיינער, עליו השלום, פלעגט אלץ זאגען, אז ער וועט נאך אמאל פאהרען אין אמעריקא זעהן זיך מיט די קינדער. אין אמת'ן די סך קינדער וואס איך האב? אוי, מיינע שונאים זאלען האבען איין העמד און איין קינד, נו האט ער נעבאך געוואלט כאטש פארן טויט א קוק טהאן אויף דער טאכטער, אויף דער בת יחיד'קעלע, אבער א מענש טראכט און גאט לאכט! פייגעלע מיינע, ניט בעשערט געווען איהם נחת האבען.

וואס זאל איך זאגען? ניט צו פערזינדיגען, איך האב ב"ה נחת פון מיינע קינדער. הלואי ניט ערגער כל זמן איך וועל לעבען. א פסח האב איך ביי זיי, טאקי כיד המלך, עס פעהלט קיין זאך ניט, ווען דער אלטער מיינער זאל נאך זיין דערביי וואלט די שמחה גאר גע־ ווען פאר פול; אבער וואס קען מען העלפען? גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

דער אלטער מיינער — אונז צו לייגגערע יאהר — פלעגט זאגען, אז אלע מענשען לעבען מיט נסים, און די נסים פון ציאת מצרים

(יציאת מצרים) ווערען איבערגע'חזר'ט אלע טאָג. אפשר האָב איך דאָס וואָרט ניט גוט אויסגערעדט, מאַכט ניט אויס. ווי זאָגט מען עפּעס: יאַק ריידעלא טאַ ריידעלא, אבי דאָברע מיינעלא — איהר פערשטעהט דאָך מסתמא גוי'איש? איך מיין, אז די נסים וואָס איז געשעהען אין מצרים טרעפען אלע טאָג, אזוי פלעגט ער, עליו השלום זאָגען, און עס איז טאַקי אמת, אזא יאָהר אויף מיר ווי אמת דאָס איז.

לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס וואָלט אזא אידענע ווי איך געטהאָן, ווען ניט די שטיקעל קינד זאָל געזונד זיין? עס וואָלט דאָך אויסגעקומען כאָטש נעה אין הקדש! דאָ ווי די זאַך איז, עסען האָב איך? און אַברוה האָב איך? אָט וועל איך שוין דערציהען מיין ביסעל יאָהרען, ווי פיעל נאָך וועל איך לעבען? שוין קירצער ווי לייננער.

עס פערדריסט מיר נור איין זאַך וואָס איך האָב זיך פון אָנהויב געקידער ווידערט מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלאָך. א מענש לערענט זיך שכל ביז 70 יאָהר און שטארבט דאָך א נאַר! איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך האָב א גרויסע נארישקייט געטהאָן, אומזיסט און אומנישט האָב איך זיך אליין געערגערט, די קינדער געערגערט, עס האָט מיר אזוי געפעהלט צו מישען זיך אין זייערע ביזנעס, ווי איהר זאָגט, אַקוראַט ווי מיר פעהלט א לאָך אין קאָפּ.

איהר הערט? א גוי איז טריף, אָבער זיין ווערטיל איז כשר. א גוי להבדיל זאָגט: אויף וועמעס וואָגען מען זיצט יענעם דאַרף מען זינגען א פּעסיענקע, א סאָנג, ווי מען רופט עס אויף היגען לשון, מיינט איהר אפשר, אז דאָס איז ניט ריכטיג? ריכטיג ווי מיר האָבען היינט פּסח אויף דער וועלט, זאָג איך אייך.

איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? אז שוין ניט איך, וואָס איך בין דאָ ביי די קינדער אויף לאַסקאַווען ברויט, נור אפילו א טאַטע און מאַמע וואָס האַלטען אוים זייערע קינדער, דאַרפען מיט זיי אויך ניט איינרייסען. היינטיגע דורות זיינען ניט אמאָליגע: אמאָל פלעגען קינדער זאָגען אין דער פריה אין דער ברכה: „איך וועל טהאָן וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און וואָס אלע גוטע פרומע לייט הייסען מיר טהאָן". היינט זאָגען זיי ב"ה קיין ברכה ניט און פאָלגען ניט וואָס טאַטע און מאַמע הייסען. היינט איז יעדער איינער,

ווי מען זאָגט עס ביי אונז: „סאם סאַפּאַזשניק" און עס איז פיעל בעסער, שעהנער, און געזינטער, אז מען לאָזט זיי לויפען.

און נאָך אלעמען מיינט איהר, זיינען די היינטיגע דורות ערגער אָדער נארישער ווי די אמאָליגע? עס הויבט זיך גאר ניט אָן! עס איז אפשר ניט פאר אייערע יאָהרען געווען, אָבער איך געדענק נאָך, אז גרויסע בחורים פלעגען, איך בעט איבער אייער כבוד, געהן אָהן תחתונים; גרויסע מוידען פלעגען אומגעהן באָרפוסע, ווי בהמות זאָג איך אייך האָט מען געלעבט, און היינט וואָס א יאָהר ווייטער ווערט מען אלץ איידעלער — אזא יאָהר מיר ס'ארא שעהנע וועלט היינט איז. און ווער מאכט עס די שעהנע וועלט? די יונגוואַרג! ווען ניט זיי מיט זייערע מאָדעס, מיט זייערע אויפקלעהרעכצען, וואָלט מען נאָך היינט אויך געגאַנגען אָהן תחתונים און געוואָהנט אין כאלופּקעס ווי פער־צייטען.

אז עס דערמאָהנט זיך, לאכט זיך. ווי איך פלעג עס די ערשטע צייט וואָס איך בין אהער געקומען אָבעסען דאָס הארץ צוליעב יעדע קלייניגקייט, וואָס איז? באשר איך בין צו די היגע פיהרונגען ניט גע־וואָהנט געווען, האָט מיר אויסגעוויזען אז דאָ איז א פערקעהרטע וועלט, היינט אָבער בין איך צום שכל געקומען און מיש זיך ניט אין קיין זאך, פערקעהרט, איך באמקע נאָך צו, אז אלעס וואָס זיי טהוען איז גוט, ווייל איך האָב זיך פשוט ארומגעזעהן, אז מיר אלטע זיי־נען שוין אויסגעוועבט און מען דארף די יונגע לאָזען פיהרען די וועלט.

איך האָב זיך, פערשטעהט איהר מיך, אויסגעגרינט, אָנגעהויבען ארויסגעהן צווישען מענשען און איך האָב געזעהן וואָס פאר א צרות עס קומט ארוים דערפון וואָס מען רייסט זיך איין מיט קינדער. אוי, אוי, אוי, וואָס ווייסט איהר וואָס ביי לייטען טהוט זיך אָב! ניט דאָ געדאכט, ניט אין קיין אידישער שטוב געדאַכט, עס טהוט זיך הריגות צוליעב דעם וואָס די קינדער ווילען אזוי און די טאַטע און מאַמע ווילען אַנדערש.

איך בין די ערשטע טעג יום טוב געגאַנגען מיט מיין טאָכטער גוט יום טוב בעטען אונזערען א לאַנדסמאַן, דוקא ניט קיין אָרימאַן; נו, האָב איך זיך דאָרט אָנגעזעהען און אָנגעהערט צרות, ניט זעהן און ניט הערען זאָל מען עס אין קיין אידישער שטוב, אפילו א גוי,

טאָר מען עס אויך ניט ווינשען; ביי ווען עס איז יום טוב און דאָרט איז תשעה באב! און ווייסט איהר צוליעב וואָס? צוליעב דעם וואָס אַ מיידעל זייערע וואָס שטעהט שוין אין שידוכים האָט געוואָלט אַ קלייד אויף יום טוב! נו, זיצט די טאָכטער און וויינט און ווערטעלט זיך מיט דער מאַמע; די מאַמע וויעדער לאָזט אויס דעם כעס צום טאַטען און דער טאַטע, דער לאַנדסמאַן אונזערער, שווייגט אויך ניט, מאַכט דער ווייב צו אש און צו בלאָטע, שלאָגט און פּאַטשט די קלע־נערע קינדער און עס טהוט זיך אויף טיש און אויף ביינק.

נו, פרעג איך אייך, איז מיין עטעלע ניט אַ חכמה? אַ געזונד איהר אין פּיסקעלע ווי קלוג זי איז. דזשעני׳לע וויל מופען, מופט מען! דזשעני׳לע וויל נייע פּאַרניטשע, קויפט מען נייע פּאַרניטשע! אי וואָס מען פערמאָגט עס ניט? איז גאָט אַ פאָטער, ער וועט מסתמא העלפען און מען וועט זיך ביסלעכוויים אויסצאָהלען! אַלץ גלייכער איידער מאַכען אייגענע קינדער פאַר שונאים. איהר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: בעסער צעהן גוטע פריינד איידער איין שונא, בפרט נאָך, אַז קינדער זיינען שונאים, טויג אודאי אויף כפרות.

און דער איידים מיינער, מיינט איהר האָט קיין שכל ניט? אזא יאָהר מיר וואָס פאַר אַ חכם ער איז. עטעלי מיינע נאַרט איהם אָפּט אָב. זי פערדרעהט איהם אַ ספּאָדיק, אַז אַלעס וואָס זי קויפט קאָסט ביליג און ער, דער גנב׳ל פערשטעהט אַ געשעפט און מאַכט אַ שווייג, צו וואָס מאַכען באַרוואַריעס און אַרומקריגען זיך מיט אַ ווייב אָדער מיט קינדער? איך קען אייך שווערען, אַז די קינדער מיינע האָבען נאָך קיין מאָל אַ קרום וואָרט ניט איבערגערעדט איינע די אַנדערע און דערפאַר טאַקע זיינען די קינדער זייערע גוטע פריינד.

אַן אַנדער לאַנדסמאַן מיינער האָט חתונה געמאַכט אַ זוהן נאָך פאַר צוויי יאָהרען און ער איז נאָך קיין מאָל ביי איהם ניט געוועזן. וואָס איז? דער שידוך איז איהם ניט געפעלען געוועזן, דער זוהן זיינער איז ניט אַזוי פרום ווי ער וויל; נו פערדריסט איהם די זאַך און ניט האָבענדיג צו וועמען אויסצולאָזען זיין כעס, האַרקעט ער זיך שטענדיג אַרום מיט דער ווייב. ער זאָגט אַז זי איז שולדיג און זי זאָגט אַז ער איז שולדיג און בינו לבינו טהוט זיך חושך.

פרעג איך אייך אדרבה, איהר זיינט דאָך עפּעס ניט קיין נאַרישע אידענע, לוינט זיך עס? איז ניט גלייכער צו זיין שלום מיט קינדער,

נאכגעבען זיי און ניט האבען קיין מחלוקת אין שטוב? מיינער, א ליכ־טיגען גן עדן זאל ער האבען, פלעגט זאגען, אז קריעגען זיך מיט א מאן אדער מיט א ווייב איז א גרעסערע עבירה ווי חזיר עסען, און דאס רוב קומען קריגערייען ארויס צוליעב קינדער, היינט למאי זאל מען עס טהאן?

הלואי ווייטער, מיינע קינדער זיינען אפשר ניט אזוי פרום, אבער שלום איז ביי זיי דא. די איינציגע שעטנז אין שטוב בין איך געווען, וואס איך פלעג זיך אפט ארייננמישען אין זייערע עסקים, אבער היינט בין איך צום שכל געקומען און זיך איבערגעבעטען מיט די אייניקלאך זאלען זיי געזונד און שטארק זיין. גלייבער אזוי! אפשר וועלען זיי איבער הונדערט יאהר אויך אמאל שטעלען א ליכטעל נאך דער באבע.

XII.

אז מען איז קראנק, געהט מען אין האספיטאל.

וואס זשע מאכט איהר גוטס? ווי געהט עס? וואס הערט זיך ספעם נייעס? שוין א שאק מיט יאהרען ניט געזעהן זיך! איך וויים ניט ווי איהר נאך מיר; אבער איך נאך אייך האב געביינקט, אמת געביינקט.

איהר ווייסט, מיסעם לעבען, וואו איך בין געווען? איך בין דאך עטליכע וואכען, ניט פיר אייך גערעכט, ניט פאר קיין אידיש קינד גערעכט געלעגען קראנק; איך האב די גאנצע צייט די ליכטיגע וועלט ניט אנגעזעהען; איך האב געמיינט אז אמעריקא האט זיך שוין אפשר איבערגעהערט, לסוף שטעהט זי אויפ'ן זעלבען ארט, א דאנק זיין ליעבען נאמען, אבי מען זעהט זיך געזונדער הייד.

נו, בעשערט מיר געווען צו פערזוכען א היעגען שפיטאל (האס־פיטאל—אויך. אין דער היים האב איך דערפון ניט געוואוסט; הלואי

זאָל איך און איהר און אַלע אונזערע גוטע פריינד דערפון קיינמאָל ניט ווּיסען.

באַלד נאָך פסח איז עס געווען, בין איך עפּעס, ניט היינט גע־דאַכט, קראַנק געוואָרען. אַ מענש איז מען, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך? איך ווייס? אפשר האָט מיר דער פסח פערשאַדט; אפשר האָב איך זיך צוגעקיהלט זאָל אזוי ניט טרעפען ווי עס טרעפט.

מילא האָב איך געדענקט, אַז עס וועט איבערגעהן, ווי זאָגט מען: מיט וועהטאָג. עס איז אָבער אַוועק אַ טאָג און צוויי טעג און מיר איז אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. איך בין, ניט דאָ געדאַכט, געבליבען ליגען ווי אַ שטיק האָלץ און זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. איך האָב געמיינט, אַז איך קאָנטשע זיך שוין חס ושלום.

אין אַ גוטע שעה צו רעדען, אין אַ בייזע — צו פערשווייגען; איך האָב זיך שוין אזוי געריכט צו זעהן זיך מיט אייך, אָט אזוי ווי איך ריכט זיך ערשט צו ווערען אַ מיליאָנערקע; אָבער אַז דער אויבערשטער וויל געבען יאָהרען קומט מען אַלעם איבער. אוי ס'ארא גוטינקען גאָט מיר האָבען, אַ דאַנק איהם און אַ לויב איהם פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט מיר געטהאָן.

וואָס ווייסט איהר וואָס, דעם עגמת נפש וואָס איך האָב געהאַט, די צרות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פון פסח אָן? איך דענק, אַז מען וואָלט עס אויף אַן אָקסענע פעל ניט געקענט אויסשרייבען! איהר הערט? אַ מענש איז אַמאָל שוואַכער פון אַ פליעג און אַמאָל איז ער שטאַרקער פון אייזען. אוי, אַן אָבקומעניש זאָל עס זיין פאַר מיינע זינד, טאַטע זיסער.

איך בין דאָך דאָ חס ושלום ניט עלענד; איך בין דאָך ביי קינ־דער און אייניקלאַך, זאָלען געזונד און שטאַרק זיין; אָבער נאָט אייך אַ גראָשען פאַר זיי אַלע. כל זמן די מאַמע צו די באָבע איז געווען גע־זונד, געהאָלפען אין שטוב, געטוויטשעט זיך און זיי פּאָסלוגעוועט, איז געווען, ווי מען זאָגט דאָ: אַלרייט, האָב איך זיך אָבער אַנידערגע־לייגט, איז געוואָרען אוים! אַז איך האָב זיי אַלעמען אונטערגעטראָ־גען אונטער'ן נאָז, איז גוט געווען און אַז מען האָט געדאַרפט עפּעס טהאָן פון מיינטוועגען, האָט שוין ניט געטויגט.

איהר מיינט איך פּאַנעווע? איך זיץ די הענד פערלייגט און

טהו גאָר ניט ? אַ נעכטיגער טאָג ! איך האָרעווע, אויף נאמנות, ווי אַ גוי׳ע. אפילו ווען איך זאָל וועלען זיצען ליידיג קען איך ניט. אזאַ טאָג אַ יאָהר, מען קען דאָך, שונאי ישראל, משוגע ווערען, פאַרקע איך זיך טאַ אהין, טאַ אהער, און ביי זיי איז עס אזוי אַנגעלייגט אזוי ווי אָן... איך וויל שוין ניט זאָגען ווענען.

ווי איהר זעהט מיך אַ אידישע טאָכטער, אפילו איך זאָל זיין ביי ווילד פרעמדע, וואָלט איך אויך מיין שטיקעל ברויט פערדיענט. אימשטיינס געזאָגט, פיעל דאַרף איך ? קיין מארצעפּאנעס האָב איך קיין מאָל ניט פערלאַנגט. איך בין ניט פּריטיקלע, ווי איהר זאָגט. וואָס מען עסט, עסט מען, אַבי מען ליידט חלילה ניט קיין הונגער, לסוף מיי־נען די קינדער, אַז עס קומט זיי אַ קוש אין שטערען דערפאַר וואָס זיי טרייבען די אַלטע מאַמע ניט ארוים.

אַ מאָדנע זאַך ווי דער וואָס לעבט אייביג האָט אריינגעגעבען אַ נאַטור אין די מוטערס זיי זאָלען אזוי זאָרגען פאַר קינדער, ווען ניט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט. ווי איז עס אַ מאַמע אויפ׳ן הארצען, ווען אַ קינד איז, די שעה זאָל קיין שעה ניט זיין, עפּעס אויסען ? און אַז דער מאַמע איז עפּעס אויסען, אַארט עס די קינדער ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שנעע ! אַ קינד׳ס הארץ איז ניט אַ מאַ־מעס הארץ.

אַז איך בין קראַנק געוואָרען, איז געווען מיין אָרט אויפ׳ן לאָנדזש. די בעט האָט די טאָכטער געזשאַלעוועט צו־וואַרפען. איך רייד עס חלילה פאַר קיינעם ניט איבער, נור פאַר אייך מעג מען זאָגען ; דער לאָנדזש האָט שוין אפשר אין זיך מתושלח׳ס יאָהרען, אַן אַלטע שמאַטע, ער איז נור פון אויבען בעפּוצט און אונטער איז ער צובראָכען. מען פאַלט אין איהם אריין אַזוי ווי אין אַ גרוב, אַזוי ווי אין אַ קבר, ניט דאָ געדאַכט. אָט אויף דעם דאָזיגען שטיקעל לאָנדזש האָט מען עס געמאַכט אַ געלעגער פאַר מיינע אַלטע, צובראָכענע ביינער. נו, וואָס זאָל מען טהאָן, אַז די ראָפּעלאַך אויפ׳ן בעט מיט די אַנדערע שמאַטעס איז טהייערע ווי די מאַמע ?

מילא וואָלט איך שוין דאָרט געלעגען, אַ ברירה האָב איך געהאַט ? האָט זיך אָבער דזשעני, דאָס עלטערע איניקעל מיינע גע־קרימט. ווען זי איז געקומען און מיך געטראָפען ליגענדיג, ניחאי וואָלט

זי עס צוגעגאַנגען און פון יוצא וועגען פרעגען: באָבע טשאַרט, טיי־וועל, וואָס איז אייך? גאָר ניט! האָט זיך אויסגעדרעהט איבער'ן שטוב מיט אזא רוגזא, מיט אזא ברענעניש, אקוראַט ווי איך זאָל עס ליגען פאר וואוילטאָג.

„שוין גאָר א לאַזערעט, א הקדש האָט מען געמאַכט פון דער הויז" — האָט זי גע'טענה'ט צו דער מוטער — „אנדערש לוינט איהר ניט נור ליגען אין פראָנט רום, געוואָהנט פון צו הויזע! אז מען איז קראַנק, געהט מען אין האָספיטאַל".

זיינען געקומען די קלענערע אייניקלאַך מיינע, האָבען זיי פער־דרייהט די נעזער, א קליינינקייט? פסול געמאַכט די סוכה! הכלל וואָס זאָל איך אייך זאָגען? האָט שוין עטעלע מיינע זיי צוליעב גע־טהאָן און מיר אויסגעמאַסטשעט א געלעגער אין בעד רום אויף טשערס. הענגט דאָרט אויפ'ן וואַנד זייערע קליידער, דאַרף דזשעני געהן אראָב־נעהמען עפּעס פון וואַנד און קען ניט צוקומען, ווערט ווידער יעלות; צושרייט זי זיך ווידער אויף דער מוטער, און עס קומט מיר אויס כאָטש געה, שונאי ישראל, לעבעדיגערהייד אין דער ערד אריין.

און די טאָכטער אליין, מיינט איהר, האָט זיך געקימערט וואָס די מאַמע איז קראַנק? אפילו א האָאָר אויך ניט! איהר האָט מעהר געאַארט וואָס איך מאַך שוין ניט צו אַן אויג און אראָב פון מארק. היינט שטעלט זיך פאָר ווי מיר איז געוועזן אויפ'ן הארצען. ווען א מענש איז ניט מיט אלעמען, קומט אמאָל ארויף אויפ'ן רעיון; ווער ווייסט אפשר איז שוין טאַקי די צייט געקומען, אפשר דאַרף מען זיך שוין אריבער פּעקלען אויף יענער וועלט, כאָטש איך בין נאָך ניט אזא זקנה. וויפיעל א שטייגער דענקט איהר בין איך אין גאַנצען אַלט? זאָל עס אונז ביידען צוקומען אין טויזענדער, הארציגער פאָ־טער, וואָס מיר פעהלט נאָך צו אכציג יאָהר, נור פון דעסטוועגען קלעהרט א מענש איבער. אין אזא צייט ווערען די קינדער און איי־ניקלאַך ליעב; מיר האָט זיך געוואָלט זיי קושען, זיי האַלדזען און זיי האָבען זיך גאָר פון מיר דערוויטערט, מען טהאָר עס דעם גרעסטען שונא ניט ווינשען, ווי טרויעריג, ווי קלאָגעדיג מיר איז דאַמאָלס גע־ווען.

אויף מאָרגען קומט צו מיר צו עטעלע מיינע און מאַכט צו מיר: מאַמע, מען וועט דיך אוועקפיהרען אין האָספיטאַל.

א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר — זאָג איך — אין שפּיטאָל, אין הקדש וועסטו מיך אוועקפיהרען? טאָכטערקע, אויב מיר איז בע־שערט צו שטארבען, לאָז מיר כאָטש דאָ שטארבען, וועסטו אָנצינדען א ליכט צו מיין גסיסה; הארצעלע קריינעלע, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט, אבי אין שפּיטאָל פיהר מיך ניט".

אזוי האָב איך זיך ביי איהר געבעטען מיט בלוטיגע טרעהרען, און דזשעני האָט פון פראָנט רום געקוויטשעט:

„א יחסן'טע אין אמעריקא! שעהנערע מענשען פון אייך געהען אין האָספּיטאָל! ניש־קשה, מען וועט אייך דאָרט ניט קעפּען און ניט הענגען, וואו זאָל מען אייך דאָ האַלטען, וואו? אמעריקא איז ניט יוראָפּ, ווער האָט עס צייט צו באדערען זיך מיט אייך?

איך האָב געוויינט, געבעטען, ממש די הענד געקושט און איך בין פאָרט אָנגעקומען אין שפּיטאָל.

פאר וואָס איך האָב זיך אזוי געשראָקען פאר'ן שפּיטאָל וויים איך אליין ניט; אָבער מיר האָט זיך אהין ניט געוואָלט געהן, אקוראט ווי א מענש וויל ניט שטארבען.

אצינד דאנק איך און איך לויב דעם וואָס איך האָב די הענד ניט געוואשען וואָס מען האָט מיך אהין צוגענומען. לאנגע און מזל'דיגע יאָהר זאָלען זיי האָבען, ווען ניט די לייטע פון שפּיטאָל אָדער האָס־פּיטאָל, ווי איהר רופט עס, וואָלט איך זיך שוין לאנג אויסגעשלאָ־פען.

איך וויים ניט אויב די קינדער מיינע האָבען טאקי אויסען גע־ווען מיין טובה; אָדער זיי האָבען געמיינט זייער אייגענע טובה — גיכער מסתמא האָבען זיי אין זינען געהאט זיך אליין — אָבער וואָס מאכט עס אוים? אבי איך בין א דאנק גאָט געזונד געוואָרען.

איך וואָלט אייך דערצעהלט ווי מיט מיר איז צוגעגאנגען אין האָספּיטאָל; אָבער מיר איז, ניט פאר אייך געדאכט, זעהר שווער צו ריידען, עפּעס א קליינינקייט איז עס, אז מען שטעהט אויף פון אזא געלעגער? אז מיר וועלען לעבען וועלען מיר זיך מסתמא זעהן. האָט מיר א גוטענקען.

XIII.

דער טאָכטער מיט'ן איניקעל ווילט זיך א דאַטשע.

גוט מאָרגען, מיסעס; איך בין שוין ווידער דאָ! איך בין אייך געקומען בעצאָהלען א חוב; איך בין אייך שולדיג א ביסעל פּלוי־דעריי, בין איך אייך שולדיג; איך דאַרף אויסריידען מיין חלק וואָס איך האָב ניט גערעדט די עטליכע וואָכען וואָס איך בין, ניט הייגט געדאַכט, קראַנק געווען. ווייבער, זאָגט מען, האָבען ניין מאָס רייד און ווען זיי ריידען ניט אויס זייער פּאָרציע, מוזען זיי נאָך אמאָל מגולגל ווערען.

ווי געפעלט אייך, האָ? עס ווילט זיך נאָך דער אַלטער פּראָווען לצנות, ווי זאָגט א גוי, להבדיל: כאָטש ביעדא, טאָ האָטץ, כאָטש עס איז קלאָגעדיג אויפ'ן הארצען, פון דעסטוועגען ווילט זיך לאַכען. וואָס דען מיינט איהר? ווען א מענש זאָל זיך אמאָל ניט מאַכען פרעהליך, וואָלט ער שונא ישראל, געדאַרפט זיך אליין א מעשה אָנטהאָן.

אָט אזוי איז עס; מען קיצעלט זיך אליין און מען לאַכט אליין, כאָטש אמאָל טרעפט אז מען לאַכט, שונא ציין, מיט יאשצערקעס! גלויבט מיר, אז מיר ווילט זיך ערשט אזוי לאַכען, אָט אקוראַט ווי מיר ווילט זיך ערשט טאַנצען; עס איז מעהר ניט, מען מאַכט זיך א הארץ, מען טרייסט זיך אליין — א ברירה האָט מען?

איהר הערט? ווער עס ווינשט מיר און אייך און אַלע אידען בייז זאָל דאַרפען אָנקומען צו לייטען. איהר האָט דאָך מסתמא אמאָל גע־לייענט אין טייטש חומש, אז די טויב וואָס נח דער צדיק האָט ארויס־געשיקט פון קאַסטען האָט געזאָגט: בעסער א ביטערע בלאַט פון גאָט איידער א זיסע פון א מענשען. עס איז אויף נאמנות ריכטיג; איין מאָל אין טאָג א שטיקעל ברויט עסען, אבי צו קיינעם ניט אָנקו־מען.

וואָס דאַרפט איהר מעהר? איך בין דאָך ביי אייגענע קינדער, בין איך דאָך, פון דעסטוועגען טויג עס אויך אויף כפּרות. ניט שטראָ־

פען זאָלסטו גאָט, אז מען זאָל דארפען זיין ביי קינדער, אפילו ביי די בעסטע. עס טרעפט אמאָל א בייזע בהמה, וואָס גיט א סך מילך און נאָכדעם טהוט זי א בריק אין דאָניצע און קעהרט עס איבער, אָט אזוי זיינען קינדער אויך; דאכט זיך גוט, גוט און צום סוף ווייזען זיי ארויס וואָס זיי זיינען! פרעגט ניט דעם רופא, פרעגט דעם חולה; ניט געפּרובט זאָל ווערען קיין אידישע טאָכטער מיט וואָס איך בין געפּרובט געוואָרען.

שוין דאכט זיך גוט געוועז; איך האָב זיך שוין, ווי מען זאָגט דאָ, איינגעטרייט און מיר האָט נאָר ניט געפעלט, איז אָבער בעשערט נייע קלעמענים. איך וועל אייך אויף ציקאָוועס דערצעהלען, וועט איהר אליין פערשטעהען, אז ניט איך רייד, נור מיינע צרות ריידען! איך זאָג אייך, אז איך האַלט עס אוים, בין איך שטאַרקער פון אייזען.

מילא, איך וועל שוין ניט ריידען דערפון ווי די טאָכטער מיינע מיט די אייניקלאך האָבען זיך בעגאַנגען מיט מיר ווען איך בין ניט היינט געדאכט, געוועז אין שפּיטאָל (האָספּיטאַל), דאָס בין איך זיי מוחל, זאָל זיי גאָט אויך מוחל זיין; אָבער ווען איך בין געקומען אהיים, וואָלט איהר זעהן, האָבען אַלע געקוקט קרום, עפּעס אזוי ווי זיי זיינען געוועז ברוגז אויפ'ן מלאך המות פאַר וואָס ער האָט מיר ניט צוגענומען. די מויד, דזשעני, מיין איך, האָט געבורטשעט און די טאָכ־טער איז אויך ניט געוועז אזוי מלא שמחה'דיג וואָס די מאַמע איז לעבען געבליבען און דער איידים אודאי ניט. אי, אי, אי, אז זי עטלע, איז אַמאָל אויפגעשטאַנען פון א געלעגער, האָט דער אָרימער טאַטע ליכטיג זאָל איהם זיין אין קבר, געמאַכט א גאַנצע שמחה, פעררופען דעם עולם אויף קידוש, א גאַנצער שמחת תורה געוועז, אזוי פיעל גוטע יאָהר זאָלען מיר האָבען ווי פיעל גילדען דאָס האָט געקאָסט, און אז די אַלטע מאַמע איז געזונד געוואָרען, האָט מען פון קיינעם קיין פרעהליכע מינע ניט געזעהן; פערקעהרט, מען האָט זיך נאָך געבלאָזען ווי די אינדיקעס, אקוראַט ווי איך זאָל זיי עפּעס שלעכטס טהאָן.

אי, קינדערלאך, קינדערלאך, ווער עס קלאָגט אויפ'ן מי ימות און איהר קלאָגט אויפ'ן מי יחיה. די אַלטע מאַמע און באָבע איז אייך צו גרוים אין די אויגען, עס פערדריסט אייך וואָס זי לעבט; ניט מעהר זאָל דער רוסישער קיסר לעבען וואָס איך וועל נאָך אויף דער נאַרישער וועלט געוועלטיגען. מישטיינס געזאָגט, ווי פיעל איז גאָר דעם מענ־

שענם יאָהרען? איהר וועט פון מיר פיעל ניט ליידען, שוין קירצער ווי לענגער.

איז ווי איך דערצעהל אייך, איז מען ניט אַזוי שטאַרק צופריעדען געוועזן וואָס איך בין לעבען געבליבען. אפשר ווען איך זאָל געוועזן קומען אין גאַנצען אַ געזונדע און זיך קענען פאַרקען אין הויז, וואָלט מען מיר בעסער אויפגענומען; איהר ווייסט דאָך אָבער מיסעס לעבען, אַז קראַנק ווערט מען גיך, אָבער ביז מען קומט צוריק צו די כחות געדויערט אַביסעל. ווען איך בין געקומען האָב איך זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פיס, נו בין איך געווען אַן איבריגע זאַך אין שטוב. ליגט און קוואַקטשעט — פלעגען די אינגלאַך ריידען צווישען זיך — אַ ליכט געווען אין די אויגען ווען מען האָט איהר ניט אָנגעזעהען. ווי פערשטעהט איהר, איז עפּעס גוט צו הערען אַזעלכע דבורים?

אָבער איך וואָלט זיי שוין דאָס אויך מוחל געוועזן, איך האָב מיר געמאַכט אַ האַרץ ניט צו צוהערען זיך צו זייערע רייד. ווי זאָגט אַ גוי: טי מאָוו א יא זדראָוו. רעדט אייך קינדערלאַך וואָס איהר ווילט, אבי טשעפּעט מיך ניט, איהר וועט מיר קיין האַנד אָדער פוס ניט אָפּרייד־ען; האָט זיך אָבער געמאַכט אַן אַנדער געשיכטע וואָס האָט מיר אַזוי אויפגערעגט, אַז איך ווער שיער ניט צופּלאַצט.

באַלד נאָך שבועות איז עס געוועזן, הער איך ווי עטעלע מיינע טענה'ט מיט סעם'ען, מיט מיין איידים, הייסט עס, עפּעס וועגען אַ קעטצעלע: פאָהרען מיט דזשעני'ן אין קעטצעלע, זיין אין קעטצעלע, זי איז קראַנק, דזשעני איז אויך ניט מיט אַלעמען און די קעטצעלע וועט זיי געזונד מאַכען. אין דער קעטצעלע עסט מען פרישע אייער, אין דער קעטצעלע טרינקט מען פרישע מילך, דער דאָקטאָר האָט איהר געזאָגט, אַז די קעטצעלע וועט איהר ראַטעווען. שפּרינצע די לאַנגע האָט איהר דערצעהלט, אַז ווען ניט די קעטצעלע וואָלטען שוין אפשר איהרע ביינדלאַך צופוילט געוואָרען, און נאָך אַזעלכע מאָדנע טענות מיט אַ קעטצעלע...

איהר לאַכט, מיסעס לעבען? איהר פערשטעהט שוין מסתמא וואָס דאָס מיינט; איך האָב זיך אויך נאָכדעם דערוואוסט, אַז קעטעצעלע אָדער קעטסקעלס (קעטסקילס), איך קין עס ניט אויסריידען, איז אַ זומער פּלאַטץ, אַ דאַטשע, ווי מען רופט עס ביי אונז; אָבער בשעת איך האָב דאָס געהערט מיין טאָכטער ריידענדיג, האָב איך ניט אַנ־

געהויבען צו פערשטעהען וואס זי וויל און מיר האט עס שטארק פער־דראָסען. ממה נפשך — האב איך געטראַכט — איז עס אַ גוטע זאך, טאַ רייד אויף אידיש, זאָל די מאמע אויך פערשטעהן, וועט איהר הנאה טהאָן; איז עס חס ושלום אַ שלעכטע זאך, דארף מען זיך אויך פון אַ מאמע ניט בעהאַלטען — היינט צו וואָסריידען אויף טערקיש? אָבער געהן זיך נאָכפרעגען האָב איך ניט געוואָלט, איך בין ניט אזוי ציקאווע צו וועלען אַלעס וויסען.

דער איידים מיינער האָט זיך געאַמפּערט. ער קען ניט, ער פער־מעגט ניט — האָט ער געזאָגט; אָבער זי האָט איהם ניט געלאָזט לע־בען; ווידער קעטצעלע און אָבער קעטצעלע, דער מויל האָט זיך איהר ניט פערמאַכט, זאָג איך אייך; ביז ער האָט אַ שפּיי געטהאָן און געזאָגט: טהו וואָס דו ווילסט און טשעפּע זיך פון מיר אָפּ.

אויף מאָרגען, וואָלט איהר זעהען, האָט מיר די טאָכטער אָנגע־הויבען רופען „מאַמינקע”, דזשעני — „באָבינקע” און זיי זיינען צו מיר געוואָרען אזוי גוט כאָטש לייג זיי צו צו אַ געשוויר. איך האָב אליין ניט געוואוסט וואָרום איז עס פּלוצלינג אזוי געוואָרען ביז עטעלע האָט עס מיר געגעבען צו פערשטעהן.

„מאַמעלע” — מאַכט זי צו מיר, — אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועל איך מיט דזשעני'ען אוועקפאָהרען אויף עטליכע וואָכען, זאָלסטו דאָ, מאַמינקע, אַכטונג געבען אין הויז, געבען עסען און די קינדער עסען, זעהן היטען, אַז מען זאָל די קינדער ניט איבערפאָהרען, איך פערלאָז זיך אויף דיר טאַקע ווי אויף אַן אייגענע מאַמע”.

אַ שעהנעם דאַנק דיר פאַר דער טובה — טראַכט איך ביי זיך — אַז מען דארף דעם גנב שניידט מען איהם פון דער תליה, און מאַך צו איהר אזוי:

„טאָכטערקע, דו ווילסט פאָלגען אַן עלטערע? זאָלסטו עס ניט טהאָן, קיין קשיא ניט, וועמען גאָט העלפט און מען קען אַלע ערגעץ ארויספאָהרען, מהיכא תיתא; אָבער איבערלאָזען אַ הויז מיט אַ מאַן און קינדער, טויג ניט. אַ שטוב דארף האָבען אַ בעל הבית'טע, דו קענסט זיך עטעלע אויף מיר ניט פערלאָזען; איך בין אַן אַלט מענש, איך האָב קיין כח ניט צו וואָיעווען מיט די מזיקים, זאָלען געזונד זיין. אחוץ דעם וויל עס דיין מאַן ניט ליידען און ער האָט רעכט אויך. ער האָרעוועט נעביך, ער דארף עסען אין דער צייט, שלאָפען אין דער

צייט, און ווען עס איז קיין בעל הבית'טע ניטאָ, געהט אַלעס כּאַדראַם. איך וויים — זאָג איך — אפשר וועט איהם מיין קאָכען ניט געפעלען זיין? אָט בעסער זיי אין דער היים, דו וועסט אויסקומען אָהן קעטצע־לע, אָהן דאטשעס, זאָל זיך אָן אָרימען ניט וועלען".

נו, נו, האָב איך עס פון דאמאָלס אָן קאַלט און וואַרים, מען גיט מיר אַ גאָב, אַז עס איז אָך און וועה צו מיר.

און מיינט איהר אפשר, אַז אַ דאָקטאָר האָט איהר טאָקע געהיי־סען פאָהרען אָהין? אָסור זאָל מיר זיין! אזוי ווי זי הערט ניט, אזוי זאָל איהר ניט שאַדען, זי איז אָהן עין הרע געזונד, הלואי אויף אַלע אי־דישע טעכטער געזאָגט, עס איז מעהר ניט מסתמא איז דאָ אזא מאָדע, דארף זי די מאָדע נאָכטאָנצען.

איך זאָג אייך, אַז עס גיסט זיך מיר פּשוט בלוט פון די אויגען ווען איך דערצעהל עס אייך. סטייטש אַ אידענע אַ מוטער פון קינדער וואָס דארף שוין באַלד ווערען אַ שוויגער זאָל אזוי פיעל קיין שכל ניט האָבען. לאָמיר זיך ניט נאַרען, לוינט זיך איינרייסען מיט אַ מאַן צוליעב אזעלכע זאכען? איהר ווייסט פון דעם סוד? אַז ווען די ווייב איז ניטאָ אין דער היים, זיצט דער מאַן אויך ניט אין הויז, ער זוכט זיך קאָמפּאַני, און ווערט אָפּט צוליעב דעם אַ הולטאַי. די ווייב — זאָגט ער — לאָזט זיך ערגיץ וואויל געהן, וויל איך אויך לעבען אַ גוטען טאָג. אי עס איז ניטאָ פון וואַנען? אַז עס איז דאָ פאַר איהר, מוז פאַר מיר אויך זיין — ווי זאָגט איהר, ניט אזוי?

איך וואָלט אסור אַ וואָרט גערעדט, ווען איך זאָל וויסען, אַז סעם פאָזוואָליעט איהר פאָהרען; אָבער אַז איך הער אַז מען הארקעט זיך צוליעב דעם, זאָג איך, אַז מען דארף ניט. די טאָכטער אָבער מיט'ן אייניקעל ווילען עס ניט הערען און זעהען און זיינען אויף מיר אש להבה — טפו זאָלען זיי ווערען.

XIV.

אביסעל וועגען סאָציאַליזמוס.

וואָס מען לעבט מעהר, זעהט מען מעהר; אַ ציקאַווע מדינה אַמעריקאַ, מען זעהט דאָ און מען הערט דאָ אַזעלכע חידושים, אַזעלכע מאָדנע זאַכען וואָס ביי אונז אין דער היים וויים מען גאָר ניט.

דאַכט זיך אַ קלוגע מדינה אַמעריטשקע, שלמה המלך'ס חכמות שטעקט אין איהר, פון דעסטוועגען זיינען דאָ פאַראַן אַזעלכע בולוואַ־נעס, וואָס מען זאָל אפילו זיפען און זוכען אויף דער גאַנצער וועלט, וועט מען אַזעלכע ניט געפינען; זיי האָבען אסור שכל פאַר אַ קאַטץ, זאָג איך אייך.

איך בין דאָך אַ פּראָסטע אידענע, איך בין ניט געגאַנגען אין קיין שקאָלעס, סקולס ווי מען רופט עס דאָ; איך האָב ניט געלערענט אין די אַקאַדעמיעס, פון דעסטוועגען האָב איך מעהר שכל פון זיי. איך האָב פיינט צו בעריהמען זיך; אָבער וואָס איך האָב שכל אין מיין לינקע פּיאַטע, האָבען זיי עס ניט אין זייערע קעפּ; איך וואָלט זיי ווי איהר זעהט מיך אַ אידישע טאָכטער, פערקויפט און אָבגענומען דאָס געלד.

און אַז איהר נעהמט מיט זיי ריידען, מיט די היגע חכמים, פערשלאָגען זיי אייך האַקעס באַקעס און זיי זיינען גערעכט! זיי לאָ־זען אייך גאָר אַ מויל ניט עפענען, אַט אַזוי ווי זיי זאָגען איז גוט, און וואָס איהר זאָגט טויג ניט; דאָס וואָס זיי זאָגען איז גלייך, און וואָס איהר זאָגט איז קרום, טפו זאָלען זיי ווערען.

ביי לייטען פאָלגט מען אַן עלטערען, אַ קליגערען און דאָ איז יעדער איינער סאַם סאַפּאָזשניק! איהר מעגט זיי אויפווייזען אַז זיי קריכען, שונאי ישראל, אויף די גלייכע ווענט, לאַכען זיי אייך אויס און זיי זיינען די חכמים! אי קאָלומבוס, קאָלומבוס.

הערט אויף ציקאַוועס וואָס עס קען טרעפען. לייענער געה איך אַזוי אין סטריט, שפּעטלאָך אין אָבענד איז עס געווען, זעה איך עס איז עפּעס אַן אויפגעלאָף, אַ גרויסער רעדעל מענשען שטעהען, דער

קומט צו, דער געהט אוועק, עפּעס אַ גאַנצער ירידל. קלעהר איך ביי זיך; אפשר אַ שרפה, ניט דאַ געדאַכט, אפשר אימיצען איבערגע־פאָהרען, און איך בין אויך געוועזען אַ בעלן צו געהן.

איך געה צו נעהענטער, ערשט אַ איד שטעהט אויף אַ וואַגען און זאָגט ווי אַ מגיד. אָבער אַ פּיסקאַטשט וואָלט איהר הערען, אַ געמ־בע, צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געהערט. ביי אייך איז עס אפשר קיין נאַווינע ניט; אָבער מיר איז עס אויסגעקומען פּראַטיוונע, זעהר פּראַטיוונע; נעהמט אַ איד און שטעלט זיך אוועק אין מיטען סטריט דרשענען.

מילא, דאָס וואָלט מיר שוין ניט געאַארט, וואָלט כאָטש די דרשה געוועזען אַ דרשה; אָבער זאָל מען עס טאַטע דערבאַרעמדיגער, הערען אויף גוי'אישע חתונות וואָס מען האָט פון יענעם מגיד געהערט.

האָט ער אָנגעהויבען וואָלט איהר הערען, זידלען און שילטען אַזוי ווי אַ מאַרק אידענע. פּעך און שוועבעל האָט ער געגאָסען, אַז עס איז אַזש איבערגעגאַנגען אַ סקרוך איבער'ן לייב, און מיינט איהר וועמען? אפשר די וואָס רויכערען פּאַפּיראָסען אום שבת, די וואָס דאַוונען ניט, די וואָס עסען טריפה? חלילה! אויף יענע האָט ער אפילו אַ קרום וואָרט ניט געזאָגט; ער איז אליין מסתמא אויך ניט בעסער פון זיי, נור וואָס דען; ער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן די נגידים, אַז זיי, די רייכע הייסט עס, מאַכען חרוב די וועלט און שטעלען אַלעמען בדלות.

אי, האָב איך געטראַכט ביי זיך; איהר האָט ר' מגיד ניט גע־דאַרפט שטעהן אויף'ן וואָגען, נור מען האָט אייך געמעגט איינשפּאַ־נען טאַקי אין די האַלאַבליעס. האָט איהר געהערט אַ שכל פון אַ מענ־שען? נגידים, זאָגט ער, טויגען ניט! נגידים מאַכען אונגליקליך די וועלט! נגידים שלינגען איין אַלעס! און נאָך אַזעלכע חכמות, און דער עולם שטעהט און הערט זיך איין וואָס יענער פּלוידערט.

אוי, נאַראָנים, נאַראָנים, וואָס וואָלט איהר געטויגט אָהן די גבירים? וואָס טויג מיר די קונצען? ביי וועמען פערדיענט מען? ביי אַ רייכען! ביי וועמען קריגט מען אַ נדבה? ביי אַ רייכען! אַלע מיינע גוטע פריינד זאָלען האַנדלען מיט גבירים, וואָס דען? פון אַ קבצן קען מען עפּיס דערלעבען?

איך קוק זיך צו וואָלט איהר זעהען צום בעל דרש'ער, ערשט

עס איז מיינער א לאנדסמאן, איך קען איהם אַט אזוי ווי איך קען מיינע צעהן פינגער! שמעריל גיטעל פייגע׳ס האָט מען איהם אין דער היים גערופען. א שווארצער חלום — טראַכט איך — צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, צו זייערע הענד און פיס, צו זייער לייב און לעבען; ווי קומט עס צו איהם? געוועזן אין דער היים א גאַר נישט שבגאַרניש־טען, א רעכטער מענש האָט זיך געשעהמט מיט איהם א וואָרט צו ריידען און דאָ איז ער א גאַנצער קנאַקער! שטעהט און דרשן׳ט פאר אַן עולם! טאַקי אַמעריטשקע גנב, ווי איהר זאָגט.

קום איך אַהיים און דערצעהל איבער די גאַנצע מעשה און מאַך אביסעל חוזק פון דעם מגיד און די נאַרישע מענשען וואָס שטעהען און הערען זיך צו צו זיין דרשה — ווי זאָגט איהר, איז ניטאָ פון ווע־מען חוזק צו מאַכען? אז מיין אייניקעל, די כלה מויד דזשעני, כאַפּט זיך עם ארוים מיט אזא כעס, מיט אזא פייער, אַקוראַט ווי איך זאָל איהר אין טאַטען אריינשילטען.

— צוליעב איך — האָט זי זיך צוקוויטשעט — צוליעב אַזעל־כע דומע מענשען ווי איהר זיינט, פיהרט זיך אזוי די וועלט! — א גלות מיט ציבעלע, איך בין א דומע און זי איז א פילאָזאָפקע! ווי זאָגט איהר, הא? איז עס גוט צו הערען?

מילא שווייג איך, און די מויד ברענט אזוי ווי אויף פּאָקען. צוליעב איך — האָט זי גע׳טענה׳ט — דאַרפען מיר אזוי שווער און ביטער האָרעווען אויפ׳ן שטיקעל ברויט; צוליעב אַזעלכע ווי איהר, מוזען מיר וואָהנען אין ענגע רומס, קריכען אויף די טאָפּ פלאָרס און זיי, די רויבער, די מערדער, וואָהנען אין פּאַלאַצען וואָס איז ניט געבויט פון שטיינער, נור פון אונזער שוויים און בלוט! איהר, נור איהר זיינט שולדיג אין די היינטיגע סיטעם, צו סיסטעם — פרעגט מיר בחרם, וואָס זי מיינט דערמיט — מיר ווערען פערשווארצט און מיר האָבען גאָר ניט, און זיי, די נגידים מיינט זי מסתמא, טהוען ניט אריין א פינגער אין קאַלטע וואַסער און פאָהרען אין אויטאָמילס (אויטאָמאָבילס), געהען אין די ראָפּערע (אָפּערא) — איך ווייס אָסור וואָס דאָס איז, פרעגט מיר א גרינגערע זאַך.

אָט אזוי האָט זיך די מויד אין מיר איינגעטשעפּעט ווי א סמאָלע און איך האָב זיך פון איהר ניט געקענט אָפּטשעפּען. נו, ווי געפעלט אייך אַן עסק? צוליעב מיר איז זי א קבצן׳טע, צוליעב מיר דאַרף זי

הארעווען! איך בין שולדיג וואס זי וואהנט אויפ'ן טאפ פלאאר! א גייער אבקלעהר.

מאך איך אמת צו איהר: „טאכטערקע, וואס איך האב ביי דיר גענומען, קען איך דיר אוועקגעבען. איך האב חס ושלום דיין טא־טענס פערמעגען ניט איבערגעפיהרט; דעם שטיקעל ברויט וואס איך עס ביי אייך, פערדין איך נאך, ווי זאגט מען עס אויף היגען לשון: עני טיים. וואס בין איך שולדיג, אז איהר זיינט ארימע לייט? פון מיינטוועגען זייט אייך נגידים, וועט מיר אויך הנאה טהאן.

מאכט זי צו מיר: „ניט איהר אליין, נור א סך אזעלכע ווי איהר, וואס פערשטעהען ניט וואס א וועלט איז, זיינען שולדיג אין דעם וואס אויף דער וועלט זיינען אזעלכע צרות. — נו, א דאנק גאט, וואס זי ווארפט כאטש ניט ארויף די גאנצע שולד אויף מיר אליין.

און איז דאכט זיך כלומרשט א געבילדעטע, לייענט ביכלאך, רעדט ענגליש ווי א וואסער און איז אזא גולם! א געלעכטער אויף נאמנות; ווען עס זאל ניט זיין, ווי זאגט יענער, מיין נאר, וואלט איך אויך געלאכט.

בינו לבינו, וואס זאל איך אייך זאגען, האב איך פון דער מויד געברענטע ליידען. אבי וואס טיקעט זי מיר די אויגען: קאפיטאליסט־קע, פינפטע עווענישע, מיסעס סיידזש און נאך עפעס אזעלכע מאדנע נעמען. קיין גוטס, קיין נחת זאל שמערקע גיטעל פייגעס ניט האבען, ווען ניט ער מיט זיין דרשה, וואלט איך צו קיינע צרות ניט געקור־מען.

האט מיר קיין פעראיבעל ניט, מיסעס עלבען, איך האב אייך אנגעדראטשעט א קאפ, איהר ווייסט ניט? אז עס טהוט וועה שרייט מען.

XV.

א דעבאטע וועגען יקרות.

ברוך הבא, אט בין איך שוין ווידער דא! וואו מען זעעט מיר ניט דארט וואקס איך, קיינער רופט מער ניט, קום איך מיר אליין!

אפשר ווילט איהר ניט ליידען וואס איך קום אלע מאל און באדער איך, ווי מען זאגט עס אויף היעגען לשון? זאגט, שעהמט זיך ניט, איך וועל אסור אויף אייך פאראיבעל האבען; איהר ווייסט דאך קיין האנאריסטע בין איך ניט; ביי מיר איז רעכט: יע, יע; ניין, ניין.

אבער וואס, זאלט איהר מיר לעבען און געזונד זיין, זאל אייך פערדריסען? אדרבה, אז איך זיטץ און באלאקע, איז אייך אויך פרעהליכער. וואס? איהר דערלייגט עפעס דערצו? דאכט זיך, אז ניט.

איהר מעגט מיסעסעל הערען, איך וועל אייך היינט דערצעהלען א ציקאווע זאך. איך האב דאך שוין ווידער, וואלט איהר זעהן, גע־האט א ספאטיטשקע מיט מיין אייניקעל, מיט דזשעני'ן. איך מייד איהר, דאכט זיך אוים, אט אקוראט ווי מען מיידט אוים א קלויסטער און עס מאכט זיך דאך, אז איך זאל זיך מיט איהר צונויפקומען און זיך צו־ווערטלען.

און מיט איהר צו־ווערטלען זיך, מיינט איהר, איז עפעס אבי וואס? מען דארף זיך פריהער מיט ארבעס אן עסען איידער מען קען זיך מיט איהר אוים'טענה'ן; זי קען אייך, וואלט איהר הערען, פער־ריידען צעהן אזעלכע ווי איך; פון וואנען האט זיך צו איהר גענומען אזא פיסק, ווייס איך אסור.

איהר הערט? איך האב געמיינט, אז איך בין שוין ניט קיין גרינע, אז איך קען שוין אמעריקא אויסגעבונדען; לסוף הויבט זיך גאר ניט אן! אפילו נאך אין צעהן יאהר ארום וועל איך אויך ניט וויסען וואס דא טהוט זיך; א קאטאוועס אזא וואלד, אזא ים! מען קען דא, אסור חזיר, א טאלק דערגעהן.

אין מיינע יאהרען, געדענק איך, זיינען אויך ניט געווען אלע אי־דען גלייך; עס זיינען געווען: קאצקער חסידים, קארלינער, טריסקער חסידים, סלאנימער חסידים; אבער אזעלכע מאדנע אידען מיט פער־דרעהטע נעמען ווי דא, האב איך קיין מאל ניט געהערט. דא זיינען עפעס פאראן ציליסטען און נאכיסטען — איהר ווייסט וואס דאס איז? איך ניט. מיין דזשעני האט מיר, עס הייסט ניט מיר, דעם פאטער איהרען, מיין איידים געדולט א קאפ וועגען דעם, איך בין דערביי אויך געווען; אבער זאל איך קרענקען, אויב איך הויב אן צו פער־שטעהן אפילו א ווארט.

געקומען איז עס צו רייד וועגען דעם היינטיגען יקרות, א קאטא־

וועס איז עס? אלסדינג איז בראַנד פייער; צו וואָס מען שטעקט זיך צו, איז ניט אָבצוצאָהלען זיך! א לעבעלע ברויט, א זינד צו קוקען, אויף נאמנות, אכט סענט! א בולקעלע, איך בעט איבער אייער כבוד גרויס ווי א פייג, א סענט! צוקער טהייער, מעהל טהייער, קאַרטאָפעל באַלד טהייערער פון אתרוגים; א גרינע ציבילקע, אַן אוגערקעלע, מיט גאָלד צוגלייך; וואָס ניט? וואָס א מויל קען ריידען, איז אַלעס טהייער און טהייער, זאָל גאָט היטען און בעשירמען, אזוי ווי אין חורבן.

געקומען איז דער ביטערער יקרות, מסתמא צוליעב דעם, ווייל אויף די פעלדער איז געווען ניט געראָטען: קומט אָבער מיין איינינקעל דזשעני, די פילאָזאָפקע און פערשלאָגט אייך האקעס, באַקעס, אז די נגידים זיינען שולדיג אין דעם וואָס אַלעס איז טהייער.

עפּעס א מאָדנעם דרך האָט זי זיך גענומען, די מויד. ביי לייטען אזא מיידעל האָט שוין עפּעס שכל, איז שוין א סטאַלנער מענש און זי, א רעגולע בהמה, ווי איהר זעהט מיך לעבען.

מיינט איהר אפשר, האָט די מיידעל ווען א זיפץ געטהאָן אָדער א קרעכץ געטהאָן אויף'ן ביטערען יקרות? לאָמיר שוין אזויביידע ניט דאַרפען זיפצען און קרעכצען כל זמן אונז איז בעשערט צו לע־בען, ווי זי האָט עס אפילו קיין מאָל פאַר איהר מויל ניט געבראַכט. איהר הערט דאָך וואָס! זי האָט גאָר אַנדערע דאגות; צוליעב די קעל־טען קען זי ניט אויספאָהרען, קען זי ניט אויסגעהן — אויסגעהן זאָלען שוין מיינע און אייערע שונאים! נאַ דיר גאָר א לשון „אויסגעהן", טפו זאָלען זיי ווערען.

קומט דער זאָנטאַג הקדוש און עס געהט א רעגען אָדער עס איז קאַלט, ברענט די מויד ווי א פייער, וואָס איז, זי קען ניט אָנטהאָן איהר ווייסען קאַפּעליוש מיט די קוויטען און אומשלעפען זיך ערגיץ! וואָלט איהר זעהר א קאַפּעליוש, א גאַנצער וואַלד, כאָטש געה און קלייב דאָרט יאַגדעס.

ביי אונז אין דער היים סטראָיעט מען זיך אוים לכבוד שבת און דאָ לכבוד זאָנטאַג! מילא, דאָס איז שוין א זאַך וואָס מען קען דערצו ניט העלפען; פּרנסה ברייינגט צו אַלעס, וואָס זאָל מען טהאָן? זי איז ניט קיין בת יחידה אין אַמעריקאַ; אָבער אויף וועמען ביסטו ברוגז, אז עס רעגענט אָדער עס איז קאַלט זאָנטאַג? ווער איז שול־דיג דערינען? פון מיינטוועגען האָט צוליעב איהר אויסגעהן און איהר

אויספאהרען שטענדיג געמעגט זיין ווינטער; מעהר דאגה איז וואס צוליעב די קעלטען, ווערט אלץ דער יקרות גרעסער.

דאגות צו דאגות זיינען ניט גלייך, איינע זארגט וואס דער קרופ־ניק אין טעפיל איז שיטער און אן אנדערע זארגט וואס די פעריל אויפ׳ן האלדז זיינען שיטער; וועמעס דאגה איז א גרעסערע? דעם טאטען דארט דער מוח וואס דער יקרות איז אזוי גרויס און דער טאכטער ווילט זיך פערגעניגענס! צענטראל פאק (סענטראל פארק), קוני ליילאנד (קוני איילאנד) אוי, געשעדיגט זאלען זיי ווערען מיט זייערע אבקלעהרעבצען.

ווערט אין שטוב א רייד טאקי מכח דעם יקרות. סעם, דער איי־דים מיינער, זאגט, אז עס איז שוין אונמעגליך צו לעבען, די חלה סטאיעט ניט אויף דער המוציא, פיעל מען פערדיענט איז אלץ וויניג און עס איז גאנץ ביטער. „וואלט עפעס אנהויבען שיינען די זונן" — מאכט דער איידים מיינער — „וואלט אפשר דער יקרות אבגעלאשען געווארען; עפעס א קלייניגקייט? עס ברענט דאך, עס שרפה׳ט דאך ווי א פייער".

דאכט זיך ניט קיין נארישקייט געזאגט, אז מיין דזשעני כאפט זיך ארויס מיט א געלעכטער; כא, כא, כא, אקוראט ווי דער טאטע זאל זיין חלילה א משוגענער. „עס פערשטעהט זיך" — מאכט זי — די זונן וועט דיר לעשען דעם יקרות! אז ניט, זאגט זי, איז די זונן עפעס שולדיג דערינען? די קאפיטאליסטען, די רייכע זיינען שול־דיג! און לאכט זיך ווידער פערנאנדער, אז איך האב געמיינט אז זי ווערט שונאי ישראל דערשטיקט פון געלעכטער.

„ווען די זונן — מאכט זי — „וועט שיינען אין די ציליסטישע אדער אין די נאכיסטישע פענסטער — איך וויים ניט, אפשר האט זי געזאגט אנדערש, נאר איך קען עס ניט אויסריידען — ווען קיינע גבירים וועלען ניט זיין; דאמאלס, זאגט זי, וועט קיין יקרות ניט זיין; דאמאלס וועט די גאולה קומען, דאמאלס וועלען אלע זיין גליק־ליך. און וואלט איהר הערען, האט זי אנגעהויבען לייענען אקוראט ווי א זאגערקע לייענט א תחינה; וויעדער ציליסטען און אבער צי־ליסטען, אפשר א שעה אויפ׳ן זייגער, אז עס איז אזש מיאוס גע־ווארען הערענדיג.

רוף איך זיך אמת אב צו איהר: מאך זיך ניט נאריש דזשעני.

אז מען וועט ווערטה זיין ביי גאָט וועט קומען די גאולה; אָבער וואָס טויג מיר דיינע קינדערשע חקירות? וואָס טויג דיר, זאָג איך, ציר־ליסטען, שמיסטען און וואָס האָסט דו צו די נגידים? זאָל גאָט געבען אַלע אידען און אונז אויך. מאַלע, זאָג איך, וואָס זיינען פאראן קרומע מוחות אויף דער וועלט, דארפסטו אויך אזוי זיין? און אז יענע וועלען געהן מיט די קעפ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, וועסט דו זיי אויך נאָכטהאָן?

אז מיינע איז עס אויף מיר אָנגעפאַלען ווי א בייזער הונד און האָט מיר איינגעטהיילט א חלק, ניט ווי מען דארף איינטהיילין א באָבע.

פון דאַמאָלס אָן אנטלויף איך פון שטוב, אבי איהר צורה ניט אָנקוקען. ווי א שטעכעדיגע בהמה קוקט זי אויף מיר, וואָלט מעגליך געווען וואָלט זי מיר אפשר איינגעשלונגען. נו, ווי זאָגט איהר, איך בעט אייך, בין איך גערעכט אָדער זי?...

זייט געזונד און האָט מיר א גוטען תמיד.

XVI.

פערקיהלט ביי א בייז־באָל גיים.

קהו, קהו, קהו, גוט מאָרגען אייך. אוי, ווי דער הוסט מוטשעט מיך ניט פאר אייך געדאכט, א שטיק הארץ רייסט עס מיר אויס, קהו, קהו, קהו.

האָט נאָך מיר געפעהלט צו די צרות פערקיהלען זיך, אזוי אויך קוים וואָס איך לעב; אי, אי, אי, איך בין שוין א צובראָכענער שאר־בען, בין איך שוין.

איהר הערט? עס איז גאָר נישט, אז מען ווערט אַלט, ווערט מען קאַלט. ווער האָט עס אמאָל געוואוסט פון פערקיהלען זיך? און היינט

ליאד א האָר, הויב איך שוין אָן, ניט פאר אייך דערמאָהנענדיג, קאָ־כוקען. קהו, קהו, קהו... אוי, עס לאָזט מיר גאָר אויף א ווײלע ניט אָפּ. נישט גוט, מיסעם לעבען קראַנק צו זיין.

אמאָל, געדענק איך, פלעג איך וואשען וועש אין די גרעסטע פרעסט, אין די גרעסטע זאווערוכעס, געשלעפּט אליין וואסער פון ברו־נען — איהר ווייסט דאָך, ביי אונז איז ניטאָ קיין צינקען (סינקס) אזוי ווי דאָ — ביי אונז, אז מען דאַרף וואשען, מוז מען אָנטראָגען וואסער אין שטוב אָדער טראָגען דעם פּאַק וועש צום טייך און ווער פלעגט עס טהאָן? איך! דער אלטער מיינער, עליו השלום איז געווען א פערנומענער מענש, קיין מאָל קיין צייט ניט געהאט; עטעלע מיינע, געווען א בת יחיד'קע, א צופּעשצעטע, האָט קיין מאָל קיין שטרוי פון דר'ערד ניט אויפגעהויבען, האָב איך מיט מיינע צעהן פינגער גע־דאַרפט אי וואסער טראָגען, אי וואשען, אי שווײנקען, אי אויסהענגען, אי וואלגערען און עס האָט מיר חלילה ניט געשאדעט, און היינט? — קהו, קהו, קהו... אוי, אזא פּראָקליאטער הוסט, אז דער מוח שפּאַלט זיך מיר.

א נס איז געשעהען, אויף נאמנות, וואָס דאָ דאַרף מען כאָטש קיין וואסער ניט טראָגען פון ברונען. עס וואָלט דאָך געווען אָן אויס־רייסעניש, וואָלט דאָך געווען. פאָלג מיך א גאַנג און שלעפּ א שעפעל וואסער אויפ'ן בוידים ארויף, וואָס רייד איך אויפ'ן בוידים, אויפ'ן שפּיטץ קלויסטער! מיר דאכט, אז אונזערע רומסען זיינען נאָך העכער ווי דער שפּיטץ קלויסטער. אז איך טהו א קוק דורכ'ן פענסטער אין דרויסען, שווינדעלט מיר אזש אין די אויגען. אָט אזוי ווערט מען דער־הויכט אין אמעריקאַ! כאַ, כאַ, כאַ; קהו, קהו, קהו...

איך זאָג, דערהויכט געוואָרען! איהר הערט, מיסעם לעבען? מען ווערט דאָ דערנידערט ניט דערהויכט. אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך אין דערהיים געווען א מענש מיט לייטען גלייך, קלוגע פּאָ־טשאָטנע בעל הבית'טעס פלעגען קומען צו מיר עצות פרעגען, איך מיין זיך אסור צו בעריהמען; אָבער דער אמת איז אזוי, און דאָ דאַרף איך ערשט אָנהויבען לערנען אלף בית! די אייניקלאך מיינע, אזעלכע שנעקעס, נאָך פון דר'ערד ניט אויפגעוואקסען, אזעלכע קליי־נע, איך בעט איבער אייער כבוד טויזענד מאָל; קהו, קהו, קהו... לערנען מיר שכל. אי דער הוסט, ווי ווערט מען פון איהם פּטור.

עס קומט מיר עפּעס דערפאַר, אַז איך וויים ניט אַלע היגע פּיה־רונגען! איז שטענדיג נור מען לאַכט, מען מאַכט חוזק פון דער אַלטער באָבע! אי קינדערלאַך, איך וויים ניט אייערע נאַרישקייטען; דער־פאַר איז פאַראַן אַ סך זאַכען וואָס איך וויים און איהר ווייסט ניט.

הערט אויף אַ ציקאַוועס אַ געשיכטע. לייַנגער האָט מען אַלץ גע־רעדט: צענטראַל פּאַק, צענטראַל פּאַק (סענטראַל פּארק) פאָהרען אין פּאַק, זיין אין פּאַק זיטצען אין פּאַק; פּאַק היינט פּאַק מאָרגען, מען האָט דעם פּאַק גאָר פון מויל ניט ארויסגעלאָזען. אַלע ווי די גרויסע אזוי די קיילנע, האָבען נור גערעדט פּאַק און פּאַק.

מאַך איך צו מיין טאָכטער, צו עטעלען: וואָס דאַרף מען דאָ אזוי פיעל טענות פערלייגען? דער פּאַק אייערער איז דאָך ניט אין ארץ ישראל, מען דאַרף עפּעס אין אמעריקא אַ סך וועגען פערקירע־ווען? מען זעצט זיך אויפ'ן קאַר אָדער אויפ'ן... ווי רופט מען עס די באהנען וואָס געהן אין דער הויך? עלעבייטער, עלעברייטער — עס דרעהט זיך ניט דער צונג אויף שווערע ווערטער, כאָטש צוריים זיך! קהו, קהו, קהו...

יאַ, איז וואָס זשע האָב איך אייך געוואָלט אויספיהרען? אַז איך האָב געזאָגט מיין טאָכטער, אַז מען זאָל שוין פאָהרען און אויפהערען ריידען. האָט זי מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז אהין פאָהרט מען ווען עס איז ווארעם אין דרויסען, איז דאָך אָבער קאַלט געווען, האָט מען די יאַזדע אַלץ אָבגעלייגט. נו, נו, אַ זומער היינט, מען טהאָר עס ניט ריידען, דער וואָס לעבט אויביג איז שוין — קהו, קהו קהו...

איך האָב געוואָלט אויסריידען אַ נאַרישקייט האָט מיך גאָט גע־שטראָפט און איך האָב זיך אין מיטען פערהוסט! גלייכער אזוי, איהר הערט מיסעסעל? אַז מען רעדט ווייניגער איז געזינטער.

גאָט האָט געהאָלפען, די זון האָט אַ בלישצע געטהאָן, דזשעני די גרויסע מויד האָט ניט געאַרבייט; די קלענערע זיינען אויך געווען אין דער היים און עס איז פערבליעבען צו פאָהרען.

מאַכט עטעלע צו מיר: פאָהר אויך מאַמע. צייטענווייס איז די טאָכטער מיינע ניט קיין שלעכטע; אָבער עס טרעפט אמאָל, אַז זי וויים ניט וואו איהר גוטסקייט צו איינשטעלען. איך וואָלט איהר מוחל געווען דעם פּאַק מיט די אַלע זיעבען גליקען אבי מען זאָל פון מיר ניט חוזק מאַכען, ניט אָבלאַכען אזוי ווי פון אַ משוגענע. אַ קאַטאָוועס,

זעהר פיעל פארגעניגען האב איך דארט געהאט, א וואזשנע מע־צאצע!

קהו, קהו. קהו... אוי, אפשר וועט נאך ניט דער פאק, וואלט איך ערשט פון מיין הוסט ניט געוואוסט א בעטשע (איל בעט יו), אז איך האב זיך דארט פערקיהלט. אוי, די איינקלאך מיינע מיט זייער פילאזאפיע; לופט, שמופט! וואס טויג מיר די קונצען? אז מען זיצט אין דער וואַרים פערקיהלט מען זיך טאקע ניט.

מילא גאר נישט. האט מען זיך גענומען, וואלט איהר זעהען אויסקלייבען, איך זאג אייך, קיין ווארשא האט מען געקענט איינפאה־רען ביז זיי האבען זיך אויסגעסטראיעט! נאך א מאל א קוק אין שפיעגעל; און ווידער א קוק אין שפיעגעל; נאך א טאפ די פראמ־פאדור (פאמפאדור) און ווידער א טאפ די פראמפאדור, עס איז זאג איך אייך מיאוס און געווארען קוקענדיג.

רוף איך זיך אמת אן: פאר וועמען דארפט איהר זיך אזוי סטראיען? פאר די חיות וואס זיינען דארטען פאראן? אז מיין דזשעני מאכט עס קולות: אז אייך געפעלט ניט, איז ווי איהר ווילט אייך! א נייע דעה זאגערקע! ווער פרעגט אייך דען? — וואס טהוט די באבע? ווישט זי א די ליפען און שא. קהו, קהו, קהו...

א סוף! האט מען זיך שוין ווי עס איז אויסגעסטראיעט, אויסגע־פוצט אזוי ווי צו א חתונה; מיין איך, אז שוין פערטיג, לסוף נאך ניט. איז אוועק דזשייקעלע דער עלטערער אינגעל און איינגעהאנדעלט א פאאר הענטשעקעס. די מאמע די חכמה, האט איהם דארויף געלד געגעבען, און וואלט איהר זעהען הענטשעקעס, אויף עוג מלך הבשן׳ס לאפע וואלטען זיי גוט געווען. מאך איך, אמת: צו וואס דארפט איהר נארישע קעפ, היינט הענטשקעס? ווינטער איז היינט? אז אלע מיט אמאל שיסען עס ארוים מיט א געלעכטער, אקוראט ווי איך זאל די גרעסטע נארישקייט פרעגען! נו האב איך געדארפט זיין א נביא און וויסען, אז די הענטשקעס דארף מען גאר צו שפיעלען באל, שמאל, ביי מיין טאטען אין שטוב האב איך עס ניט געזעהן.

ווי עס איז פערשלעפט זיך אין פאק. קהו, קהו, קהו.. דער הוסט, ניט פאר אייך געדאכט, לאזט מיר גאר ניט ריידען, איך בין אוים מענש בין איך. מילא געקומען אהין, האט מען זיך פערקליבען אויף א פעלד. דער אלטער באבע האט מען אוועקגעזעצט היטען די דזשע־

קעטס מיט די העטס און אליין איז מען אלע אוועק ווארפען די פילקעס, באלס, ווי איהר רופט עס. עס קען זיין, אז דאריבער האט מען מיר גענומען, כדי איך זאל ביי זיי זיין א שומר.

מילא וואס זאל איך אייך זאגען? איז געווארען א ווארפעניש, א כאפעניש און א לויפעניש, זאל גאט היטען און בעשירמען. אזוי ווי טייוואלים, ניט אין שטוב גערעכט, האבען זיי זיך געטראגען! די ווארפט און דער כאפט אזוי ווי ציעגען איז מען געשפרונגען, אזוי ווי אויסגעפאשעוועטע קעלבלאך, אזוי ווי יונגע פערדלאך איז מען אומ־געלאפען הין און צוריק, אז איך ווייס אסור וואו האט זיך עס צו זיי די כחות גענומען. קהו, קהו, קהו...

און מיינט איהר אפשר א האלבע שטונדע, צו א שטונדע? ווייס איך וואס! אודאי דריי פיער שטונדען נאכאנאנד האט מען זיך אזוי אומגעקאטאיעוועט און איך בין געזעסען און עס אנגעקוקט. מילא קינדער שפיעלען זיך, זיינען זיי קינדער; אבער ווי קומט א כלה מויד און א בחור וואס לייגט שוין תפילין צו אזעלכע נארישע שפיעלע־רייען?

נאכדעם, וואלט איהר זעהען, איז די גאנצע כאליאסטרע געקור־מען נעבען מיר זיך אברוהען. א קליינינקייט, זיך אזוי פיעל אנגעהארע־וועט! איז מען געווען פערדוויטיגט אזוי ווי בוראקאווע ראסעל און מען האט קוים גערעדשעט. לאך איך צו זיך אליין און פרעג ביי מיין טאכטער: צו וועלכע כפרות דארף מען עס?

מאכט זי צו מיר — קה, קהו, קהו... זאלען שוין מיינע שונאים אזוי קענען לעבען ווי איך קען ריידען. יא, מאכט זי צו מיר: דאס איז עסער סייזשעם (עקסערסייזעם) מיין איך דאך, אז זי מיינט עס צו מאכען אפעטיט צום עסען און טהו א זאג אויף קאטאוועס: אין אזא ברענענדיגען יקרות דארף מען ניט זוכען קיין סגולות צו עסען מעהר; היינט אז מען עסט ווייניגער איז בעסער. ווי פערשטעהט איהר? איך האב עפעס אויסען געווען דערמיט? זאל איך צער הא־בען! וואס איז, זיי עסען דען מיינע? אז אלע האבען עס אויסגעשא־סען מיט א געלעכטער: כא, כא, כא; און ווידער, כא, כא, כא — קהו, קהו...

ערשט נאכדעם פאהרענדיג אהיים, האט מיר די קלוגע טאכטער מיינע געגעבען צו פערשטעהן, אז ווארפען די באלס איז געזונד, אז

דאָקטוירים הייסען זיך בעוועגען, בעשמעגען — זאָל איך אזוי וויסען פון מיין הוסט ווי איך ווייס וואָס זי האָט מיר דאָרט אָנגעדאַר־שעט.

אי, אי, אי, טאַקע נור היעגע נאַראָנים קען מען אזעלכע נאַריש־קייטען איינשמועסען. אַלץ איינס האָב איך מיינע יאָהרען אויסגע־לעבט און איך האָב ניט געשפּיעלט אין באַלל, הלואי זאָלט איהר קינ־דערלאַך מיינע יאָהרען דערלעבען. אָט דאָס זיינען, מיסעס לעבען, בולוואַנעס.

נו, שוין צייט געהן אהיים. זייט געזונד. קהו, קהו, קהו.

XVII.

די טאָכטער ווערט אַ ביזנעס ליידי.

אוף...ף...ף, ס'אַרא ברענענדיגע היטץ, ס'אַרא סמאַליענעש, עס ברענט דאַך ווי מיט פייער, מיט שוויים בין איך אָבגעגאָסען געוואָרען ביז איך בין אהער געקומען. אַ קליינינקייט איז עס, אזא גהינום!

אַ פּנים האָט עס, אז דער וואָס לעבט אייביג בלייבט ניט קיין בעל חוב, זיינס גיט ער אָב. פריהער, שפּעטער; אָבער קיין אָנזעט־צער בלייבט ער קיין מאָל ניט. געוועזן דאַכט זיך אזוי קאַלט, מען האָט געמיינט אז קיין זומער וועט שוין גאָר ניט זיין, לסוף נאַ דיר, גיט ער היינט אָב מיט פּראָצענט! יאַ, יאַ, מיסעס לעבען, וואָלטען מיר נור אזוי ווערטה געוועזן ביי איהם, ווי ער איז אַ בטוח, אז ער קען אָבגעבען.

איך טענה עס שטענדיג, אז פון רבונו של עולם האָבען מיר קיין מאָל קיין קריוודע ניט. וואָלטען מיר אזוי גוט געוועזן צו איהם ווי ער איז גוט צו אונז. ער בעגעהט זיך, אויף נאמנות, מיט אונז מיט חסד. נעוועך מאַי, ווי איהר זאָגט, ער ווייסט שוין ווי צו פיהרען די וועלט, אַ דאַנק איהם און אַ לויב איהם, היינט און אַלע טאָג.

איהר זעהט א מבין, מיסעס, ס'ארא היטע עס איז? עס שיט דאָך פשוט מיט פייער. אוף...ף...ף, אז מיר, מישטיינס געזאָגט, הויט און ביינער איז אזוי שווער צו פערטראָגען די היטץ, טאָ וואָס זאָלען שוין זאָגען די פעטע?

עטעלע מיינע דערצעהלט מיר, אז דיקע ווייבער פאָהרען אין קאונטרי פערליערען, עס הייסט, מאָגערער ווערען; אָט נארישע מענשען, אויף מאָגער ווערען דארפען זיי גאָר האָבען א קאונטרי! און אין דער היים קען מען עס ניט? זאָלען זיי מיר פרעגען, וועל איך זיי א בעסערע עצה געבען ווי צו פערלירען, ווי זיי רופען עס, און עס וועט, איך זאָל אזוי לעבען, קאָסטען א סך ווענלער.

די טאָכטער מיינע, וויים פון אַלע שווערע הערצער. איך האָב עס אפילו פיינד, פע, עס איז ניט שעהן, אז א ווייבעל זאָל זיין א קאָכלעפעל און וויסען וואָס ביי אימיצען אין טעפעל קאָכט זיך; אָבער איך וויים דאָך ב"ה, אז ווען איך וועל איהר זאָגען, וועט זי מיר אויך ניט פאָלגען, שווייג איך שוין בעסער. איך האָב שוין אָבגעלאָזען די לייצעס, וואָס קען איך העלפען? ווי זאָגט יענער: שטאַרקער ווי לאָקשען אָהן אייער בין איך ניט.

הויבט זי מיר אָן, וואָלט איהר הערען, דערצעהלען סקאַזקעס פון אונזערע לאַנדסלייט: די פאָהרט אין קאָנטרי צוקומען אין וואָג, די פאָהרט אָבקומען; די פאָהרט אין אייגענע קליידער, די אין געבאָרגטע; די האָט גענוג געלד אויף דער הוצאה און די האָט פערזעצט משכנות — אלסדינג וויים זי.

זי, עטעלע מיינע, שלינגט נאָר די שפייעכץ פון דער קאָנטרי אי, האָט זי חשק! אָבער וואָס העלפט עס? דלות מאַך לאָקשען! זאָל זיך אָן אָרימאַן ניט ווענען.

זעהט איהר? מיר ליגט אסור אין זינען די קאָנטרי, זאָל זיך מיר אזוי וועלען זינדיגען ווי מיר ווילט זיך די קאָנטרי. איך וועל זאָגען ווי יענע אידענע האָט געזאָגט: ווענען ארץ ישראל און מיר מיין דערפעלע. איהר הערט? אין געסט, זאָגט מען, איז גוט און אין דער היים איז נאָך בעסער. אי ווי היים...

איין זאָך מיסעסל טהוט מיר הנאה. וואָס די טאָכטער מיינע זאָגט שוין ניט, אז איך בין שולדיג אין דעם וואָס זי פאָהרט ניט אין קאָנטרי. איך האָב אייך שוין אמאָל דערצעהלט, אָז זי מיט דער

טאַכטער, מיט דזשעני'ן. הייסט עס, האבען געוואָלט אוועקפאָהרען און מיך איבערלאָזען פאר א בעל הבית'טע אין הויז, האָב איך זיי אָבגעקלאַפּט די פליעגלען און זיי געגעבען צו פערשטעהן, אז עס טויג ניט, נו, זיינען זיי דערפאר ברוגז געוואָרען! איהר מיינט, איך וואָלט זיי געהאַקט די רעדער ווען זיי זאָלען געוועזן פאָהרען? אסור מיר! אָבער איך בין מחויב געוועזן צו זאָגען א גלייכע זאַך, הכלל האָבען זיי געמיינט, אז איך האָב זיי גאָר אָבגעקוילעט; ערשט אָבער איז פאראַן אַן אנדער אָבהאַלט און מען האָט שוין צו מיר קיינע טענות ניט.

איהר ווייסט נאָך מסתמא גאָר ניט, וועל איך אייך אָנזאָגען די שמחה, אז עטעלע מיינע איז געוואָרען א... ווי רופט מען עס?... יא, א ביזשנעס ליידי. זי האָט געקויפט א קענדי סטאָרקע, זאָל זיין מיט מזל און ברכה, האָט זי שוין קיין צייט ניט צו פאָהרען ערגיץ. א סוף, אַן עק, אבי מען האָט שוין ניט צו קלאָגען אויף מיין קאָפּ, אז איך לאָז זיי ניט פאָהרען. וואָס רעדט איהר, וואָס? אש להבה איז מען דאָך אויף מיר געוועזן.

איך האָב דער טאָכטער מיינער אליין צוגערעדט, אז זי זאָל מאַכען א שטיקעל קרעמיל און העלפען דעם איידים פערדיענען. פון איינע צעהן פינגער איז שווער צו בעקאָרמענען אזא געזינדעל, אָהן עין הרע, האָב איך געמיינט אפשר וועט אזוי זיין בעסער; אָבער ערשט האָב איך שוין אביסעל חרטה. אוף..ף...ף, ווי עס דושעט, ווי עס שטיקט, אָט דאָס הייסט, קינדערלאַך, ווארים.

צווישען אונז זאָל עס בלייבען. די טאָכטער מיינע איז, ווי מען זאָגט: אביסעל ניט דערפאָהרען, עס פעהלט איהר א קליפּקע אין מוח און דערפאר טויג עס ניט.

לייגגער, וואָלט איהר זעהן, איז סעם, דער איידים מיינער גע־בליבען זיצען אָהן א שטאָך מלאכה. א מאָדנע מדינה אמעריקא, דאָ איז אָדער דריי אָדער דרייסיג! ווערט ביזי, איז אפילו קיין צייט ניטאָ ווי מען זאָגט: די נאָז אָבצו־ווישען; ווערט ווידער שלעק (סלעק), ווי זיי רופען עס, איז א סוף! ווערט די ארבייט אָבגעהאַקט ווי מיט א מעסער. אז ער איז געבליבען זיצען אין דער היים, האָט איהם די טאָכטער מיינע אָנגעהויבען יאָדען: אז עס איז ניטאָ קיין ארבייט, זוכט מען עפּעס אַן אנדער פרנסה. האָט ער איהר צוריק גע־

יאַדעט: ביי לייטען העלפט א ווייב אויך עפּעס צו, איך קען זיך איינער אליין ניט צו רייסען. מילא פרעגט שוין גאַר ניט, עס איז גע־ווען פרעהליך.

האַב איך, אמת, עטעלען אונטער פיער אויגען געזאַגט, אז סעם איז גערעכט, פון הימעל וואַרפט נאַט ניט אַרונטער, ווי זאַגט מען עפּעס: דער מאַן אויף אַלץ און די ווייב אויף זאַלץ, איז אויך גוט; אז מען טרייעט, ווי מען זאַגט דאַ, העלפּט ער. בקיצור זי האַט זיך געלאַזט אַנריידען און מען האַט געקויפט די סטאַרקע; איז, ער ארבייט און זי איז כלומר'שט די קרעמערקע, די ביזשנעס ליידי, ווי איהר רופט עס.

איז מילא, וואַס זאָל איך אייך זאַגען, מיינט שוין די טאַכטער מיינע, אז זי איז די גאַנצע בעל מפרנס'ניצע. און מיינט איהר מען לייזט זעהר א סך? ניט מעהר זאָלען מיינע און אייערע שונאים לע־בען! איך קען אייך שווערען, אז זי האַט נאָך אפילו קיין וואסער אויף קאַשע ניט פערדיענט, און וואָלט איהר זעהן ס'אַרא פוריע זי מאַכט עם געגען סעמען! אקוראַט ווי זי זאָל איהם גאַר גליקליך מאַכען? עס איז א צער בעלי חיים, זאָג איך אייך, אויפ'ן בעל הבית'ל; זי לייגט איהם צעהן איילען אין דר'ערד, לייגט זי איהם און די אלטע מאַמע דאַרף עס אַלץ הערען, זעהן און שווייגען... וואָס זאַגט איהר, איך בעט אייך, אויף די היטץ? קיין ברעקעל ווינטעלע איז דאָך ניטאָ! נו, נו, געלויבט און געדאַנקט איז ער פאַר דעם און פאַר אַלעמען.

איך ווייס ניט צו אומעטום איז אזוי, צו נור מיך האַט גאָט געשטראָפט מיט אזא צרה א נאַווינע איז עס, אז א ווייב העלפט דעם מאַן פערדיענען! פאַר וואָס ניט? הלואי וואָלט מיין אַלטער עליו השלום געלעבט, וואָלט איך איהם אויך געהאָלפען! אוי, א גוטער בע־טער זאָל ער דאָרט זיין פאַר אונז אַלע, איך פלעגט דאָך פשוט ווי מען זאַגט: וואַשען איהם די פיס און טרינקען די וואסער, ווי דען? ארומהארקען זיך מיט א מאַן איז שעהן? אזא יאָהר אויף מיינע שונאים.

קומט דער מאַן עסען, איז ניטאָ וואָס, זי איז דאָך א ביזנעס ליידי! פאַלט ער אויפ'ן נאַז שלאָפען, פערשפּאַרט זי איהם זיטצען ביז האַלבע נאַכט אין סטאָר, שמאַר! בעגינען, ווער שטעהט אין סטאָר? סעם! ווער ברייננט סחורה? סעם! ווער לייגט ארויף די סחורה

אויף די פּאַליצעס? אַלץ סעם! און לסוף לאָזט זיך אויס, אַז סעס איז גאָר נישט, אַ שמאַטע, און זי איז די בריה! הלואי זאָל איך ליגען זאָגען, איך האָב מורא, אַז די ביזשנעס וועט ביי זיי אַ קיום האָבען פון אסתר תענית ביז פורים.

וואָלט זשע כאַטש זיין זי אליין, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה; איז נאָך אָבער די מויד, דזשעני, מיין איך אויך אין מיטען. זי העלפט כלומר'שט אויך אין סטאָרקע, דאַכט זיך איהר, אַז זי שפּייזט דעם טאַטען, אַז ער זיצט אויף איהר קארק. בינו לבינו האָט ער אַ פּעקעל צרות, אַז עס איז אָך און וועה צו איהם.

נישט, נישט, מיסעס לעבען, דעם מאָל האָב איך ניט געטראָפען וואָס איך האָב די קינדער מיינע דערויף ארויפגעפיהרט, הלואי זאָל זיך אויסלאָזען גוט אָבער דערווייל האָב איך חרטה אויפ'ן גאַנצען עסק. מילא פּערפּאַלען, אַ מענש איז ניט קיין מלאך.

פון דער סטאָרקע און פון די קאַסטאָמערס וואָס קומען אריין אהין, האָב איך צו דערצעהלען פּעק; אָבער זאָל שוין זיין אויף אַן אנדער מאָל, דערווייל האָט מיר אַ גוד באַי!

XVIII.

די שיסענים אין גוי'אישען ל"ג בעומר.

איהר דארפט מיר? אָט בין איך דאָ! איהר האָט עפּעס געביינקט נאָך מיר? זאָגט דעם אמת, אודאי די דריטע אויג נאָך מיר אויסגע־וויינט; אָבער איך בין אַ פּראָסטער חי וקים, איך ווארט ניט מען זאָל מיך רופען. צו דעם מענשען וואָס איך האָב ליעב, געה איך אליין, אזא נאַטור האָב איך.

ביי מיר איז וואָס אויפ'ן לונג, דאָס אויפ'ן צונג. איך האָב פיינד, ווי אנדערע ווייבער, זיך חנפה'נען, זיך אונטערלעקען און אין הארצען זיין יענעם אַ שונא. דעם מענשען וואָס איך גלייך ניט, בין איך מיט

איהם פון דער ווייטענס, רייד איך מיט איהם ניט; ווי זאָגט יענער: גוט מאָרגען, גוט יאָהר; דער מענש אָבער וואָס איך האָב האָלט, איז ביי מיר דער לעבען מיט דער נשמה.

וועט איהר מיר, מיסעס לעבען, גלויבען צי ניט? אז א חוץ צו אייך קומט מיין פוס ערגיץ ניט, און אז עס האָט זיך אזוי געמאַכט אז איך האָב ניט געקענט קומען צו אייך, בין איך אוים מענש געוועו. איך האָב שוין קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, איך זאָל זיך קענען אָברייסען געוואָהר ווערען וואָס איהר מאַכט. א דאנק זיין ליעבען נאָמען, אבי מען זעהט זיך געזונדערהייד.

אוי, טאַטע געדעכטער, מאַך א געלעכטער. צו אַלצדינג דאַרף מען געוואָהנט ווערען אין אַמעריקאַ! נאַ דיר נאַר א מאָדע מיט שי־סען, טפו זאָלען זיי ווערען, צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך עס ניט געזעהען און ניט געהערט.

וואָס מיינט איהר, איך וואָלט זיך אזוי לאַנג איינגעהאַלטען און ניט געקומען צו אייך? אָבער א קלאָג איז מיר ניט געשעהען, ווער האָט עס געקענט ארויסגעהן אין סטריט צוליעב די שיסעניש? סכנות נפשות איז דאָך געוועו; טראַך, טראַך, באַך, באַך, זאָל ער היטען און בעשירמען.

ווי איהר זעהט מיך לעבען, אז עס איז מיר נאָך היינט אויך ניט ארוים דער טומעל פון מיין קאָפּ. עס קלינגט מיר נאָך, אויף נאמנות, ערשט אויך אין די אויערן. אזוי ווי א צודולטע, ניט פאר קיין מענשען געדאַכט, בין איך פון דעם גוי'אישען ל״ג בוימער (בעומר), ווי רופט מען עס עפּעס: פיערטער טשוליי, (דזשולאי), צו... דער גוטער יאָהר ווייסט זיי.

איהר מעגט אייך, מיסעסעל, זאָגען וואָס איהר ווילט; אָבער צולאָזען איז מען דאָ טאַקי צולאָזען וואָס צולאָזען הייסט! אזוי ווי די קליינע, אזוי די גרויסע, קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קע־נען.

ביי אונז אין דער היים, געדענק איך, פלעגט מען ל״ג בוימער (עומר) מאַכען פאר קינדער פייל און בויגענס, און מיט וואָס פלעגען זיי שיסען? מיט שטיינדלאַך, מיט העלצלאַך און גענוג! און דאָ? וועה געשעהן, וועה געשעהן, האָט מען עפּעס געוואוסט וואָס ל״ג בעומר איז געוועו? מען האָט דאָך פון קיינעם א פּיפּס ניט געהערט און

לכבוד דעם גוי'אישען ל"ג בעומר, האָט מען נאָך אָנגעהויבען שיסען מיט צוויי וואָכען פריהער. און נאָך ווי שיסען? אזוי ווי פון הארמאַ־טען! אי, אי, אי, ניט אומזיסט איז, ניט דאָ געדאכט, אזעלכע צרות אויף דער וועלט.

וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר א שרעק איך האָב געהאַט אַט פון דער צרה'דיגער מאָדע, פון די שיסעניש! טאַקי ניט אַנדערש זכות אבות זיינען בייגעשטאַנען, אז איך האָב עס איבערגעלעבט. שטעלט זיך פאָר, אז איך וויים פון נישט צו זאָגען און פלוצלונג הער איך: פיף, פאַף, פיף פאַף! אוי, מאַמעלע מיינע, וואו האָט זיך עס גענומען צו מיר די כחות וואָס איך האָב פון שרעק ניט גע'חלש'ט, וויים איך אליין ניט.

איך האָב אויף נאמנות, געמיינט אז דאָ איז אויך געוואָרען א רעוואָלוציע. נו — טראַכט איך ביי זיך — בעשערט געווען קומען אין אמעריקא און גע'הרג'עט ווערען. א גליק איז געשעהן וואָס עטלע מיינע איז אָנגעקומען, ווען ניט וואָלט איך אפשר אויפ'ן אָרט גע־בליעבען.

מאַמע שרעק זיך ניט — מאַכט זי צו מיר — אונזער דזשייקעלע שיסט עס. ניט מיט קיין ביקס — זאָגט זי — מיט פייער טרעטערס, צו פייער קרעקערס, איהר מיינט איך געדענק זעהר ווי זי האָט עס אנגערופען? פרעגט מיט א גרינגערע זאַך.

וואָס האָט געזאָלט זיין, וואָס עס וועט זיין, זאָל אויסגעהן צו מיי־נע שונאים'ס קעפּ צו זייערע הענד און פיס, צו זייער לייב און לעבען — זאָג איך — א טרייסט מיר, א נחמה דער באָבע, דזשייקעלע שיסט! ווי קומט ער צו שיסען? דערצעהלט מיר די טאָכטער מיינע, אז עס געהט אזא חגא וואָס מען דאַרף שיסען, נו — זאָגט זי — א קינד האָט דערפון הנאה, פאַר וואָס ניט? זאָל ער שיסען.

האָב איך איהר אמת איינגעצאָהלט א פּאָרציע. אַט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך א שטילע; איך האָב פיינד צו קריגען זיך, צו מאַכען בארוואריעס, איך לאָז שטענדיג מיינס איבערגעהן; אָבער דאַמאָלס איז מיר אזוי דערגאַנגען צום הארצען, אז איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געמאַכט איהר א מארק. אז איך וויל, קען איך. איך האָב איהר איינגעצאָהלט איין! מאָל פאַר אַלע מאָל; אָבער מיינע רייד האָבען זיך צו איהר אזוי געקלעפּט ווי ארבעס צום וואַנד.

דערצעהלט זי מיר א געשיכטע, אז אין דעם פיערטען טשולאַי, ווי זיי רופען עס, איז אַמעריקאַ געוואָרען א פרייע מדינה, דאריבער דארף מען זיך פרעהען, דארף מען הוליען — האָט איהר געהערט אויף אייער לעבען אזא מין הוליאנקע? שיסען גאָר, שיטען מיט פייער, איבערשרעקען מענשען, מאכען מענשען פאר קאַליקעם! טפו, זאָלט איהר ווערען מיט אייערע אָבקלערעכצען.

איך וויים ניט, איך בין איך עם הארץ אין די זאכען; אָבער נאָך מיין נארישען שכל קומט עס נור פון צולאָזענקייט. אמת טאַקי, א דאנק גאָט, פאר דער שטיקעל אמעריקא, ווי די מעשה איז, דאָ הערט מען פאַרט ניט אזעלכע צרות ווי מען הערט זיך אָן פון רוסלאנד, עפּעס א קליינינקייט וואָס דאַרט טהוט זיך? עס איז דאָך, ניט דאָ געדאכט רעגולער חורבן; אָבער וואָס האָט עס איינס צום אנדערען? דאריבער דארף מען שיסען? ניטאָ שוין קיין שעהנערע און בעסערע הוליאנקע? עט! עס איז מעהר ניט מען איז דאָ צולאָזען, מען איז דאָ צובושע־וועט, אזוי ווי די מאַמעס אזוי די קינדער, נאט אייך א גראָשען פאר זיי אלע.

ווען די מאַמעס מיט די טאַטעס וואָלטען די קינדער ניט אזוי נאָכגעגעבען די שמד, ניט לאָזען זיי זיין סאַמאָוואָלצעס, די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען ווי בעסער עס וואָלט געווען. ווי אזוי פרעג איך אייך, קען א קינד גוט זיין, אז וואָס פאר א נארישקייט עס טהוט פּאַ־טאַקעוועט די מאַמע? איהר הערט? איך בין אסור א שלעכטע מאַמע געווען, און מיין אלטער א ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען, איז ניט גע־געווען קיין שלעכטער טאַטע, אוי, א גוטער בעטער זאָל ער דאַרט זיין פאר אונז אלע וואָס פאר א גוטינקער ער איז געווען, א דימענט, זאָג איך אייך, א מענש אָהן א גאל; מיר האָבען אָבער געוואוסט וואו איינ־צושטעלען אונזער גוטסקייט און דאָ, פרעגט זיי בחרם! מיין טאָכטער וויים אזוי ווי צו זיין א מאַמע, אקוראט ווי איך וויים ווי צו זיין א פּרעזידענטיכע.

די איינציגע פּאָטיעכע מיינע איז, וואָס אלע זיינען דאָ אזוי, איי־נע ניט בעסער פאר דער אנדערער. ווי זאָגט מען עפּעס?... איך וויים ניט אויב איך וועל עס קענען איבעררריידען; ניטאָ, ניט פאר אייך דערמאָהנענדיג, קיין קאָפּ, קיין זכרון... יא, איך האָב מיך דערמאָהנט; צרת רבים — זאָגט מען — איז חצי נחמה, איהר וויסט דאָך מסתמא

דעם טייטש דערפון: אז עס איז אויף אלעמען א צרה, איז א האלבע טרייסט.

מיינער, עליו השלום, פלעגט שיטען מיט אזעלכע לשון קודש'־דיגע ווערטלאך און ער פלעגט עס מיר פערטייטשען. אוי, פויגעלע מיינע, מען זעהט עס גאר ניט היינטיגע דורות אזעלכע מענשען ווי ער איז געווען? אי, אי, אי, די ערד, אימשטיינס, געזאגט, נעהמט אלעס צו...

יא, איך האב אייך געוואלט אויספיהרען, אז אלע זיינען דא איין שווארץ יאהר, ווי מען זאגט. צולאזענע ליפערס, זאל גאט היטען, און ווער איז שולדיג אין דעם? די מאמעס, נור די מאמעס! ווען א קינד זאל זיך אפילו אויסציהען פאר מיינע אויגען, וואלט איך איהם נעגעבען געלד אויף פייער טרעטערס (קרעקערס)? ניט דערלעבען זאלען מיינע שונאים! איהר ווייסט וואס זיי פלעגען טהאן, די יונגא־טשעס? אונטערלייגען די שיסעניש זייערע אלטע אידען אונטער די פיס, אריינווארפען אימיצען אין קעשענע; זאל איך אזוי זעהן, טאטע דער בארעמדיגער, אל דאס גוטס, ווי איך האב עס אליין געזעהען.

און א חוץ דעם, טהוען דאך אויף די היגע אכברייזשים אזעלכע מעשים, זאל גאט רחמנות האבען! איך זעה זיך עס אן געגוג. איך האב אייך דאך דערצעהלט, אז די טאכטער מיינע האט געקויפט א קענדי סטאר. זיטצען זיי דארט, די יונגע חברה, וואלט איהר זעהן, אזוי ווי גוים אין א קרעטשמע און מען קען זיך פון זיי ניט אבטריי־בען. מען קען ניט זאגען, זיי גיבען אפילו צו לייזען; אבער איך וואלט זיי מוחל געווען דעם פדיון מיט אלעמען, אבי זייערע פנים'ער ניט אנקוקען. איך קען ניט צוזעהן, אז א קינד גיט אוים געלד אויף נאַ־רישקייטען; עס שניידט מיר ביים הארצען, אזא טבע איז ביי מיר; אבער געה מאך בעסער!

איך בין היינט עקסטרא געקומען טאקי דערצעהלען אייך פון מיין טאכטערס ביזנעס; אבער איך האב זיך פערערדט און עס איז שוין מעהר קיין צייט ניטא. אז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זיך נאך זעהן. דערווייל האט מיר א גוטען טאג און א גוטען יאהר.

XIX.

ניין טעג און צולאָזענע קינדער.

אַט האָט איהר אַ גאַסט לכבוד די ניין טעג. מען טהאָר עס אפילו ניט. ביי אונז אין דער היים, געדענק איך, פלעגט מען אין די ניין טעג ניט געהן אין גאַסט; אָבער דאָ אין אַמעריקאַ, מישטיינס געזאָגט, טהוט מען גרעסערע עבירות. דאָ איז מען ב"ה ניט אַזוי פּריטיקלע, ווי איהר זאָגט. דאָ האַלט מען אַלס פּאַר גרינג, און אַז מען איז שוין אין באַד, ווי זאָגט יענער, איז נאָך אַ שמיץ.

איהר מעגט זיך, מיסעס לעבען, לאַכען פון מיר, אָבער איך זאָג אַז מען וועט אויף יענער וועלט שמייסען, און נאָך ווי שמייסען, אַז עס וועט אַזש געהן אַ רויך! וואָס דען, מיינט איהר? עס איז הפקר פּעטרושקע? דאָס וועט מיר קיינער ניט איינשמועסען.

אַז איך זאָג עס מיין דזשעניע'ן, לאַכט זי פון מיר. נו, זאָג איך, לאַך, לאַך; וואַרט טאַכטערקע, דו וועסט שפּעטער לאַכען מיט אַן אַנדער געלעכטער.

קאָלומבוס, זאָגט מיין איינִיקעל, נעהמט אַלע עבירות אויף זיך. אין אַמעריקאַ, זאָגט זי, קען מען ניט פרום זיין, און אַז זי האָט חשק זידעלט זי מיר גאָר אָן, ווען איך זאָג איהר עפּעס אַ וואָרט, הייַנט געה מאַך מיט איהר!

מיינט איהר אפשר, אַז איך היים איהר פאַסטען הפסקות אָדער חצות אָבריכטען? חלילה! דאָס טהוט ב"ה דער טאַטע איהרער אויך ניט. מיין אַלטער, עליו השלום, האָט שוין פּאַר זיי אַלעמען אָבגעפּאַסט און זיי דאַרפען שוין גאָר ניט. וואָס רעדט איהר, וואָס! פלעגט קור־מען אַט די טרויער טעג, פלעגט ער, ליכטיג זאָל איהם זיין אין קבר, פאַסטען און אָבריכטען חצות אַלע טאָג. אַ צדיק אַ איד געוועזן, וואו זעהט מען עס גאָר אין היינטיגע דורות אַזאַ אידען? דאָ אָבער איז אַלעס וואָכעדיג, אַט איך ווייס ניט אויב די אייניקלאָך זיינע וועלען אפילו תשעה באב פאַסטען.

וואָס ווי וואָס, די האָרלע היט מען דאָ אָב. וואו האָט מען עס ביי

אונז אין דער היים געהערט, אז מען זאָל אין די ניין טעג עסען פלייש? זאָל איך צער האָבען אויב איך האָב ווען א פליישיגע לעפעל אין די ניין טעג גענוצט, און דאָ איז ב"ה אלעס איינס, פורים, שמחת תורה, די ניין טעג, מען היט זיך אָב, מען האָט מורא, עס זאָל די העלדזער ניט איבערגעהן, טפו זאָלען זיי ווערען ס'ארא גע'שמד'טע העלדזער!

סעם דער אײדים מיינער, איז דאָ אויך אויסגעוועבט געוואָרען. געווען א מאָל, זאָג איך אייך, א זיידענער יונגער מאַנטשיק, א פרו־מער, א גאָט'ס פאָרכטיגער און היינט? עט, א פוסטע כלי געוואָ־רען.

אז איך מאך נעכטען צו איהם: שמואל'קע ווי קומט עס צו דיר, אז דו זאָלסט ניט אָבהיטען די ניין טעג? און אז מען עסט ניט קיין פלייש, זאָג איך, קען מען חלילה שטארבען? ענטפערט ער מיר, וואָלט איהר הערען: שוויגער, כל זמן מען לעבט דארף מען עסען און טאָקי וואָס בעסערס, ווייל, פערשטעהט איהר מיך, זאָגט ער, מען דארף אָנהאָדעווען לייב, כדי עס זאָל אויף יענער וועלט זיין וואָס צו שמיי־סען.

איך וויים, אז ער מיינט עס אויף שפאַס. ער איז פון שטענדיג אָן א קאַטאָוועסניק, דער אײדים מיינער; אבער מיט דעם וואָס לעבט אייביג, טהאָר מען קיין קאַטאָוועס ניט פראָווען.

אָבער איך וועל אייך, מיסעסעל, זאָגען דעם אמת, אז דאָס אארט מיך וויייניג וואָס. יא ניין טעג, ניט ניין טעג, ווי מען וויל אזוי קען מען זאָגען; היינטיגע דורות זיינען שלאַפערע ווי אמאָליגע, ווער האָט עס היינט כח צו פאַסטען? היינט דאַנקט מען גאָט אבי מען האָט כח צו עסען, בפרט נאָך אין אמעריקא, עפּעס א קליינינקייט איז עס די היעגע האָראָוואַניע? דאָ מוז מען עסען א שטיקעלע פלייש, ווען ניט קען מען, שונאי ישראל די פיס אויסציהען. ניט געשטראָפט זאָל איך ווערען פאַר די רייד, פון די היעגע מילכיגס האָב איך אויך קיין הנאה ניט, עס האָט מיר א טעם ווי מיין באָבע'ס טויט, היינט וואָס דען עסט מען, אז ניט קיין פליישיגס?

בכן, הייסט עס, בין איך עס אייך מוחל. עסען מוז א מענש, מען קען די נשמה ניט אויסשפייען; אָבער אזעלכע זאַכען וואָס מען קען אָבהיטען און מען היט ניט אָב, איז טאַקע אָן עולה, א ווילדע עולה, זאָג איך אייך.

איך פרעג אייך אדרבא, וואָס פאַר אַ געזונד קומט צו דערפון וואָס מען לאָזט קינדער זיין סאַמאָוואָלצעס? נאָך מיין נאַרישען שכל קומט אויס, אַז עס וואָלט געווען פיעל געזינטער און פיעל שעה־נער אי פאַר די טאַטע מאַמע, איז פאַר די קינדער, ווען מען זאָל זיי ניט אַזוי צולאָזען. עס איז דאָך געפעהרליך מיט די היענע לויפערס, אַזעלכע קונדסים, זאָל גאָט היטען.

וואָס ווייסט איהר, וואָס איך זעה זיך אָן פון די חברה? גלויבט מיר, אַז מען קען עס פון היימישע קינדער ניט זעהען אין אַ יאָהר וואָס מען זעהט זיך אָן פון די היענע אין אַ טאָג. זיי קעהרען דאָך גאָר וועלטען, קעהרען זיי דאָך.

אַז מיר זיינען געזעסען אין די רומס אויפ'ן טאָפּ פלאָר האָב איך אויף אַזוי פיעל ניט געוואוסט; אָבער היינט אין קענדי סטאָר, אַ קלאָג איז מיר ניט געשעהן, שטאַרבען דאַרף מען קוקענדיג אויף זייערע אויפ־טהועכצען.

דער שווארץ יאָהר האָט מיך אָנגעטראָגען אָנריידען מיינע קינ־דער זיי זאָלען קויפען אַ ביזנעס, טאָמער איז מיר נאָך בעשערט צו לע־בען, זיינען מיר די מזיקים מקצר די יאָהרען. פריהער, ווען זיי זיי־נען געגאַנגען אין די סקולס, איז נאָך געווען סיאַק, טאַק; אָבער היינט, איז דאָך גאָר ניט צו לעבען פון זיי, פון די שקצים, פון די יונגאַטשעס: עפּעס אַזעלכע ווילדע ברואים, אַזעלכע צולאָזענע האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהען.

מילא אַ קינד קויפט פאַר אַ סענט אַ גלעזעל וואַסער, מהיכא תיתא, קיין עולה ניט, זאָל איהם וואויל בעקומען. עס איז היים וויל זיך אַ קינד אָבקיהלען; אָבער דערפאַר וואָס זיי קויפען, ווי רופט מען עס... די ביינדלאַך וואָס זיי שפּיעלען זיך דערמיט, דייס, שמיים, פרעגט מיך בחרם, וואָלט איך זיי, דאַכט זיך, איך וויים ניט וואָס געטהאָן.

ווען איך זאָל האָבען אַ דעה אין דער מלוכה. וואָלט איך אי די באָיעס וואָס קויפען די דייס, אי די מאַמעס זייערע. אי די קרעמער וואָס פערקויפען עס, ארויסגעפיהרט אין מיטען מאַרק און אַזוי לאַנג געקאַטעוועט ביז זיי וואָלטען שוין פערזאָגען אַ צעהנטען צו האַנד־לען דערמיט. איך פערשטעה אסור, דאָך פאַראַן אַזוי פיעל נאַטשאַלסט־וואָ אין שטאָדט און מען לאָזט עס קינדער אַזוי צולאָזען זיין.

קיין קשיא ניט, קינדער דאַרפען זיך שפּיעלען, פאַר וואָס ניט?

דערויף זיינען זיי דאָך קינדער; אָבער ווי קומען זיי צו שפּיעלען אין געלד? ווי איהר זעהט מיך אַ אידישע טאָכטער, ווען איך זאָל אפילו זיין אַ ראָטשילדיכע, וואָלט איך מיינע קינדער ניט געגעבען קיין געלד אויף אַזעלכע זאַכען.

איז, וואָלט איהר זעהען, קומט מען צו אונז אין סטאַרקע און מען קויפט די... איך האָב שוין ווידער פערגעסען ווי מען רופט עס, איך האָב ב"ה אַ קורצען זאַק קאָרן (זכרון). מילא, וואָס מאַכט עס אויס? איהר ווייסט דאָך וואָס איך מיין, דיביינדלעך וואָס זיי שפּיעלען דערמיט. נור, פערקויפט מען זיי, ביזנעס איז עס דאָך. געהען זיי ארויס, וואָלט איהר זעהען און מען הויבט אָן שפּיעלען. מען וואַרפט פּענים אויף דער ערד, פּונקט ווי שפּענדלאָך, עפּעס אקוראט ווי עס זאָל זיי גרינג אָנקומען צו פערדיענען אין אמעריקא.

עס שניידט מיר ביים הארצען קוקענדיג דערויף, איך געה פּשוט אויס; אָבער געה שריי: מלך עליון.

און ריכטיג ווי שכור'ע גוים אין דער הֵיים, אזוי זיינען די היגע לויפערס. דאכט זיך גוט, מען שפּיעלט זיך און אין מיטען צושלאָגט מען זיך. אוי, מאַמעלע הארצעלע, קרוינעלע, אַ האלבען לעבען נעמען זיי ביי מיר אוועק מיט זייער פייטען זיך, ווי זיי רופען עס. הויבען זיי אָן, איז ריכטיג ווי העהנער, מען שטעהט מיט אָנגעשטעלטע קור־לאַטשקעס, מען קוקט זיך אָן, נאָכדעם הויבט מען זיך אָן פּויקען: פּיק, פּוק, מיט די קולאַקעס אין נאָז אין די אויגען, מען קוקט גאָר ניט ווי שפּעט עס איז; מען צובלוטיגט זיך, מען צוממית'ט זיך, זאָל ער היטען און בעשירעמען.

אמת, דער טייוועל נעהמט זיי ניט, זיי טרייסלען זיך אָפּ ווי די חזרים און אזוי ווי גאָר ניט געווען; אָבער איך קען עס ניט צוזעהען, אזא נאַטור האָב איך.

און מיינע אייניקלאָך זיינען דען בעסער? איין שווארץ יאָהר! די ביינלאָך, צו די דייס, איך האָב זיך דערמאָנט ווי מען רופט עס, קאָסט זיי קיין געלד ניט, אויף אַ סענט זיינען זיי אויך ניט זשעדנע; נו, נו, פרעגט שוין גאָר ניט.

טענה איך צו מיין טאָכטער: פאר וואָס ווי פאר וואָס; אָבער דערפאר וואס דו פערקויפסט דייס צו פרעמדע קינדער, וועט מען גע־

ווים שמייסען, ווייל, זאָג איך, זיי ווערען דערפון צו הולטאַיעוועט און דער טאַטע, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען, פלעגט זאָגען, אַז ברייננגען אימיצען צו אַן עבירה איז ערגער ווי מען טהוט אליין אַן עבירה. און גביר'טע, זאָג איך, ווערסטו זיין, אַז דו וועסט פאַר די ביינדלאך ניט לייזען, אי אימיצער וועט עס זיי פערקויפען? אויף יענעם די עבירה.

הערט עס דזשעני מיינע און לאַכט. אין אַמעריקאַ זאָגט זי, קען מען ניט פרום זיין. אי, קינדערלאך, קינדערלאך, מילא וואָס מען קען ניט אויספיהרען, קען מען ניט; אָבער אָהן דיים קען מען, דאַכט זיך, אויך לעבען. אי וועט מען אויף יענער וועט קאַטעווען.

אָבער וואָס האָב איך צו ריידען פון מיינע קינדער, אַז קיינער איז דאָ ניט בעסער, ווען די מאַמעס פון די לויפערס וואָלטען זיי קיין פּענים ניט געגעבען, וואָלטען זיי קיין דיים ניט געקויפט און ניט גע־שפיעלט, זיי פיהרען אליין איבער זייערע קינדער, אַזוי קומט אויס נאָך מיין שכל. איך וויים? אפשר בין איך נאָך אַ גרינע און איך פערשטעה עס ניט. איך האָב מורא אַז איך וועל שוין קליגער ניט ווערען. שוין, מיסעם לעבען, ניטאָ ווען, ווי פיעל זיינען גאָר דעם מענ־שען'ס יאָהרען?

XX.

אַ מחיה צו שטאַרבען אין אַמעריקאַ.

נו, האָבען מיר שוין תשעה באב אויך גע'פטר'ט. האָט איהר מי־סעסעל געהאַט אַ גרינגען תענית? מיר איז ב"ה אַ תענית קיין מאָל ניט שווער, הלואי ווייטער, ווי איז עס אייך געגאַנגען?

האָט קיין פעראיבעל ניט וואָס איך פרעג דאָס אייך, ווי זאָגט מען דאָ עפּעס: מאַנזש יור אָון ביזנעס (מיינד יור אָון ביזנעס) איך וויים דעם טייטש דערפון. דאָס איז אַזוי ווי מען זאָגט ביי אונז: מיש זיך ניט אין פרעמדע געשעפטען. וואָס זאָגט איהר דערויף האַ?

איך רייד שוין ענגליש ווי א וואסער, ווי א רעגעלע ניענקע (יענקי), ווי איהר זאָגט.

איז יאָ, וועט איהר דאָך מסתמא אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען. ס'א דאגה, אייגענע מענשען. איהר מיינט איך בין עפּעס אויסען דערמיט? זאָל מיך גאָט שטראָפען! זאָל מיר אזוי אָארען מיינע זינד ווי מיר ארט אויב איהר האָט געפּאסט אָדער ניט. עס איז מעהר ניט אַז עס קומט צו רייד, רעדט מען; אָבער איך מאָך מיר עפּעס א זאָרג וועגען דעם? האָט איהר געפּאסט, זאָל אייך זיין צו מצוה, האָט איהר געגעסען, זאָל אייך וואויל בעקומען.

הערט איהר, א טהייערע מדינה אַמעריקאַ. ווען מען גאָט העלפט, קען מען דאָ לעבען, און אפילו שטאַרבען איז דאָ אויך בעסער ווי ביי אונז אין דער היים.

ווען א שטייגער קען עס ביי אונז אַן אָרימאַן דערלעבען צו פאָהרען אין קאַרעטען? און דאָ? האָט ער ניט די זכיה פאר'ן לעבען, פיהרט מען איהם אין א קערידזש, ווי איהר רופט עס, נאָכ'ן טויט. צו א חתונה פאָהרט מען מיט קערידזשעס און צו א לויה אויך דאָס זעלבע.

דעם עיקר וויל איך אייך אויספיהרען טאַקע אַנטקעגען תשעה באב. אפילו תשעה באב לעבען דאָ אויך די מתים א גוטען טאָג. ביי אונז אין דער היים, געדענק איך, פלעגט מען זיי ניט לאָזען רוהען. וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכען, דראָטשעט מען די מתים די קעפּ. דאַרף אימיצענס א קינד שטעהן צום פּריזיוו, לויפט מען אויפ'ן הייליגען אָרט; איז ביי אימיצען אַ קינד חלילה קראַנק, רייסט מען קברים; געהט א אידענע שוועַר צו קינד, לויפט מען אויף קבר אבות! היינט תשעה באב? לאָזט מען זיי דאָך גאָר ניט רוהען! מען בעוויינט זיי, מען בעקלאָגט זיי אויף דאָס ניי, מען וואַרפט קנאָבעל אויף די קברים — וויינינ ביטער איז זיי נעבאָך דאָרט אָהן די קנאָבעל — און דאָ איז גאָר תשעה באב א גאַנצער שמחת תורה! מען זיצט אויפ'ן בית עלמין, מען עסט, מען טרינקט און מען לעבט ווי גאָט אין פראַנקרייך, און די הייליגע נשמות דאָרט איז אויך פרעהליך. נו, איז ניט גוט צו שטאַרבען אין אַמעריקאַ? אַ מחיה, א מאַכל, זאָג איך אייך.

אז אַח און וועה, עס ווילט זיך נאָך אויף דער עלטער קאַטאָוועס טרייבען. איהר ווייסט ניט ווי מען זאָגט? שטאַב טשעלאָוויעק ניע פּאַטיעשאַלסיא, טאַ פּאָוועסילסיא, ווען א מענש זאָל זיך אליין ניט טרייסטען, וואָלט ער זיך אפשר שונאי ישראל, אויפגעהאנגען. עס איז ניט אזוי א גלייך וואָרט ווי אַן אמת. איהר הערט? דער גוי איז טרייף; אָבער זיין וואָרט איז כשר. אזא יאָהר אויף מיר ווי אמת דאָס איז.

עס האָט מיר, אויף נאמנות, געשניטען ביים הארצען קוקענדיג ווי מען איז געזעסען אויפ'ן בית עלמין און געגעסען און געטרונקען, איהר ווילט עסען? צוזעצטער הייד, מיינע שונאים, אין דער היים! איהר ווילט טרינקען? טרינקט וואו קיינער זעהט ניט; אָבער אויפ'ן היילינען אָרט און נאָך אין א געבאָטענעם תענית, איז א רציחה, איך זאָל אזוי געזונד זיין! אי, א מדינה אמעריטשקע, איינגעזונקען האָבען געזאָלט ווערען מיינע שונאים איידער איך האָב איהר דערקענט.

וועט איהר דאָך פרעגען ווי אזוי קום איך אויפ'ן בית עלמין וועל איך אייך דערצעהלען, אז די טאָכטער מיינע האָט מיך מיטגע־נומען. זי איז אהין געפאָהרען מיט דער גאנצער כאַליאַסטרע. א חוץ דזשעני, די עלטערע מיידעל, איז געבליבען אין סטאָרקע...

איך מוז מיר אליין איבערשלאָגען די רייד, לאָמיר אַלע האָבען נחת און פרייד. אז איך רייד שוין וועגען דער סטאָרקע וועל איך אייך עפּעס דערצעהלען. דזשעני, וואָלט איהר זעהען איז די גאַנצע קרעמערקע. דער טייוועל נעהמט איהר ניט, אז זי איז וויל איז זי א בריה, טויג צו ביזנעס בעסער ווי די מאַמע און זי האָט טאַקע חשק דערצו. טהאָן עפּעס אין שטוב מעג זיך אפילו די מאַמע אויסציהען פאַר איהרע פּיס, וויל זי ניט פאָלגען פון דאנען אהין און אין סטאָר אריין לויפט זי ווי אַן אונטער געשאָסענע, בכן וואָס איז? דאָרט קומען אריין בחורים'לאך! בחורים איז ביי איהר דער לעבען מיט דער נשמה. איהר מיינט, זי איז חס ושלום ניט קיין אָרענטליכע? חלילה! זי וואקסט גאָר ניט פון אזא משפחה! נור אזוי זיך, זי האָט ליעב צו כאַבאַטשען מיט זיי. עטעלע מיינע זאָגט, אז דזשענע ווייס בעסער ווי אַנצוגעהן מיט די קאָסטאָמער און זי טראַכט איהר שוין גאָר אָפּ־נעהמען פון דער ארבייט און זאָל זי זיצען אין סטאָר, אדאנה האָב איך. זאָל זיין אזוי.

קלייבט מען זיך אויף, וואָלט איהר זעהען, עסען די קאַלטע קאַשע, ווי רופט איהר עס? אייז קרים, שמיים קרים, א וואַזשנער מאכל, טפו! איך האָב עס איין מאָל פערזוכט, איז מיר פערגאַנגען אין די ציינער. און איך האָב זיך פערשוואָרען, אז היינט איין מאָל און מעהר קיין מאָל. די יונג ווארג אָבער שטאָפּען עס אזוי ווי ניט אין זיך.

מילא קלייבט מען זיך אויף בחורים מיט מיידלאַך און עס טהוט זיך חוכא וטלולא'ס, געלעכטערס, זאָל ער מציל ומשמר זיין. פאַראַן אפילו אנדערע לייטישע באַיעס; אָבער אַנדערע זיינען לויפערס, לאָבוסעס, ווען עס וואָלט זיך ווענדען אָן מיר, וואָלט איך זיי אויפ'ן שוועל ניט ארויפגעלאָזען.

און די מיידלאַך אויך אזוי: פאַראַן אַנדערע בעל הבית'טע קינ־דער און אַנדערע, קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען. יונגע בחורים'־לאַך, נאָך פון דער ערד ניט אָפּגעוואַקסען, ס'אַרא רייד זיי ריידען, אזוי ווי אַלטע! און אנדערע מיידלאַך הערען זיך איין און לאַכען, חי, חי, חי. חלשות צו הערען.

טאָמער זאָג איך אַמאָל, אז עס פּאַסט ניט, אז עס איז ניט שעהן, אז מען גאַראַנטשעט, לאַכט מען זיך פון מיר אויס אזוי ווי פון א משוגענע, שווייג איך שוין בעסער.

יא, איז אַנטקעגען וואָס האָב איך עס געוואָלט אויספיהרען? אַנטקעגען דעם, וואָס דזשעני איז תשעה באב געזעסען אין סטאָר און מיר אַלע זיינען געפאָהרען אויפ'ן בית עלמין. אין גרונד ווייס איך אליין ניט צו וואָס עטעלע האָט מיר מיטגענומען. צו עקסטרא דע־רויף, אז איך זאָל דאָרט היטען זייערע קלומיקלאַך — וואָס רעדט איהר, וואָס? מען האָט מיט זיך גענומען צום עסען, אקוראט ווי מען זאָל פאָהרען קיין ווארשא: ברויט, הערינג, דאַרע קישקע, זויערע אוגערקעס, באַנאַנעס, א גאַנצע גראָסערי מיטגעשלעפּט און ווער האָט עס געדאַרפט היטען? די באָבע! דאַרף מען האָט א בעסערען שומר ווי די באָבע? ביי דער באָבע האָט מען געוואוסט וועט זיין אַלצדינג גאַנץ. ראשית האָב איך דאָך געפאַסט, און צווייטענס, ווען איך זאָל אפילו ניט פאַסטען און די אַלע זאַכען זאָלען אפילו זיין מיט גאָלד צוגעדעקט, וואָלט איך עס אויך ניט געטשעפּעט.

ווייס איך ניט, צו האָט זי מיר גענומען דערויף, אז איך זאָל היטען די פּעקלאַך זייערע, אָדער אפשר האָט זי מיר גאָר גענומען צייגען

דעם היגען שעהנעם בית עלמין, כדי מיר זאָל אַנגעהמען א חשק און איך זאָל גיכער צומאַכען אַן אויג, כאָטש זאָלען דאָס אַלע די וואָס ריידען שלעכטעס אויף אידען, פערמאָגען וואָס זי וועט פון מיר ירש'ענען.

אָבער סיי ווי סיי האָב איך זיך דאָרט אַנגעזעהען גענוג. גלויבט מיר אַז איך וואָלט ליבערסט נאָך צעהן תעניתים געפאַסט איידער אָנקוקען ווי מען זיצט ביי די קברים און מען פּראַוועט סעודות, אָהן געוואַשען, אָהן המוציא, אָהן א ברכה. פּע, חרפּה, בושה האָבען זיי געדאַרפט האָבען פאַר די מתים! איהר מיינט די טויטע ווייסען ניט אַלעס און זעהען ניט אַלעס! נעוועך מאַי, זיי זעהען שוין גאַר גוט.

היינט וואָלט איהר זעהן דאָרט אין סאַלון, א רעגולער יריד! מען האָט געגעסען און געטרונקען, אַז עס איז אַזש פון די העלדזער גע־קראָכען. היינט פרעג איך אייך אדרבא, איהר זייט דאָך עפּעס א קלוגע אידענע, דאַרף עס אַזוי זיין?

מילא איהר האַלט ניט פון פאַסטען, פּאַסט ניט; דער אייגענער נגיד וועט דער וואָס לעבט אייביג זיין מיט אייער תענית ווי אָהן אייער תענית; אָבער פאָהרען עקסטרא אויפ'ן בית עלמין עסען, דאָס דאַכט זיך דאַרף אפילו דער גרעסטער אפיקורוס, דער גרעסטער משומד ניט טהאָן. ווי זאָגט איהר, ניט אַזוי?

א שעהנע מדינה אַמעריקאַ, א טהייערע לאַנד, ניטאָ וואָס צו ריידען.

XXI.

גוד־באַי אַמעריטשקע.

איהר ווייסט, מיסעם לעבען, נאָך וואָס איך בין היינט געקומען? אבעטשע איהר וועט ניט טרעפען. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך אַליין האָב זיך אויך דערויף ניט גערעכט. איך בין געקומען זיך זעגענען מיט אייך, איך פאָהר דאָך אַהיים, פאָהר איך דאָך.

זעהט איהר, האַ, ווי דער וואָס לעבט אייביג פיהרט זיין וועלטיל?

בעשערט מיר געווען צו זעהען זיך מיט די קינדער, איז מיין אלטער, אונז צו לענגערע יאהר, געשטארבען און איך בין מגולגל געווארען אהער אין אמעריקא, און אצינד, אז ער האט געוואלט האט ער א דרעה געטהאן דעם רעדעלע צוריק. געדאנקט איז ער און געלויבט איז ער, ווי ער פיהרט דארף מען פאר גוט אנעהמען.

מען זעהט טאקע אז דער אויבערשטער שיקט צו די רפואה פאר דער מכה. ערשט מעג איך שוין זאגען, אז פון דער ערשטער מינוט וואס איך בין אהער געקומען, האט עס מיר געצויגען צוריק. אזוי פיעל גוטע יאהרען זאלען מיר האבען, פיעל מאל איך האב שטילערהייד געוויינט און געבעטען גאט, ער זאל מיר שיינקען דעם לעבען און בריינגען מיר צוריק אהיים. איהר ווייסט גאר ניט וואס פאר א חשק איך האב דערצו געהאט; אבער ווי קומט די קאטץ איבער'ן וואסער? האב איך געמוזט פערשווארצט ווערען דא, ביז גאט האט געהאל־פען.

פאר קיינעם האב איך קיין מאל מיין הארץ ניט אויסגערעדט ווי פאר אייך; אבער איך האב אייך נאך קיין צעהנטעל חלק ניט דער־צעהלט פון די צרות וואס איך האב דא אויסגעליטען. איך האב פיינד צורײידען איבעריגס. איך האב א נאטור צו שווייגען, צו שטיקען אויפ'ן הארצען; אבער א מענשענס הארץ איז ניט פון אייזען, מען זאל זיך אמאל ניט אויסריידען, וואלט זי, שונא ישראל, געפלאצט.

איך זאג אייך דעם אמת, אז טאקע נאר דער זכות פון מיין אל־טען עליו השלום, איז דא בייגעשטאנען איך זאל קענען פאהרען צוריק אהיים און איבער הונדערט יאהר ליגען נעבען איהם אין קבר. איהר הערט? בעסער ליגען טויטערהייד נעבען מאן, איידער דארפען לע־בעדיגער הייד אנקומען צו קינדער. וואס טויג מיר די קונצען? א קינד איז ניט א מאן. א קינד די בעסטע און א מאן דער ערגסטער, איז אלץ ניט גלייך.

וואס ווייסט איהר, מיסעסעל, וואס פאר א צרות איך האב דא געהאט! ווייטער, ווייטער האבען מיר די אייניקלאך אנגעהויבען קריי־כען אויפ'ן קאפ, ניט געלאזט א ווארט אויסריידען. אבי וואס פלעגט די כלה מויד דזשעני זאגען: „געפעלט אייך ניט, טא זוכט אייך בעסער; איהר ווילט ניט ליידען, איז ניט געפידעלט; א קאטאוועס, א פריצטע, געוואהנט פון צו הויזע", און נאך אזעלכע ווערטלאך.

ס'ארא מענה לשון זי האַט, די מויד, זאָל ער היטען און בעשיר־מען.

נו, פרעג איך אייך, וועמען ווילט זיך עס הערען אזעלכע רייד? וואָס בין איך עפּעס, חלילה פון הקדש ארויסגעקומען? איך בין אויף נאמנות אין דער היים געווען א שעהנערע בעל הבית'טע פון דיר און אפילו פון דיין מאַמען אויך. אפשר זיינט איהר רייכער, אפשר האָט איהר שעהנערע פאַרניטשע ווי איך האָב געהאַט; אָבער וואָס איז שוין פון די פאַרניטשע? אין קבר נעהמט עס קיינער ניט מיט.

און די טאָכטער און דער איידים און די אַנדערע אייניקלאַך זיינען, מיינט איהר בעסער? זאָלען זיי זיך געזונד און שטאַרק זיין, איך ווינש זיי אסור, אז זיי זאָלען צו זייערע קינדער דארפען אָנ־קומען.

מילא וואָס זאָל איך אייך זאָגען? לייט בעטען אויף משיח'ן און איך האָב געבעטען אז גאָט זאָל מיר ברייננגען צוריק אהיים. אין אמת זאָגענדיג, האָב איך ביי זיך אליין געטראַכט, אז דאָס איז אַן אומזיס־טע תפילה, וורייל ווי אזוי קען עס זיין? קען וואַקסען האָר אויפ'ן דאַ־לינע, אזוי, האָט זיך מיר געדאַכט, קען זיין, אז איך זאָל נאָך ווען עס איז אהיים קומען, לסוף האָט גאָט צוגעהערט מיין געבעט און די הילף איז געקומען גאָר אונגעריכט. אי, א גאָטוניו האָבען מיר, מיר מעגען זיך טאָקע מיט איהם בעריהמען, קיין זאַך איז פאר איהם ניט צו שווער, וואָלטען מיר אזוי געווען צו איהם, ווי ער איז צו אונז. אי, אי, אי, דער זינדיגער מענש, מישטיינס געזאָגט, איז בלינד, האָט אייגען און זעהט ניט אז ער לעבט שטענדיג מיט נסים.

פאר אכטאָגען, וואָלט איהר זעהען, איז עס געווען, רעדט מען איבער ביי אונז אין שטוב,, אז א לאַנדסמאַניכע אונזערע קלייבט זיך פאָהרען אין יוראָפּ אויף פּלעזשע (פּלעזשור). מען האָט דערצעהלט אז זי וויל מיטנעהמען די קינדער אויך און זי זוכט אימיצען וואָס זאָל מיט איהר מיטפאָהרען און היטען די קליין וואַרג אויפ'ן וועג. ווער די לאַנדסמאַניכע איז איז א סך צו דערצעהלען און ווייניג צו הערען. אין דער היים האָט מען איהר גערופען מאַריאשקע דער פלאַקען. א הויכע מויד געווען, דאַר ווי א שטעקען, דערצו נאָך ניט קיין איבעריגע חכמה. וואָלט איהר זעהען היינט, א אידענע ווי א שיף, זאָג איך אייך! גאָט גיט לייטען, קיין עין הרע זאָל איהר ניט זיין, זי ווערט גאָר ניט

עלטער. די גוטע יאהר זאל איך האבען וואס זי איז היינט שעהנער ווי פאר צעהן יאהרען. קיין חידוש ניט, זי איז אהן עין הרע, רייך, זאל אונז אלעמען אזוי פעהלען ווי איהר פעהלט עפעס.

מילא, זאגט זי, אז זי איז קראנק. דער טייוועל וויס אייער אמעריקא, דא איז קראנק זיין א גאנצער יחוס. קומען זיך צונויף ווייבער, רעדט מען נור פון דאקטוירים, פון ספּעצאַליסטן (דיספּעפּסע־ריעס), הלואי זאל מען דערפון ניט וויסען, טאטע דערבארעמדיגער. וואו וועט איהר דא געפינען א ווייבעל צו א אידענע וואס זאל ניט האבען עסקים מיט דאקטוירים? ניט אומזיסט איז דא וואו א הויז דארט א דאקטאר.

און מיינט איהר אז זיי זיינען טאקע קראנק? אסור מיר, פאַ־ראן א סך גאנץ געזונטע און בעריהמען זיך נור אז זיי זיינען קראנק. זאל עס מיר, הארציגער פאטער פעהלען, כל זמן איך וועל לעבען, וואס דער מאריאשקען וואס איך זאג, פעהלט. זי איז ווי איהר זעהט מיך א אידישע טאכטער גאנץ געזונד, נור פון מאדע וועגען מאכט זיך זיך קראנק.

אז איהר רעדט זיך מיט איהר פערנאנדער, וויס זי אייך פון אלע דאקטוירים. דאקטוירים איז פאר איהר ווייניג, זי האנדעלט שוין מיט פראפעסארען, אזוי געפעהרליך קראנק, זאגט זי איז זי. א ליגען, עס הויבט זיך גאר ניט אן! דאס קען זי אפשר דעם מאן איהרען איינשמועסען; אבער ניט מיר.

מילא זאגט זי, אז פראפעסארען הייסען איהר פאהרען אין יוראפּ. איהר הערט מיסעם לעבען? איך וועל אייך פערטרויען א סוד אויפ'ן אויער, אז נאך מיין נארישען שכל קומט אויס, אז עס איז אין גאנצען אן אויסגעטראכטע זאך. ניט זי איז געוועזען ביי פּראָ־פעסארען און ניט פראפעסארען האבען איהר געהייסען פאהרען אין יוראפּ. דאס גופא מוז זיין אויך פון מאדע וועגען, ווייל מיליאנער־טשיכעס פאהרען, דארף זי אויך פאהרען.

אבער ניט דאס בין איך אויסען, וואס ארט עס מיר, אזוי צו אזוי אויך מיין באבעס דאגה! זאלען עס מיינע שונאים האבען אויף אן אנבייסען וואס איך וועל דערצו צולייגען.

מילא האט מאריאשקע אנגעהויבען קנעלען מיט איהר מאן אז ער זאל איהר שיקען קיין יוראפּ, ווען ניט שטארבט זי ח"ו — אוי,

אזוי לאַנג זאָל מיר דער קאָפּ ניט וועה טהאָן, ווי לאַנג זי קען נאָך דאָ אויף לעבען — האָט ער איהר געזאָגט: פאָהר, אויב דו ווילסט. האָט זי געזאָגט: אז פאָהרען, וויל זי פאָהרען מיט די קינדער, ווייל אָהן זיי וועט איהר דאָרט קיין פערגעניגען ניט איינגעהן. עט, דאָס איז ניט מעהר ווי געזאָגט, פרעגט מיר וועל איך אייך דערצעהלען פאַר וואָס איהר ווילט זיך מיטנעהמען די קינדער. איך מיין ניט חלילה צו ריידען רכילות, זאָל מיר גאָט שטראָפען, נור דער אמת איז אזוי. ווען זי איז געווען אין דער היים און דער מאַן איהרער דאָ, איז זי געלעגען אין דער ערד ווי א בארג. איהר האט מיר עפּעס געשיקט געלד? אזוי האָט ער איהר געשיקט! מען האָט ביי אונז אין שטעדטיל געזאָגט, אז ער האָט דאָ חתונה געהאַט מיט א טייטשקע, מיט צרות מיט גרינע ווערים איז איהר אָנגעקומען, ביז זי האָט ביי איהם אויס־געוויינט א שיפס קארטע, האָט זי מורא, אז ער זאָל איהר היינט אויף ניט אָבטהאָן די זעלבע קונץ, און ווייל די קינדער זיינען ביי איהם דער לעבען מיט דער נשמה, וויל זי זיי מיטנעהמען פאַר א משכון. איהר פערשטעהט?

מילא הכלל, זי האָט עס ביי איהם אויף גע'פועל'ט און זי זוכט אימיצען, וואָס זאָל מיט איהר מיטפאָהרען, אזוי האָט מען ביי אונז אין שטוב דערצעהלט.

רופט איך זיך אָפּ אין געלעכטער: אָט איך וואָלט געווען א בעלן צו פאָהרען אהיים און איך וואָלט איהר די קינדער געהיט אויפ'ן וועג, אלא אויף צוריק, וועט זי שוין קריגען, ווייניג מענשען פאָהרען קיין אמעריקא? איך האָב זיך אסור געריכט אז פון דעם געלכטער זאָל ארויסוואַקסען אַן אמת, מאַלע וואָס א מענש רעדט זיך אויס? לסוף האָט עס הפנים די טאָכטער מיינע אָבגעדערצעהלט מאַריאשקען און עס איז געוואָרען א געשעפט. ביי איהר, ביי מיין טאָכטער מיין איך, וועט עס זיין א קרן וואָס זי וועט דערווייל פּטור ווערען פון א חמץ, זי זאָגט עס אפילו ניט; אָבער איך פערשטעה, אז זי וועט מיך ארויס־פּטור'ן וועט עס ביי איהר זיין אַן עולם ומלואו, גיט זי, ווי עס ווייזט אויס, מאַריאַשקען צושטייער עטליכע דאָללאַר, אבי זי זאָל מיך צו־נעהמען.

מילא ווי די זאַך איז, איך בין אויף נאמנות צופריעדען, זאָלען זיי זיך זיין געזונד דאָ און מיר זאָל גאָט העלפען אריבער פּטור'ן די יאַזדע,

וועל איך לאכען פון גאנץ אמעריקא! וואס איך וועל אין דער היים טהאן וועל איך מיין שטיקעל ברויט פערדיענען. דער וואס שפייזט א ווארים אונטער'ן שטיין וועט מסתמא מיר אויך שפייזען.

זייט געזונד מיסעם לעבען, גאט ווייס אויב מיר וועלען זיך שוין ווען זעהן, סיידען איה"ש איבער הונדערט יאהר אויף יענער וועלט. זאל דער אויבערשטער געבען ברכה און הצלחה אייך דא און מיר דארט. נאך ווענען ווי נאך וועמען, נאך אייך וועל איך געוויס בייני־קען. זיין געזונד און האט א גוטינקע און א געזונדינקען תמיד.



בריעף פון דער גרינער באָבע

די אַלטיטשקע לאָזט זיך הערען מעבר לים. זי שרייבט נייעס פון דער היים.

XXII.

ערשטער בריעף.

חוהמ"ע סוכת תרס"ח, פה טאַרבאַנאָווקע.

צו מיין טאָכטער עטעל, מיין איידעם שמואל און מיינע איי־ניקלאך זאָלען לעבען.

ערשטענס שרייב איך אייך, אז איך בין ב"ה געזונד. גאָט זאָל געבען איהר זאָלט דערלעבען האבען נחת פון מיר און איך פון אייך, אמן.

צווייטענס שרייב איך אייך, אז דעם בריעף וואס איך האב אייך געשיקט באַלד ווי איך בין אהיים געקומען האט איהר דאָך מסתמא מקבל געווען. מיט מאַריאַשקען האב איך אייך געשיקט א גערוס; אבער איך וויים דאָך שוין אידישע פּאַטשט, זי האט זיך אודאי פער־געסען אדער עס איז איהר ניט אָנגעשטאַנען דער פּריצטע צו געהן צו אייך, און דער גערוס איז פערבליעבען ביי איהר אין קעשענע. וואס דען? מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער צו פערשאַרען. זי האט מיר אפילו צוגעזאָגט, אז זי וועט אַלעמען לאָזען גריסען פון מיינט וועגען, לסוף איז זי ביים צוזאָגען געבליעבען.

דער טייפעל וויסט פון וואַנען נעהמט זיך עס ביי א מענשען אזוי פיעל גדלות! דאכט זיך, איך בין אפשר מיט א מיטוואָך עלטער

פון איהר, פון דעסטוועגען ווען איך בין געקומען אהיים, האב איך געשלעפּט מיינע אַלטע פּיס און געגאַנגען אַלעמען אָפּגעבען גריסען. ווי דען? דאָ מיינט מען דאָך אז אמעריקא איז אונטער דער ערד און אז מען ברייגגט פון דאָרט א גרוס, איז אקוראַט ווי מען זאָל ברייגגען א גרוס פון יענער וועלט. צו מצוה זאָל עס מיר טאַקי זיין, טאַטע זי־סער. דערקוויקט זאָל איך אזוי ווערען אויף דער וועלט, ווי איך האב א סך הערצער דערקוויקט, און מאַריאַשקע איז א יחסן'טע! איהר פּאַסט ניט אָפּגעבען א גרוס פון מיר. וואס איז? באשר זי איז א נגידה, מיינט זי אז זי האַלט שוין גאָט ביי דער באָרד! אי, אי, אי, ווי זאָגט א גוי להבדיל: אידישע רייכקייט איז ווי א קול שטרוי, היינט איז עס דאָ און מאָרגען ווערט דערפון א באַרג אַש.

איך ווינש חלילה מאַריאַשקען און קיין אידען קיין שלעכטס ניט. זאָל זי זיך זיין א נגידה, אבער קיין נאַר זאָל זי ניט זיין. איך וואָלט, אויף נאמנות, געוואָלט אז אלע אידען זאָלען זיין נגידים, וואָלט מיר אפשע אויך בעסער געוועזן. ווי זאָגט מען עפּעס: אָן א פּעטען טעפּעל איז גוט צו רייבען זיך, וואס דען? פון קבצנים קען מען עפּעס דער־לעבען? זאָלען עס צעהן שלעכטע פּריצים פּערמעגען וואס מען קען פון א קבצן זוכה זיין.

אָט דאָ ביי אונז אין טאַרבאַנאָווקע זעהט מען זיך ב"ה אָן גענוג צרות, ניט זעהען און ניט הערען אזעלכעס וואס מען זעהט זיך דאָ אָן. יוסטע בעלי הבתים, נגידים זיינען געוואָרען אביונים, ניט פאר קיין אידען געדאַכט. יענע זיינען אפשר אמאָל אויך געוועזן גרויס ביי זיך און היינט? זאָל מען עס זעהען אויף אלע אידישע שונאים וואס מען זעהט אויף זיי, א צער בעל החיים אויף זיי צו קוקען.

מאָטיע דעם שניט קרעמער געדענקט איהר? געוועזן אמאָל א נגיד א איד, א שפּאַס מאָטיע! און היינט איז אוים מאָטיע, געשטאָר־בען מאָטיע! עס הייסט ער איז ניט געשטאָרבען נור ער איז, ניט פאר אונז געדאַכט, געוואָרען אָן אביון שבאביונים און אָן אָרעמאַן איז גלייך ווי א מת, אפשר נאָך ערגער ווי א מת, ווייל א מת, ווי די מעשה איז, ליידעט כאָטש קיין הונגער ניט און אָן אָרעמאַן ליידעט נאָך צו אַלע צרות הונגער אויך. און וואס איז געוואָרען פון וועלוויל דעם שיינ־קער? א תל געוואָרען פון איהם, פון זיין קרעטשמע און פון אַלעם. איהר געדענקט ס'אַרא שפּע ער האט אמאָל געהאַט? און היינט איז

געוואָרען אויס, אזוי ווי מיט א מעסער אָפּגעשניטען. קיין בראָנפען האָלט ער ניט און אפילו א משוגענער הונד קומט צו איהם ניט אריין. ער האט אזוי לאַנג געשענקט ביז ער האט זיך אויסגעשענקט. היינט ווען אימיצער זאָל איהם עפּעס שענקען, וואָלט ער א מצוה פערדיענט, איך פרעג אייך אבער ווער? עס זיינען ב"ה פאראַן מעהר נעהמערס ווי געבערס.

ניט זינדיגען זאָל איך מיט די רייד. אידען ציהען אויף זיך אליין דעם גלות. דער טאַטע, א ליכטיגען גן עדן זאָל ער האבען, פלעגט זאָגען, אז אידען זיינען ערוב איינער פאר'ן אַנדערען. איינער זינדיגט און אן אַנדערער ווערט געשטראָפט. ער האט עס ניט געזאָגט פון זיין קאָפּ, מסתמא שטעהט אזוי אין די היילינע ספרים. איך פערשטעה עס אפילו ניט, וואס בין איך אדער אימיצער אַנדערש שולדיג אז יענער איז א הולטאי? אבער אזוי איז עס און מען טאָהר קיין קשיות ניט פרעגען. וואס ווייסט איהר וואס דאָ טהוט זיך היינט אויף ביי אונז? קריעה דאַרף מען רייסען, איך זאָל אזוי לעבען. יונגע לייטלאַך, וואָלט איהר זעהען, סקראָבען די מאָרדעס, דאַוונען ניט, רויכערען פּאַפּיראָסלאַך אום שבת און טהוען כל דבר אסור. מען דאַרף אסור פאָהרען קיין אמעריקאַ, עס איז שוין ביי אונז אין טאָרבאַנאָוועקע א רעגולע אמע־ריקאַ מיט אלע פּישציוועקעס, עס פעהלט ניט א האָאָר, ווי זאָגט א כפּרה'ניק: יאַק טוט, יאַק טאַם, איין שווארץ יאָהר דאָ ווי דאָרט. עס איז מעהר ניט, ביי אייך פערדיענט מען כאָטש און עס איז פאַראַן וואס צו אכל'ן און דאָ, ניט מען האט די וועלט, ניט מען האט יענע וועלט. ביי אייך ווי די זאַך איז, לעבט מען כאָטש, עסט מען כאָטש א שטיקעלעב פלייש, און דאָ עסט מען, שונאי ציון, די אייגענע פלייש, די הויט פון די אייגענע ביינער. ביי אייך זינדיגט מען פון וואווילטאָג און דאָ — שונאי ישראל, פון וועהטאָג. דאַכט זיך עס געהט זיי גאָר ניט אזוי גוט און זיי הוליען! אוי, ווען זיי וואָלטען געהאַט מיין קאָפּ דרעהעניש, וואָלט זיי אסור געלעגען אין זינען נאַרישקייטען.

איז דאָ געוואָרען, וואָלט איהר זעהן, א חברה ציליסטען, שמילי־סטען — איהר מיינט איך ווייס זעהר ווי מען רופט זיי? אין מיינע יאָהרען האט מען אזעלכע נעמען ניט געהערט — נו, געפעלט זיי ניט דער קיסר! יונגע שנעקעס, מלעקאָסאָסעס, געוועז ניט לאַנג דעם טאַ־טען'ס תלמידים און היינט זיינען זיי שוין גאַנצע קנאַקערס! אי,

פלעגט ער, עליו השלום, זיי קאטעווען — געווען א טהייערער מלמד, דער טאטע, ליכטיג זאל איהם זיין דארט אין קבר. ניטא היינט אזעלכע מלמדים ווי ער. די היינטיגע מלמדים האבען גאר מורא פאר די תלמידים, א פערקעהרטע וועלט געווארען.

וואלט איהר וויסען, קינדערלאך, וואס די חברה טהוען דא אויף! האט איהר געהערט אויף אייער לעבען? אז דער קיסר געפעלט זיי ניט, דארף מען ניט דאווענען, דארף מען זיין גוים! וואס האט, דאכט זיך, א פאטש צו גוט שבת? איך וואוין ביי בעריל דעם שוסטער, איהר קענט דאך בעריל דעם שוסטער, אויפ'ן שול הויף וואוינט ער. האט בעריל א בן'אקיל יאסעלע, אי, א טהייערער יאסעלע דאס איז, אויס־גטרונען, אויסגעשוואומען האט ער געזאלט ווערען אין זיין מאמעס בויך. אז בעריל נעבאך לעבט פון איהם, איז ער שטארקער פון אייזען. דער יאסעלע האט זיך אויך אויפגעגיוכעט מיט דער חברה און ער קעהרט גאר וועלטען. אמאל פלעגט ער דעם פאטער העלפען א לאטקע לייגען אויף א שטיוועל צי אבטראגען א שטיקעל ארבייט און היינט דאס אויך ניט. ער ליגט נור שטענדיג ערגיץ הינטער'ן שטאדט מיט זיין קאמפאני און שטעלט דעם קיסר פייגען. איך האב עס ניט גע־זעהען, נור מען דערצעהלט אזוי. האט איהר געהערט א חכמה פון א בחור? אז דער קיסר איז ערגיץ אל די שווארץ יאהר אין פעטערבורג, שטעלט ער איהם דא פייגען!

לעננער, שבת שובה איז עס געווען, זיצט מען אזוי ביים טיש און מען עסט ווארמעס, נעהמט דער תכשיט ביים טיש זיצענדיג און פעררויכערט א פאפיראסעל. א מאך (ימח) שמו'ניק קען, דער טאטע זינגט זמירות און ער רויכערט פאפיראסלעך! האט עס בערלען פער־דראסען, אן אויפגעקאכטער איז ער געווארען — און וועמען וואלט עס ניט פערדראסען? מילא, האט ער איהם פראוודא געגומען פאר'ן קארק און ארויסגעווארפען. וואס האט געטהאן דער הארציגער יאסעלע? האט ער אנגעשטעלט זיין חברה און מען האט בערלען נעבאך צו־ממית'ט. וואס זאל איך אייך זאגען? סדום איז דא, רעגעלע סדום, ביי אייך אין אמעריקא איז מען נאך צדיקים אנטקעגען די היעגע יונגאטשעס.

איינמאל האט מען ביי הערשיל דעם נגיד אויסגעבראכען אלע פענסטער. וואס איז? גיב זיי געלד! פאר וואס? פאר וועז? גאר

ניט, אַט אזוי ווילען זיי. דעם רב'ס טעכטעריל איז אויך א ציליסטקע. מען זאָגט זי איז א זאַגערקע ביי זיי. וואס פאר א דרשות זי זאָגט וויים איך ניט, דעם טאַטען'ס דרשות זאָגט זי געווים ניט איבער, דער מאַמעס טייטש חומש אויך ניט, ווייסט איהר דער רוח וואס זי זאָגט דאָרט.

הכלל, עס איז ביי אונז חושך; חושך אזוי ווי אין מצרים, און וואס דער סוף דערפון ועט זיין, ווייסט נור איין גאָט דער לעבעדיגער אין הימעל.

פון מיר קען איך אייך שרייבען, אז ניט צו פערזינדיגען, קיין תעניתים פעהלען מיר ב"ה ניט, איך פאַסט מיר אונטער זעהר אָפט און ווייטער פערשטעהט אליין. מעהר קיין נייעס האב איך ניט וואס צו שרייבען. גריסט פון מיינטוועגען אלעמען בכלל און בעזאָנדערס די בראַנזווילער אידענע, אונזער אמאָליגע שכנה.

פון מיר,

רייצע פעסיע.

XXIII.

צווייטער בריעף.

טאַראַבאַנאָווקע, ב. פּ. נח, תרס"ח.

צו מיין ליעבע טאָכטער עטעל, מיין איידים שמואל און מיינע אייניקלאך זאָלען לעבען און געזונד זיין.

ראשית קום איך אייך צו וויסען געבען, אז איך בין ב"ה געזונד. איך וויים ניט אויב איך וועט די דאָזיגע בשורה פערגעניגען פערשאַ־פען. איך אליין, מען טאָהר עס ניט ריידען, בין ניט זעהר שטאַרק צו־פריעדען דערפון, ווייל אז מען איז געזונד, ווייסט איהר דאָך, ווילט זיך עסען, און אָפט טרעפט אז עס איז ניטאָ וואס צו עסען, איז ניט גוט, זעהר ניט גוט. ווען איך וואָלט קראַנק געווען, וואָלט מען מיך צוגענומען אין הקדש, וואָלטען בעלי הבתים געהאט אן איינזעהעניש

אויף מיר און אז איך בין געזונד, קוקט זיך קיינער ניט אום אויף מיר. וואס איז דער חידוש? אז אייגענע קינדער האבען ניט אין זינען די אלטע מאמע, ווארום זאלען פרעמדע זיין בעסער?

אי, קינדערלאך, ווי זאגט א גוי להבדיל: דאליע אטשי, דאליע סערצע. אז מען איז ווייט פון די אויגען, ווערט דאס הארץ אויך דערווייטערט. אזא יאהר אויף מיר ווי ריכטיג דאס איז. דער גוי איז טרייף, אבער זיין ווערטעל איז כשר. ווען די מאמע איז געווען אין די אויגען, האט מען איהר געמוזט דעם האלדז פערשטאפען און היינט ליגט זי אייך אפילו אין דער לינקער פיאטע ניט. אפילו א בריוועל שרייבען איז אייך אויך צו שווער. אי ליעבענקע מיינע, אייערע אוראייניקלאך אין אייערע יאהרען זאלען אייך אזוי דיענען ווי איהר דיענט מיך.

לייט פרעגען מיר: וואס שרייבען אייך די קינדער פון אמעריקא? היינט געה דערצעהל אימיצען א מעשה, אז איך האב נאך אפילו איין בריוועל ניט געהאט! עס איז דאך מיר ווי מען זאגט: אי א שאנדע אין פנים, אי א וועהטאג אין בויך. אין אמת'ן, איך אן אלט מענש, פויל זיך ניט שרייבען צו אייך און ביי אייך איז עס אזא שווערע מלאכה.

מען זאגט דא ביי אונז, אז ביי אייך אין אמעריקא איז היינט א יקרות. אפשר איז טינט אויך טהייערער געווארען און שרייבען עטליכע ווערטער איז א צו גרויסע הוצאה אבער מיר דאכט אז איהר זייט גאר ניט אזוי קארג אויפ'ן גראשען, וואלט איהר נאר געהאט אזוי פיעל, פיעל איהר קענט אויסגעבען. העטס אויף ווינטער אודאי געקויפט, פאר די בנים רעדלאך אויף די פיס מסתמא אויך פערזארגט, ווי דען? זיי דארפען דאך ארומלויפען ווי טייוואלים. אט געהט ווינטער וועט זיי קיין שליטעלאך געווים אויך ניט פעהלען און אויף שרייבען א שטיקעל בריוועל צו דער אלטער מאמע, איז ניטא! אויף אלעם סטאיעט און ווי עס קומט צו דער מאמע ווערען אלע טהויערען פערשלאסען.

מילא צו שמואל'ן קען איך קיין טענות ניט האבען, ער איז דאך ניט מעהר ווי אן איידים מיינער און וועלכער איידים האט עס ליעב די שוויגער? אן איידים, זאגט מען, איז א שדים; אבער דו עטעלע, מיין קינד, סטייטש ווי פרעגסטו עס ניט אן: מאמע, וואס מאכסטו?

מאַמע, צו לעבסטו, צו ביסטו געשטאָרבען? גאָר ניט, אזוי ווי א ווילד פרעמדע און גענוג! נישט אזוי דארף זיין טאָכטערקע; א מאַמע דארף מען טהייער האַלטען, א קאַטאָוועס איז עס א מאַמע! אויף די פעלדער וואַקסען ניט קיין מאַמעס און מען קען א מאַמע ניט קויפען פאר כל הגעלד. אבער וואס העלפט עס? זיי שוין דו די חכמה און טהו ווי דו פערשטעהסט. מסתמא איז ביי אייך אין אמעריקא אזא מאָדע.

אצינד וועל איך אייך שרייבען נייעס פון דאַנען. אין נייעס זיינט איהר דאָך פערקאָכט. איהר לייענט דאָך שטענדיג די פּייפּערס, ווי איהר רופט עס. אבער וואס שרייבען אייערע פּייפּערס, שמייפּערס? דער האט זיך געהאַנגען, דער האט זיך געשאָסען, דער האט זיך גע־טרונקען, מעהר גאָר מיט! א פּנים האט עס, אז מעהר געהט זיי ניט אָפּ ביי אייך אין אמעריקא, נור אָנטהאָן זיך מיתות משונות! זעהט איהר ביי אונז איז יא דאָ נייעס; אבער דער וואס זעהט עס ניט מיט די אויגען וויים עס ניט.

טאַקי, אויף נאמנות, אויף גאַזעטען צו שרייבען וואס ביי אונז טהוט זיך אויף. שמחה דעם בעקער געדענקט איהר? א תל פון איהם געוואָרען פון שמחה'ן. ער איז נעביך גרוי און אַלט געוואָרען פאר דער צייט. ביי זיין זוהנדיל האט מען געפונען פּראָקלאַמאַטשעס (פּראָ־קלאַמאַציעס) צו ווי זיי רופען עס — זאָל איך אזוי וויסען פון צער ווי איך וויים וואס דאס איז — האט מען איהם צוגענומען און דער טאַטע איז בדיל הדל געוואָרען. געהאַט א שטיקעל בהמה, האט ער זי פערקויפט; די שטוב פערזעצט און ער האט ניט אזוי פיעל האָאָר אויפ'ן קאָפּ פיעל חובות ער איז שולדיג. א נאַרישער איד, דער שמחה, כדאי אזוי לייגען דעם לעבען צוליעב דעם תכשיט. א קאַטאָוועס? נחת וועט ער פון איהם האבען! א שעהנער לייט קען שוין פון איהם זיין, אז ער איז א חבר לאָפּ מיט די ציליסטלאָך. כאַפּט איהם דער שווארץ יאָהר, זאָל מען איהם הענגען, זאָל מען איהם שיסען, זאָל ער ווייטער ניט זיין קיין שייגעץ.

איך רייד עס דאָ איבער, אז אמעריקא איז טאַקי א גוטע מדינה. אין אמת'ן, אזא שטאָדט ווי אמעריקא און מען זעהט קיין יון ניט אויף א רפואה. קיין אוריאַדניקעס אויך ניטאָ, די איינציגע שטיקלאָך נאַ־טשאַלניקעס ביי אייך זיינען די פּאָליצלייט וואס טראָגען זיך אום

מיט די וואָלגער־העלצער אין די הענד, פון דעסטוועגען האט מען מורא און מען פּראָווּעט ניט אַזעלכע שטיק און דאָ, דער אוראַדניק האט א שווערד, די יונים געהן אום מיט ביקסען און די יונגאַטשעס קריכען אין פייער אריין! רעמאָלוציע, שמעמאָלוציע. זאָל איך אזוי וויסען פון זייערע קעפּ, ווי איך ווייס וואס דאס איז.

יאָשקע דער שניידער געהט אום אָהן א שטאָך ארבייט און שטאַרבט צעהן מאָל א טאָג פאר הונגער. איהר קענט דאָך יאָשקע'ן, געווען פון שטענדיג אָן אן אָרעמאַן. געווען כלומר'שט א שטיקעל בעל בית, געהאַלטען א טיש מיט פועלים; אבער קיין נגיד איז ער ניט געווען, זאָל עס מיר צוקומען וואס איהם האט געפעהלט צו נגיד'ישקייט, און היינט האבען איהם די חברה גאָר דערקאָנטשעט. א גאַנץ יאָהר ב"ה איז קיין מלאכה ניטאָ, ווער קליידט זיך ביי אונז? איהר געדענקט דאָך; דער טאַטע, עליו השלום, האט זיין חופה קאַפּטען צו אייער חתונה געטראָגען. איך האב נאָך היינט אויף דעם יאַקעל וואס איך האב צו אייער חתונה גענעהט. אבי געזונד, איך וועל איהם נאָך טראָגען און טראָגען. די איינציגע זאַך, ווען מאַכט זיך א ביסעל ארבייט, פאר א יום טוב. האבען זיך די פועלים מיישב געווען, אז ביי נאַכט טאָהר מען ניט נעהען, בין מנחה למעריב אויך ניט — א רענדעל א מינוט ביי זיי! האט יאָשקע געוואָלט מען זאָל מאַכען די ארבייט, האט מען איהם געשלאָגען געממית'ט, אלע פענסטער אויסגעקלאַפּט און זיי האבען אויסגעפיהרט, מען האט די ארבייט ניט געמאַכט און יאָשקע האט זיינע קונדען פערלאָרען.

די נגידים כאַפּט דער שווארץ יאָהר ניט. יאָשקע דער שניידער איז ניט איין זכר אין מאָסקווע. די נגידים האבען זייערע גראַניטערם (סוטם) אויפגעגעהט אין אן אנדער שטאָדט און יאָשקע נעבאך איז אוים שניידער געוואָרען.

איהר געדענקט ברוך דעם קוואַסניק? זיין שטוב איז געווען נעבען שמעון דעם רופא'ס גאָרטען — א שטוב איז עס געווען? ´א גרוב, שונא ישראל איז עס געווען, ניט א שטוב. ווען די בהמות פלעגען געהען פון פעלד, פלעגט ברוך דארפען שטעהן און היטען, אז א בהמה זאָל זיך ניט א קראַטץ טהאָן אין וואַנד און ניט אומוואַרפען די גאַנצע כאַטע (הויז). וואס זאָל מען טהאָן אין אָרימען אופן? האט ברוך דעם קבר זיינעם אונטערגעשפּארט און זי וואָלט נאָך אפשר

געוועזען שטעהן און שטעהן, ווען ניט די כל־בו'ניקעס, א פגירה זאָל אויף זיי קומען.

איהר הערט דאָך וואס עס איז געוועזען: די חברה האבען זיך אָנ־געהויבען פערקלייבען צו ברוך'ן כלומר'שט טרינקען קוואס און דער־ווייל האבען זיי דאָרט געלייענט עפעס אזעלכע טרפה ביכלאָך — וואס הייסט טרפה ביכלאָך ווייס איך ניט; אבער אזוי זאָגט מען, ווי איך האב געקויפט אזוי פערקויף איך. ברוך האט מורא געהאט, אז אויב דער אוריאַדניק אדער דער פּריסטאַוו וועט זיך דערפון דערוויסען, וועט מען איהם פערשיקען אין סיביר און ער האט די חברה דורכ־געיאָגט ווי כלבים. וואס האבען זיי געטהאָן? זיינען זיי געקומען צו כל נדרי, ווען אלע זיינען געוועזען אין שוהל, און צו־וואָרפען ברוך'ס שטיבעלע אויף פיטע פיטצלאָך. נור דער קוימען איז געבליעבען שטע־הען ווי א סטראַשידלאָ אזוי ווי נאָך א שרפה.

אצינד האבען נעבאך ניט ברוך מיט זיין ווייב וואו הינצוטהאָן זיך און עס איז א ביטערער רחמנות אויף זיי צו קוקען.

אָט אזעלכע הפקר יונגען זיינען היינט ביי אונז פאראן. איך רייד שוין ניט דערפון וואס זיי האבען אן אָרעמען אידען אונגליקליך געמאכט; אבער אום יום כפור, א קליינינגקייט איז עס יום כפור! עס שמעקט דאָך מיט כרת יאָהרען, שמעקט דאָך דאס! איך ווייס גאָר ניט וואס טראַכטען זיי זיך, זיי מיינען א פנים עס וועט זיי געשענקט ווערען, נישט־קשה, גאָט וואַרט לאַנג און בעצאָהלט גוט.

מעהר קיין נייעס איז ניטאָ וואס צו שרייבען. שרייבט מיר אפשר הערט מען ביי אייך עפעס נייעס און שיקט מיר אונטער א פּאָאַר רו־בעל, מעג זיך זיין אלטע, איז אויך גוט.

פון מיר אייער מוטער, שוויגער און באָבע,

רייצע פעסיע.

XXIV.

דריטער בריעף.

טאַרבאַנאָווקע, ה' פּ' לך, תרס"ח, לפ"ק.

צו מיינע ליעבע קינדער און אייניקלאך זאָלען לעבען.

טהייערינקע קינדערלאך, אייער בריעף מיט די פּאָאר רובעל האב איך ערהאַלטען. איהר מעגט מיר גלויבען, אז איהר האט מיר גאָר מחיה געווען אי מיט אייער בריעף, אי מיט די ביסעל געלד. עס איז מיר אויף נאמנות, גוט צוניטץ געקומען. דער אויבערשטער זאָל אייך דערפאר געבען געזונד און פּרנסה און ער זאָל שטארקען אייערע הערצער און אייער זכרון, אז איהר זאָלט די אַלטע מאַמע קיין מאָל ניט פערגעסען.

די פּאָאר רובעל אייערע האבען זיך ביי מיר אפילו ניט אָנגעוואַרעמט. נאָך איידער איך האב זיי אָבגענומען, האב איך זיי שוין צו־טהיילט. אהער א גילדען אהין א גילדען און ביי מיר איז גאָר ניט גע־בליעבען. שוין ב"ה שעהנע עטליכע וואָכען אז איך בין דאָ, בין איך געוואָרען א בעל חוב. איך האב חלילה ניט גענאַשט, ניט געפרעסען, ניט געזויפט, געלעבט אויף נאמנות גאַנץ קאַרג, קוים די נשמה דער־האַלטען, פון דעסטוועגען האט זיך ביסלעכוויז אָנגעקליבען א היבשע ביסעל חובות און ערשט האב איך אַלע חובות געדאַרפט פּטור'ן. א דאַנק גאָט, אַבי קיינעם ניט שולדיג. איהר הערט, קינדערלאך? בע־סער זאָל דער ערגסטער מיר שולדיג זיין איידער איך זאָל שולדיג זיין אפילו דעם בעסטען. אזוי האב איך שטענדיג געזאָגט און איך זאָג עס היינט אויך.

היינט איז ביי אונז אין טאַרבאַנאָווקע ניט דאס וואס אמאָל איז געווען. אמאָל האט אזא אַלט מענש ווי איך געקענט אויסקומען מיט צוויי גילדען א וואָך, און היינט האט צוויי גילדען אזא זנאַטשעניע טאַקי ווי מען זאָגט: אזוי ווי ביי א יון א צוקער לעקאך. א גילדען האַלט זיך היינט אזוי איין ווי וואסער אין א זיפּ, מען קוקט זיך גאָר

ניט ארום און ער איז שוין ניטאָ! א ברענענדיגער יקרות הײנט בײ אונז, זאָל גאָט היטען און בעשירמען.

מילא די נגידים אַארט עס אפשר ניט. בײ זײ איז ווי מען זאָגט: ני דראגא, אבי דאָסטאַטס, אבי מען קריגט נור איז ניט טהײער; אבער פאר א נאַש בראַט וואס דאַרף לעבען פון אויסגעצעהלטען גראָשען און אַמאָל איז נאָך דער אויסגעצעהלטער גראָשען אויך ניטאָ, איז דער יקרות א גאַנץ גרויסער קלאַפּ.

אצינד, ליעבע קינדערלאַך, וואס וועט ווײטער זײן? עס געהט צו ווינטער, עס ווערט קאַלט אויפ׳ן גאַס, קאַלט אין שטוב, קאַלט אין קעשענע און עס איז זעהר ניט גוט. אַמאָל פּלעגט מען זאָגען: גאָט גיט די קעלט נאָך די קלײדער, און הײנט, ניט זינדיגין זאָל איך מיט די רײד, קוקט זיך דער וואס לעבט אײביג ניט ארום, וואס רײצע פּעשע האט ניט קײן וואַרימען יאַקעל און ער טהוט זיך זײנס. אָט כאַפּט שוין בײ אונז פרעסטלאַך און עס נעהמט גאַנץ גוט דורך מײנע אַלטע, דאַרע בײנער. הײנט, אז ערשט איז אזוי, טאָ ווי וועט שוין זײן אין די גרויסע פרעסט?

איך האב אײך שוין געשריעבען, אז איך וואוין בײ בעריל דעם שוסטער אין דירה. אן אָרימאַן, אן אביון נעבאָך. מען קומט אויס א טאָג אָהן ברויט, א טאָג אָהן זאַלץ; ווער שמועסט אויף א ווענגעלע האָלץ, קען ער זיך געוויס ניט ארויפשלאָגען. א קאַטאַוועס איז עס הײנט האָלץ בײ אונז, מיט גאָלד צו גלײך! נו,איז אין שטוב קאַלט, ווי אין א פּוסטקע, ניטאָ וואו די נשמה אָנצוואַרעמען. זײ זײנען נאָך אינגערע מענשען אַארט זײ אפשר ניט אזוי פיעל; אבער מיר טרײסעלט פּשוט אוים די צײהן פון מויל.

אַמאָליגע יאָהרען, אז עס איז געוועזן קאַלט אין שטוב, פּלעגט מען אוועקגעהן אין בית המדרש. דער טאַטע, ליכטיג זאָל איהם זײן אין קבר, ווי עס פּלעגט אָנשטעהן דער ווינטער, האט ער זיך קײן מאָל אין שטוב ניט אײנגעהאַלטען, פּלעגט כמעט ניט נעכטיגען אין דער הײם. ביז האַלבע נאַכט געזעסען אין בית המדרש און פאר טאָג ווידער אין בית המדרש. אין בית המדרש אויפ׳ן ליזשאַנקע, פּלעגט ער זאָגען, איז א ליעבע וואַרימקײט, טעם גן עדן, און הײנט, מען טאָהר עס ניט רײדען, איז אין מקום קדוש אויך כאָטש טרײב וועלף.

איך האב ב״ה צייט, די פרנסה מיינע פאזוואליעט מיר, געה איך הע־רען א קדושה, א ברכו, ווער איך אבער דארט אויף דערפרוירען, ניט עס איז דא ווער זאל הייטצען, ניט עס איז דא מיט וואס צו הייטצען.

איהר געדענקט דאך מסתמא דעם גרויסען בית המדרש, א רע־גולער בית המקדש געווען, און היינט סיינע רבים (בעוונותינו הרבים), א חורבה געווארען. אמאל פלעגען דארט לערנען ישיבה בחורים יונגע לייטלאך און היינט שמעקט קיינער ניט אריין, מען קלייבט קוים אויף א מנין צום דאווענען. איהר געדענקט ס'ארא מזרח וואנד עס פלעגט זיך אויסשטעלען? נגידים, בערען איינע אין איינע, שעהן געווען צו קוקען און היינט, ניטא שוין קיין זכר פון זיי. א תל געווארען פון די אמאליגע „פני," און א בית המדרש אהן „פני" איז אזוי ווי א שטוב אהן א בעל הבית'טע.

פלעגט קומען אמאליגע יאהרען א שמחת תורה, פלעגט ר' טוביה'־לע צוזאגען א פאאר קלאפטער האלץ אויפ'ן בית המדרש. זעליג דער פאסעסאר, מאטיע דער שניט קרעמער, פיני דער בעל טאקסע און נאך בעלי הבתים פלעגען איך אריינפיהרען צו קלאפטערלאך האלץ, איז טאקע געווען גענוג צו בעהייצען דעם בית המדרש און עס האט גע־סטאיעט פאר בענצע דעם שמש און פאר וועלווען דעם בעל עגלה אויך. זאלען זיי מיר מוחל זיין, זיי זיינען שוין ביידע אויפ'ן עולם האמת, וויניג בית מדרש'דיגע האלץ האבען זיי איבערגעשלעפט צו זיי אהיים? פון דעסטוועגען איז קהל ניט בדלות געווארען. מיר דאכט, אז פאר אייך איז עס נאך געווען, ווען מען האט זיי געכאפט פיהרענדיג האלץ פון בית המדרש מיט וועלוויל'ס פערדיל, די גאנצע שטאדט האט דאמאלס געקאכט און וואס דער סוף איז געווארען ווייס איך ניט.

און ציפע באשע די שמש'טע? זאל זי רוהען וואו זי רוהט, זאל זי געהן איהרע נעהנטערע צו חלום, האט עפעס אמאל בענש־ליכט גע־קויפט? קיין מאל ניט! אפילו אין מיטען וואך פלעגט זי אויך ברענען בית המדרש'דיגע ליכט; די גאנצע חיונה האבען זיי פון בית המדרש געצויגען און בעלי הבתים האבען אלע בלבולים געקענט אויסשטעהען. דאס איז אלעס אמאל געווען; היינט אבער איז שוין ניטא ווער עס זאל געבען און ניטא וואס צו נעהמען, א רעגולער חורבן פון אונזער טארבאנאווקע געווארען. די עלטערע זיינען צושטארבען, די מיטעלע זיינען צופאהרען קיין אמעריקא און די יונגווארג וואס זיינען איבער־

געבליעבען ווילען ניט דאַוונען, בינו לבינו איז דער בית המדרש גאָר אַן איבעריגע זאַך און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איהם.

וואס ווייסט איהר וואס דאָ טהוט זיך אָפּ מיט אייער אמעריקאַ. נאָר מען פאָהרט און מען פאָהרט, הימעל און ערד און אמעריקאַ. מען לויפט, שונאי ישראל, פון פייער לויפט מען. דאָ איז שלעכט לויפט מען זוכען בעסערס, אויך קיין עולה ניט.

ס'אַרא טרפה'נע גבורה די אמעריקא האט, קיינער זאָגט אויף איהר קיין חסרונות ניט. שלמה דעם מילכיגען קענט איהר דאָך, ער איז ערגיץ ביי איך אין נייעראָק (ניו יאָרק). ער האט דאָרט א קעלער פון קאָהלען און ווערט פערשווארצט אויפ'ן פוד; שרייבט ער, וואָלט איהר זעהען, צו זיין ווייבעל, אז ער האט אן אייגענעם קאָהלען מאגאַ־זין און, אז קאָהלען איז אין אמעריקא זעהר א טהייערע זאַך. געהט זי אום, די ווייבעל, און פּאַטשט זיך אין בייכעל: איהר מאַן איז א מאַ־גאזינשטשיק, איהר מאַן איז א גביר. און זי וואָלט חשק געהאַט, אז מען זאָל פאר איהר די היטעל אראָבנעהמען. איך וויל עס איהר ניט זאָגען, למאי זאָל איך איהר שווער מאַכען דאס הארץ? אבער ווען איך זעה איהר געהענדיג דעם קאָפּ פעררייסען אזוי ווי אן אמת'ע נגידה, טראַכט איך ביי זיך: וואַרט, וואַרט, אז דו וועסט קומען אין אמעריקאַ און זעהען אין וואס פאר א קבר דיין מאַן ליגט דאָרט, וועסטו זיך ניט אזוי פּאַטשען אין בייכעל. עס וועט דיר — קלער איך — פינסטער ווערען אין די אויגען, ווען דו וועסט דיין מאגאזינשטשיק'ס פער־שמירטען פּנים דערזעהען.

אויף שלמה דעם מילכיגען קוקענדיג קלייבען זיך ערשט גאַנצע קאָמפּאַניעס קיין אמעריקאַ. אז שלמה איז דאָרט אזוי רייך, וועלען זיי אויך כאַפּען דעם גליק, אזוי מיינען זיי. — זאָלען זיי פאָהרען גע־זונדערהייד און זאָל זיי גאָט העלפען.

פאַראַן ביי אונז א חברה ציניסטען (ציוניסטען), וואס ווילען פיהרען אידען קיין ארץ ישראל. זעהט איהר? דערויף וואָלט איך אויך א בעלן געווען. דאָרט זאָגט מען איז קיין ווינטער ניטאַ, שטענדיג וואַ־רים — א גאַנץ גוטע זאַך, איך זאָל אזוי געזונד זיין. איהר ווייסט גאָר ניט, קינדערלאַך, ווי איך שרעק זיך פאר'ן ווינטער. אין די יונגע יאָהרען האב איך ניט מורא געהאַט אפילו פאר די גרעסטע פרעסט

און היינט האט זיך די נאַטור ביי מיר געביטען. אז מען ווערט אַלט, ווערט מען קאַלט.

נאָך א גוטע זאַך וואָלט געווען, ווען מען זאָל געהן קיין ארץ ישראל: מען וואָלט איבער הונדערט יאָהר פערשפּאָרט קייקלען זיך אונטער דר'ערד. איהר ווייסט דאָך מסתמא, אז איידער משיח וועט קומען וועלען זיך אַלע מתים דארפען איבערקייקלען קיין ארץ ישראל דורך הייהלען, אזוי שטעהט אין הייליגע ספרים; איך וויים אבער ניט אויב מען קען משיח'ן ברייגגען צושלעפּען פאר די פּאות'ן, מאַלע וואס גוט איז? פאַראַן א סך גוטע זאכען וואס מיר קענען ניט דער־לאַנגגען. אי, אי, אי, ווען מען זאָל ווערטה זיין ביי דעם וואס לעבט אייביג, וואָלט אַלעס גוט געווען.

מעהר קיין נייעם האב איך ניט וואס צו שרייבען. זייט געזונד און פערגעסט ניט אָן מיר אייער מוטער, שוויגער און באָבע,

רייצע פּעשע.

מיני די פעלער-האנד

א שטיקעלע הקדמה

מיני די פעלער־האנד איז א יונגע מיידעל, וועלכע קומט אן אר־בייטען אין א שניידער־שאפ. זי איז א בעל־הבית'יש קינד, שטיל, אנ־שטענדיג, ארענטליך און בעשיידען אויפ'ן העכסטען גראד. זי קען ניט הערען קיין פוילע וויטצען און האט פיינד מיאוס'ע שטיפע־רייען.

זי איז א שעהנע מיידעל, די מיני. באיעס וואס ארבייטען אין שאפ שמייכלען זיך צו איהר, אבער זי וויל פון זיי ניט וויסען און מאכט מיט זיי קיינע מחזקות, ווייל זייערע אויפפיהרונגען, זייערע מאנערען געפעלען איהר ניט. און דערפאר ווערט זי אפטמאל פער־פאלגט. מען ערלויבט זיך צו שפאסען פון איהר און פערשאפען איהר ערגערנים אויף פערשיעדענע אופנים. איהרע קאלעגינס וויעדער האבען איהר אויך ניט ליעב און זי האט פון זיי אויך קיין נחת ניט.

און אין דער צייט ווען די יונגווארג פון שאפ שטיפען, באלאקען, קריעגען זיך, שלאגען זיך, הוליען און טהוען אב כל־ערליי מעשים אין זייערע פרייע שטונדען, בעאבאכטעט מיני אלעס און פערשרייבט עס אין איהר טאגעבוך, וועלכען זי גיט דא איבער.

אין מיני'ס טאגעבוך איז געשילדערט דער שניידער שאפ אקו־ראט ווי ער איז. זי מאהלט אמת'ע בילדער, וואס פאסירען טאג־טעג־ליך און אלעס שעהן, קלוג און לאגיש. איהרע בעשרייבונגען זיינען אינטערעסאנט און אין מאנכע פעלע אויך בעלעהרענד.

I.

וואס איז א פעלער־האנד.

איך היים מיני די פעלער־האנד. מיט דיעזען נאמען בין איך בע־קרוינט געווארען באלד ווי איך האב בעקומען א דזשאב אין א שניידער שאפ. אויב איהר האט אמאל געארבייט ביי שניידעריי, אויב איהר קומט אמאל אין שניידערשע קרייזען און אויב איהר האט נור א שטי־קעל ידיעה אין חכמת השניידעריי, ווייסט איהר געווים וואס א פעלער־האנד איז; פאר די אבער וואס זיינען ווייט דערפון, וועל איך עס אין קורצען ערקלערען.

א פעלער־האנד איז ניט זעהר קיין הויכער פאזישאן אין שניידער טרייד. מען קען זאגען, אז טאקי דער סאמע נידעריגסטער. אפילו א בייסטען פולער, דער וואס ציהט ארויס די פארסטריגעס, שטעהט אויך העכער פון א פעלער־האנד, ווייל א בייסטען פולער איז דאס רוב א קאנדידאט פאר אן אפרייטאר און א פעלער־האנד קען זיך צו עפעס העכערעס קיין מאל ניט דערשלאגען. קוים זעצט מען אייך אוועק „פעלען," עס הייסט, ארומנעהמען די לייניגג פון די סליווס אדער די קאלנערס פון וועסטען, מוזט איהר שוין דערביי פערבלייבען ביז איהר האט חתונה אדער ביז איהר קומט צו א שטיקעל קאפיטאל, איהר קריגט א באי און איהר געהט מיט איהם פארטנער אין קענדי סטאר ביזנעס.

ווען איך זאל זיך וועלען פאר אייך פארשטעלען דארף איך אייך ניט דערצעהלען מיין יחוס פון דער היים. פאר א פעלער־האנד איז איינס און דאס זעלבע אויב זי איז א יחסן׳טע אדער זי שטאמט ניט פון קיין הויכען יחוס. דער יחוס איהרער קען איהר קיין מאל ניט פערבעסערען און אויך ניט קאליע מאכען. איהר מעגט זיך אפילו זיין א רבי׳ס א טאכטער, קוים זיינט איהר א פעלער־האנד, קענט איהר

דערמיט גאָר ניט שטאָלצירען, ווייל אייערע שאפּ ברידער און זאָגאָר שאָפּ שוועסטער וואס טהוען אנדערע מלאכות קוקען אויף אייך ווי אויף ניעדערינגע ברואים און זיי זיינען מיט אייך דאס רוב פון דער ווייטענס. ווען איהר האט יא די זכיה אז אן אפּערייטאָריל זאָל צו אייך צוגעהן, וועט ער ענטוועדער פון אייך חוזק מאכען, אדער ער וועט אייך בעלעסטיגען מיט גראָבע וויטצען.

אויב איהר ווילט וויסען, האלטען דאס רוב שניידער זייער פּראָפעסיאָן פאר א מין קונסט, פאר א מין חכמה. פיעלע וואס זיינען בעשעפטיגט אין דיעזען טרייד, שטאָלצירען דערמיט און בעריהמען זיך, אז זיי זיינען שניידער פון צו הויזע, אז זיי האבען שוין אויף שניידעריי די צייהן אויפגעגעסען, אז דער אדער יענער איז ווערטה מען זאָל איהם הענד און פיס אָבהאקען, ווייל ער הויבט גאָר ניט אָן צו פערשטעהן וואס שניידעריי איז. הכלל, אזוי ווי אין דער תורה איז קיין גרונד ניטאָ, אזוי איז אין שניידעריי להבדיל אויך קיין גרונד ניטאָ, און ווייל אין אונזער ארבייט, עס הייסט, אין דער ארבייט פון די פעלער־הענד ליעגט ניט אזוי פיעל חכמה, דערפאר האבען מיר א קליינעם ווערטה.

זייט איך בין אָנגעקומען אין שאפּ, פערשרייב איך די פּאסירונגען וואס מיט מיר פּאסירט יעדען טאָג און אלעס וואס איך זעה און איך הער אין דעם קרייז אין וועלכען איך געפין זיך. מיינע געפיהלען, מיינונגען און בעטראכטונגען וועגען אלעס וואס געהט ארום מיר פאָר, פערצייכען איך אין מיין טאגע בוך און איך וועל עס אייך איבערגעבען וואָרט פאר וואָרט.

II.

געמאכט „שהחינו" אויפ'ן שאפּ.

דזשולאי דער 15טער. — היינט בין איך אויפגעשטאנען פריה, גאנץ פריה. א בעקאנטע מיידעל האט מיר נעכטען צוגעזאָגט, אז זי וועט מיר ארויפנעהמען צו איהר אין שאפּ ארבייטען. עס הייסט, די

שאפ איז אזוי איהרע ווי מיינע, זי איז דאָרט ניט מעהר ווי א פעלער־האַנד, נור עס רעדט זיך אזוי.

פריה, גאַנץ פריה האב איך אָבגעגעסען ברעקפעסט. אויף דינער האט מיר די מאַמע צעגעגרייט ברויט מיט א שטיקעל העריננ און א האַלבען פיקעל. דעם דינער האב איך איינגעוויקעלט אין אן ענגלישען פייפער — א דזשואיש פייפער, האט מיר די מיידעל יענע געזאָגט, פּאַסט ניט צו טראָגען אין שאפ אריין. ווען איך בין ארויסגעגאַנגען פון הויז, האט מיר די מאַמע געזאָגט: „מיט דער רעכטער פוס.״ דאס איז ביי די עלטערע מענשען אַזאַ מין ברכה, א מין גליקוואונש. פאר וואס ניט? איהר קינד געהט ערשט ארויס אויף א נייער וועלט, זי פאַנגט אָן א נייע קאַריערע, האט זי מיר געבענשט. איך בין ארונטער מיט מיין פּעקעלע און געוואַרט ביים סטופּ אויף דער מיידעל, וואס וועט מיך פיהרען אין איהר שאפ.

אויפ׳ן סטריט בעווייזען זיך אַלע מאָל מעהר מענשען. מענער, באָיעס און מיידלאַך. מאַנכע פון זיי טראָגען סעטשעלס, מאַנכע פולע פּייפּער בעגס און אַנדערע — פּעקעלאַך איינגעוויקעלט אין פּייפּער. איך בעטראַכט די אַלע מענשען פאר מיינע ברידער און שוועסטער. זיי געהען פערדיענען געלד און איך וועל באַלד אויך געהן פערדיענען געלד. א נאַרישער שטאָלץ כאַפּט זיך עפּעס אריין אין מיין מוח און איך הויב זיך אליין אָן בעטראַכטען פאר א מעהר וויכטיגע פערזאָן ווי איך בין ביז יעצט געווען. יעדער מינוט איז מיר צו גרויס, איך וואָלט שוין וועלען גיכער דערלעבען זיין אין שאפ, ארבייטען און אָנ־הויבען פערדיענען.

און ניט אזוי האט מיר צו דער ארבייט געצויגען, ווי צו די נייע חבר׳טעס וואס איך וועל דאָרט געפינען, צו די נייע מענשען מיט וועלכע איך וועל בעקענט ווערען. אין פאַנטאַזיע האט זיך מיר אָבגעמאָלט, אז איך געה ערשט ווערען א פאָלקאָמענער מענש, איך קום ערשט אריין אין א קרייז פון מענשען, וואס טהוען עפּעס אויף דער וועלט און איך האב זיך געפיהלט גליקליך. מיר האט זיך געדאַכט, אז אינגערע מיידלאַך פון מיר, וואס האבען נאָך ניט די זכיה צו געהן ארבייטען, זיינען מיר מקנא און זיי וואָלטען וועלען קומען צו מיין מדרגה.

מיין וואַהלטהעטערין איז דאָ! עס איז שוין שפּעט, זאָגט זי,

און מען דארף געהן אביסעל שנעלער. וואס הייסט געהן שנעלער? — טראכט איך — ווען איך זאל האבען פליגעל וואלט איך געפלויגען! איך געה דאך עפעס ווערען א מענש מיט לייטען גלייך, היינט ווי האט מען עס ניט חשק צו אזא זאך!

אט זיינען מיר שוין אין שאפ! אט זיטץ איך שוין זייט ביי זייט מיט דער מיידעל, וואס האט מיך ארויפגענומען, און איך ארבייט. די מאשינען זשומען, די פרעס אייזענס קלאפען, די בייסטער׳ס שערען קלינגען, די אפערייטארס זינגען אונטער און איך ווארף מיט די הענד שנעל, מיט חשק, מיט התמדה און איך בין מלא שמחה וואס איך געפין זיך אין אזא גרויסע געזעלשאפט פון אלערליי מענשען, ווען איך בעטראכט אלס מיינע חברים און חבר׳טעס, אלס ברידער און שוועסטער, מיט וועלכע איך וועל קירצליך בעקאנט ווערען און פריינדשאפט שליסען.

אין מיטען דער ארבייט זעה איך פון ווייטענס ווי א פאאר אפערייטארלאך ווארפען אויגען אויף מיר. איינער דעם אנדערען זאגט עפעס און ביידע לאכען שטילערהייד. נאך איינער וואס זיצט אנטקעגען יענע צוויי, בייגט זיך אריבער איבער׳ן מאשין, גנב׳עט אויך א קוק און לאכט אויך. וואס לאכען זיי פון מיר אייגענטליך? אפשר ווייל איך בין א גרינע האנד — אזוי רופט מען אין די שעפער א נייעם ארבייטער — אדער אפשר זעהען זיי אויף מיר בעזאנדערס, וואס איז פאראן פון וואס צו לאכען, דאס ווייס איך ניט.

דינער טיים. די מאשינען זשומען ניט, די פרעס אייזענס קלאפען ניט, די שערען קלינגען ניט, די מענער כאפען ארויף די סוספענדערס, די מיידלאך פיקסען די צו־ווארפענע האאר, מען בינדט אויף די פעקלאך און מען זעצט זיך עסען. גרופעס ווייז זיצט דער עולם, ווער אויף טשערס, ווער אויף די טישען; מען עסט און מען כאכאטשעט, מען כאכאטשעט און מען עסט; מען וויצעלט זיך, מען לאכט, א גאנצער יריד׳ל. חברה ווארפען אלץ אויגלאך אויף מיר, איינער זאגט עפעס און אלע שיסען אויס מיט א געלעכטער. ביי דער ארבייט ווייזט אויס טאהר מען הויך ניט לאכען און דינער טיים איז עס ערלויבט.

איינע א שווארצע, מיאוס׳ע מויד, וואס זיצט נעבען מיר און נאך איינע א געלע מיט פימפעלס אויפ׳ן פנים, זעהען ווי די יונגע לייטלאך קוקען אויף מיר און זיי, מיינע קאלעגינס, ווערען ברוגז.

איך ווייס ניט, אויב אויף די אַפּערייטאָרלאַך דערפּאר וואס זיי לאַכען פון מיר, אדער טאַקי גאָר אויף מיר. ווייזען ווייזט אויס, אז אויף מיר זיינען זיי ברוגז. פאר וואס ווייס איך ניט, אפשר דערפאר ווייל איך בין ניט שווארץ און האב ניט קיין פּימפּעלס אויפ'ן פּנים! נאַרישע מענשען, האב איך דען עפּעס ביי זיי צוגענומען? פון מיינטוועגען האבען זיי זיך געמעגט זיין שעהן, נאָך שעהנער פון מיר, ווער פערגינט זיי דען ניט?

אָט קלינגט שוין ווידער דער גלעקיל און צוריק צו דער ארבייט. איך נעה פלייסיג, איך וואַרף מיט די הענד געשווינד, עס ווילט זיך מיר איבעריאָגען אנדערע אדער אם ווייניגסטען ניט בלייבען הינטער־שטעליג. איך שטעך מיט'ן נאָדעל, שטעך שנעל, זעהר שנעל, און אין קאָפּ מישען זיך פערשיעדענע רעיונות. איך קען ניט פערשטעהען וואָ־רום קוקען די יונגע לייטלאַך אויף מיר, וואס ריידען זיי וועגען מיר און וואס לאַכען זיי, און נאָך מעהר קען איך בשום אופן ניט ערקלעהר־רען די אורזאַכע, ווארום די צוויי מיידעלאַך זיינען אויף מיר אָנגע־שטויסען. די פּרנסה זייערע האב איך דאַכט זיך ניט צוגענומען. היינט ווארום זאָלען זיי ברוגז זיין?

שטויסען שטוים איך מיך אפילו אָן, אז זיי לאַכען ניט פון מיר, נור פון די וויצען וואס זיי זאָגען וועגען מיר. איך ווייס, אז בּאַיעס האבען ליעב צו וויטצלען זיך ווען זיי זעהען א מיידעל, וואס געפעלט זיי, און אז איך האב ביי זיי נושא חן געווען דאס בין איך זיכער, א בעוויז האב איך, אז אפילו דער פאָרמאַן איז צו מיר אויך אַלע מאָל צוגעגאַנגען מיט אַן אויסרייד, ווערהענד אויף די אַנדערע מיידלאַך האט ער כמעט ניט א קוק געטהאָן. היינט אז איך געפעל דעם פאָרמאַן, געפעל איך דאָך זיי געוויס; אבער זיכער ווייס איך עס ניט.

דאָך בין איך ניט ציקאַווע צו הערען וואס די אַפּערייטאָרלאַך ריידען וועגען מיר, ווייל איך ווייס, אז זייערע חכמות און וויטצען פּאַסט אָפּט ניט פאר א מיידעל צו הערען, אזוי האט מען מיר אמאָל געזאָגט.

III.

די פאַרליידי, די חבר׳טעם און די באַיעס.

רזשולאַי דער 17טער. — רייטשעל, די מיידעל, וואס האט מיך ארויפגענומען אין „איהר״ שאפּ, איז היינט שוין ניט געקומען צו מיין הויז צו געהן צוזאמען מיט מיר צו דער ארבייט. מעגליך, אז זי שעהמט זיך מיט מיר. זי איז שוין אין טרייד א שעהנע פּאָאַר יאָהר און איך בין נאָך א גרינע האנד. זי קען זיך שוין אין שאפּ מיט אלעמען און איך בין נאָך דאָרט ווי א גר, ווי א גרינער וואס קומט אריבער קיין אמעריקא, און מיט א גרינעם שעהמט מען זיך.

איך בין שוין אלזאָ היינט געגאנגען אליין, אבער שוין ניט מיט אזא התמדה, מיט אזא חשק ווי איך בין די ערשטע פּאָאַר טעג גע־גאנגען. די ערשטע פּאָאַר טעג בין איך אייגענטליך ניט געגאנגען, נור געלאָפען, און היינט האבען זיך מיר די פיס קוים געשלעפּט. עפּעס האב איך פערלוירען דעם גאנצען לוסט צום שאפּ, צו דער ארבייט און צום גאנצען עסק. עפּעס פיהל איך מיך ערניעדעריגט, עפּעס דאכט זיך מיר, אז קיינער סימפּאטיזירט ניט מיט מיר און איך פיהל ניט קיין סימ־פּאטי צו קיינעם.

ביי אונזער טישעל איז רייטשעל די עלטסטע האנד און איז כמעט א שטיקעל פאַרליידי. מיט אלע מיידלאַך ניט אזוי, נור מיט מיר קאָ־מאנדעוועט זי. זי עקזאמינירט מיין ארבייט און צייגט מיר שטענדיג פעהלערן. זי אליין און די איבעריגע מיידלאַך, זעה איך, מאכען אויך אזעלכע פעהלערן ווי איך; אבער זיי מעגען און איך טאָהר ניט, ווייל איך בין דאָך א גרינע האנד. די רייטשעל איז א פערביסענע, א מרשעת און א פוסטע בעל־גאוה׳ניצע. זי וואָלט וועלען אז דערפאר וואס זי האט מיך ארויפגענומען אין איהר שאפּ, זאָל איך פאר איהר געהן אויף די שפּיץ פינגער, איך זאָל איהר כבוד אָבגעבען און אפשר אר־בייטען פאר איהר אויך.

די אַנדערע מיידלאַך זיינען נאָך אלץ אויף מיר אָנגעשטויסען ווי איך פערשטעה, דערפאר וואס די אָפּערייטאָרלאַך קוקען אויף מיר;

נו, בין איך שולדיג! ווער בעט זיי דען? פון מיינטוועגען זאָלען זיי קוקען אויף זיי, אויף מיינע חבר'טעס. איך פערשטעה גלאט ניט, וואס איז דאָ פאראן אזא זאך צו מקנא זיין? איבערהויפט די שווארצע און די געלע, אַט די צוויי מוידען זיינען אויף מיר אש להבה, וואָלט מעג־ליך געווען, וואָלטען זיי מיר מיט זייערע נאָדלען דערשטאָכען.

דינער טיים ריידען זיי צווישען זיך, כאָכאָטשען, לאַכען און צו מיר רעדט מען א וואָרט ניט אויס. ווען איך פרעג עפּעס, ענטפערט מען מיר מיט רוגזא, מיט כעס, אקוראט ווי איך וואָלט זייערע מאַ־יאָנטקעס צוגענומען. אנדערע מיידלאך איז באלד ווי מען טהוט א קלונג מיט'ן גלעקיל, זיינען זיי שוין ניטאָ, צו די יונגע לייטלאך אנט־לויפען זיי און כאַפּען א שטיעף, א טאַנץ אדער מען ווארפט איינע די אנדערע מיט שמאטעס; איך האב שוין אויך געקראָגען א פּאָאר מאָל מיט א קנויל שמאטעס; אבער איך האב צוריק ניט געוואָרפען. איך האב עס פיינד. מיידלאך מיט מיידלאך איז עפּעס אנדערש, אבער מיידלאך מיט בחורים, פע!

איינמאָל האט מיר דזשייקי, דער סליוו מאכער, א וואָרף געטהאָן מיט א קנויל שמאטעס. איך האב געזעהן, אז ער האט עקסטרא גע־ציעלט מיר צו טרעפען, און נאָכדעם איז ער צוגעלאָפען און מאכט: עקסקיוז מי, ליידי, אַי דידנ'ט מין איט; אבער איך האב איהם גאָר ניט געענטפערט. איך פערשטעה אז ער האט געזוכט א געלעגענהייט צו בעקאנט ווערען מיט מיר און פערפיהרען מיט מיר א געשפרעך — א מכה, קלער איך, איך וועל מיט דיר קיינע ביזנעס ניט האבען, ניט געטראָפען דעם אָרט. און ער איז אוועק ווי אַן אָבגעשמיסענער.

אין אלגעמיין פיהל איך זיך גאָר ניט היימיש אין שאפ. עפּעס בין איך פרעמד, עלענד, איך קען קיינעם ניט, קיינער קען מיר ניט; די מענשען וואס איך זעה ארום זיך זיינען עפּעס אן אנדער סאָרט מענשען, ניט נאָך מיין גייסט, ניט נאָך מיין געשמאק, און די שאפ הויבט מיר בּיסלאכווייז אָן אליץ מעהר און מעהר מיאוס ווערען.

IV.

די מעלות טובות פון די אָפּערייטאָרלאַך.

דזשולאַי דער 19טער. — היינט בין איך שוין ניט מעהר קיין גרינע אין שאפּ. איך קען שוין מיינע שאפּ ברידער און זיי קענען מיר. געקומען איז עס פון זיך אליין, ניט איך האב זיך פאר אימיצען פאָר־געשטעלט, ניט אימיצער האט זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט; אבער זיי ווייסען ווי מען רופט מיך און איך ווייס זייערע נעמען. איך ווייס שוין אז דער העד אָפּערייטאָר הייסט דזשאָ. ער איז שטאָלץ ביי זיך און בלאָזט פון זיך, אַקוראַט ווי ער זאָל זיין א פּראָפּעסאָר. ביער גיסט ער אין זיך ווי אויף א הייסען שטיין. איהם איז עס ערלויבט צו טהאָן אפילו אין מיטען דער ארבייט. מיט'ן בעל הבית און מיט'ן פאָרמאַן איז ער א גאַנצער כל וכל, זיי האַלטען זיך מיט איהם עצות וועגען ארבייט, א גאַנצער אדיוטאַנט זייערער. ביי די מיידלאַך איז א זכיה אז זיי ריידען מיט איהם און ווען ער זאָגט עפּעס, לאַכען זיי כאָטש עס ווילט זיך זיי גאָר ניט לאַכען.

דזשאָו'ס ארויסהעלפער רופט מען, דער עקטאָר. ער איז נאָך א יונגער באָיטשיק, טראָגט א היבשע טשופּרינקע און איז בכלל ניט קיין מיאוס'ער יונגאַטש. דינער טיים זינגט ער קופּלעטלאַך פון די אידישע מוזיק האָללס, קרימט זיך, דרעהט זיך און מאַכט נאָך די סטאָרס פון די גרויסע טהעאַטערע. ווען ער פּראָוועט זיינע שטיק, פּאַטשען אַלע „בראַוואָ" און ער פערנייגט זיך פּונקט ווי אַן אמת'ער אַקטיאָר. אויף איהם זאָגט מען, אז ער האט אפשר צוואַנציג כלות און אַלע מיידלאַך זיינען פאר איהם די כפּרה. די שווארצע און די געלע, וואס זיצען מיט מיר ביי איין טישעל, האַלטען פון איהם ניט. „עט," זאָגען זיי, „א וואַזשנע מציאה, א לאופער און מעהר גאָר ניט." דערפאר אבער אַנ־דערע מיידלאַך האַלטען פאר איהם שטאָל און אייזען און קוועלען גאָר אָן פון איהם.

דער וואס וואַרפט דעם גרינעם ביגלער מיט ספּולס און נאַסע שמאַטעס, הייסט מייק. עס מיידט ניט דער טאָג, וואס דער גרינער

ביגלער, א מיטעל־יעהריגער איד מיט א באָרד, זאָל פון איהם ניט קריגען עטליכע פעקלאַך אין קאָפּ. אָפט שניידט ער אָפּ די ציצית פון זיין טלית קטן, פערוואַרפט זיין יאַרמעלקע אדער ער גנב'עט אָב זיין דינער. ווען דער גרינער דאַוונט זיך נאָך דינער מנחה, קלייבט זיך מייק צו ווען ער שטעהט שמונה עשרה און בינדט איהם צו די פיס און נאָך אזעלכע שטוקעס טהוט ער איהם אָב. אלע אָפּעריישאָרלאַך לאַכען פון די דאָזיגע חכמות, אנדערע מיידלאַך העלפען זיי אויך מיט; אבער מיר לאַכט זיך ניט פון אזעלכע זאַכען און ווען איך זאָל האבען א דעה אין שאָפּ, וואָלט איך עס זיכער ניט דערלאָזען.

לואי דער לייגינג מאַכער, האט אויך א נאָמען אין שאָפּ. איהם קען איך שוין אויך. לואי זעהט אפילו ניט אויס מעשה לויפער; ער זינגט ניט, ער טאַנצט ניט און נעהמט קיין אנטהייל אין אלע שטי־פערייען; דערפאר אבער גלייכט ער אן אנדער מין שפּאַס. ער גנב'עט אלע מאָל אָב ביים פעדלער א זעמעל, א פלוים, א פיטשע און אָפט א באָטעל סאָדאָ וואַסער. אלע קוקען עס צו און לאַכען, עס טהוט זיי הנאה דער עסק און מיר שניידט עס ביים הארצען.

דעם שטעפּער רופט מען, דער ניגער. ער איז א ניש־קשה'דיגער יונגער מאַנטשיק, אבער זעהר א שווארצער. די מיידלאַך מאַכען מיט איהם קיינע מחזקות ניט און ער האט א זכיה ווען א מיידעל נעהמט ביי איהם א שטיקעל טשאָקאָלאַד אדער טשוּאינג־גאָם. זיין ארויס־העלפער סעם, איז אין שאָפּ בעקאַנט אונטער'ן נאָמען אייבראַהאַם לינקאָלן. דיעזען נאָמען האט ער בעקומען, ווייל ער האט אמאָל דעם שטעפּער ארויסגעהאָלפען, ווען חברה סטרייקער האבען איהם געוואָלט אָנברעכען די ביינער. סעם, אדער אייבראַהאַם לינקאָלן, איז א וואוי־לער יונג. א שילער פון א דענסינג אַקאַדעמיע. זעהר אָפט כאַפּט ער דינער טיים א טענצעל מיט מיידלאַך. מיינע שכנות, די שווארצע און די געלע, זאָגען אפילו אז ער קען גאָר ניט טאַנצען, אנדערע מיידלאַך אבער זאָגען, אז ער איז דוקא א גוטער טענצער און עס איז ביי זיי אן עולם ומלאה צו כאַפּען א טאַנץ מיט איהם.

אויסער די וואס זיינען דער הויפּט סטעף פון אונזער שאָפּ, קען איך נאָך אייניגע ביי די נעמען, אבער איך בין מיט זיי אלעמען פון דער ווייטען און האב מיט זיי קיין ביזנעס.

מיר רופען זיי אונטער די אויגען: די קאָרנערדיגע, ווייל איך

זיטץ אין קאָרנער. אין די אויגען רופען זיי מיך: מיני, מינעלע, מי־ניטשקע; אבער איך קען עס ניט הערען. איך מייד זיי אויס און וויל מיט זיי ניט ריידען. איך וויים אליין ניט פאר וואס; אבער עפעס האבען זיי ביי מיר קיין חן ניט.

V.

א דענסינג אקאדעמיע אויפ'ן רוף.

דזשולאי דער 20טער. — סעם אדער אייבראהאם לינקאָלן, האט מיך היינט דינערטיים אליין איינגעלאדען צו געהן טאַנצען אויפ'ן רוף. מען האט געוואָלט טאַנצען א סעט און וויל אין שאפ איז ענג, האט מען זיך אָבגעקליעבען א פלאץ אויפ'ן רוף. דער עקטאָר האט מיר צוגעטראָגען א גאַנצען פעקעדזש פעפסין טשואינג גאַם און געבעטען איך זאָל אין סעט זיין זיין דאמע; אבער איך האב זיך פון דעם דאָזי־גען כבוד ענטזאגט. זיי זיינען ביידע אוועק ברוגז'ע מיט ניט זעהר שעהנע ווערטער אויף זייערע ליפען. מיינע חבר'טעס האבען עס צו־געהערט און זיך געשמאָלצען פאר שמחה. וואס אייגענטליך טהוט זיי אזוי הנאה, ווייס איך ניט.

חברה זיינען אוועק טאַנצען און איך בין פערבליעבען אין שאפ. איך האב געהערט זייער האָפען, זייערע חוכא וטלולא'ס, אבער מיך האט קיין חשק גענומען אפילו געהן א קוק טהאָן וואס דאָרט געהט פאָר. ווען זיי זיינען ארונטערגעגאנגען, זיינען זיי אלע געווען פער־רויטעט, פערשוויצט, און איך האב זיי אָנגעקוקט פאר משוגעים. די שווארצע מויד איז געווען אזוי צויאכמערט, אז זי האט אליין ניט גע־וואוסט אויף וואס'ער וועלט זי איז און זי האט זיך אוועקגעזעצט אויף א טעלער מיט אביסעל איבערגעבליעבענע לאָקשען, וואס א ביגלער האט אוועקגעשטעלט אויף א טשער.

פאָר נאכט ווען מען איז ארונטער פון דער ארבייט, האבען זיך

חברה אויף די שטיגען געוויטצעלט, מען האט זיך זאגאר ערלויבט, כלומר'שט ניט ווילענדיג, אנטרעטען מיר אויפ'ן סקוירט; אבער איך האב געשוויגען. איך דענק, אז זיי וועלען אזוי לאנג בילען, ביז זיי וועלען זיך איינמאטערען און אויפהערען. קריגען זיך מיט זיי לוינט זיך ניט, זאל בעסער מיינס איבערגעהן.

VI.

בלבולים אויף דער פארצעלייענער ליאלקע.

דזשולאי דער 22טער. — מיינע חבר'טעס, די פעלער-הענד, וואס זיטצען מיט מיר ביי איין טישעל, האבען מיר היינט בעקרוינט מיט א נייעם נאמען. די פארצעלאיענע ליאלקע, רופען זיי מיך. אויב איהר ווילט, גיט מיר אב מזל טוב מיט'ן נייעם נאמען.

די שווארצע מויד און די געלע מיט די פימפעלס אויפ'ן פנים האבען עס דיעזען נאמען אויסגעטראכט און די אנדערע מיידלאך באמקען זיי אונטער. צייגט דער פארמאן, אז די ארבייט איז ניט גוט געמאכט, זאגען זיי אלע: די פארצעלאיענע ליאלקע האט עס געמאכט. געפינט מען א פערפלעקטען ראק, די פארצעלאיענע ליאלקע האט עס פערפלעקט; ווער מאכט שיטערע שטעך? די פארצעלאיענע ליאלקע! ווער באדערט און לאזט ניט נעהען? די פארצעלאיענע! אלעס אויף דער פארצעלאיענער ליאלקע, א גוט יאהר אויך אויף איהר.

וואס האבען זיי צו מיר, די מוידען, וויים איך ניט. וואלט מעגליך געווען, וואלטען זיי אויף מיר א ממזר בלבול אויסגעטראכט. איך זיטץ דאכט זיך דעם קארק איינגעבויגען, איך הויב ניט אויף מיין קאפ פון אין דער פריה ביז דינער און פון נאך דינער ביז פאר נאכט, איך טריי פאר דער ארבייט, איך סטארע זיך עס זאל זיין ווי צום בעסטען און אלע שולדען ווארפט מען ארויף אויף מיר! זיי זיטצען און כאכאטשען ווי די גענז לויפען כלומר'שט אלע ווייל טרינקען, אבי ניט ארבייטען, לסוף זיינען זיי די גוטע הענד, די טרייע הענד און איך טויג

ניט! איך האב געוואָלט דעם פּאַרמאַן זאָגען, אז אלעם וואס זיי זאָגען אויף מיר איז ליגען; אבער געה טשעפּע זיך מיט זיי! זיי זיינען דאָך אלטע הענד און א חוץ דעם זיינען זיי דאָך זעקס און איך בין איינע.

ווי איך פערשטעה, האלט דער פּאַרמאַן מיט מיר מעהר ווי מיט זיי, ער פערשטעהט זיך אפנים אויף זייערע שמד שטיק; אבער ער וויל עס ניט ארויסגעבען. וואס האט ער אייגענטליך פאר זיי מורא, ווייס איך ניט.

די אָפּערייטאָרלאך זיינען אויף דער זייט פון מיינע חבר'טעס. וועל, זיי זיינען זייערע אלטע בעקאנטע און איך בין מיט זיי פון דער ווייטענס. איך טאַנץ ניט מיט זיי, איך שטיעף ניט מיט זיי, איך פּאַטש ניט בראַוואָ, ווען דער עקטער פראוועט זיינע שטיק, איך קען ניט לאַכען מיט א קוויטש ווי יענע מיידלאך לאַכען, און בין אן אנדער סאָרט מענש און דערפאר אפשר גלייכען זיי מיר ניט! אבער ווער פערלאַנגט פון זיי זאָלען מיר גלייכען? ניט האט מיך ליעב, ניט האט מיך פיינד.

אפשר צוליעב דעם ווייל די אָפּערייטאָרלאך האלטען מיט מיינע חבר'טעס, דאריבער וויל זיך דער פּאַרמאַן מיט זיי ניט אנהויבען, עס איז ביזי, מען מוז האבען די ארבייט געמאַכט, וויל ער קיין בארוואַ־ריעס אין שאַפּ ניט מאַכען. געה טשעפּע זיך מיט די שניידער, באַלד איז ביי זיי א סטרייק! אבער פערשטעהן פערשטעהט ער, דער פּאַר־מאַן, אז די מוידען טראַכטען אויף מיר אוים וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. אהאָ! ער איז א סמאַרטער יונג, דער פּאַרמאַן, מסתמא אז דער באָס האט איהם געמאַכט פאר אן אויפזעהער אין שאַפּ, איז ער ניט קיין נאַרישער אינגעל.

דזשעני, אונזער שטיקעל פּאַרליידי, האט מיר היינט געסטראַ־שעט, אז זי וועט מיך פער'מוסר'ן פאר'ן באָס אליין. די שווארצע מויד האט געזאָגט, אז מען וועט מיר געבען די סעק און ארונטער ווארפען פון די שטיעגען. די געלע מיט די פּימפּעלס האט זיך גע'חכמה'ט, אז מען וועט מיך שיקען שפּיעלען פּיאַנאָ, ווייל מיינע פינגער זיינען צו עדעל צו האלטען א נאָדעל. די אנדערע מיידלאך האבען מיר אזוי נעגעבען שטעך ווערטלאך און איך האב זיך א גאַנצע טאָג געפּיהלט ווי אין גהינום.

VII.

שמד־שטיק פון די חבר'טעס.

דזשולאַי דער 23טער. — די חבר'טעס מיינע האבען היינט בע־האַלטען מיין טימבעל. איך האב גענעהט אזוי און צושטאַכען די פינ־גער. איך האב געוויינט, ביטער געוויינט און די שווארצע מויד האט זיך גע'חכמה'ט; זי האט פאַרגעלייענט די תחינה פון ליכט בענטשען, געזונגען א ליעדעל פון כלה בעזעצענס און אלע האבען זיך געשטיקט פון געלעכטער. איך וויים ניט צו אוים מורא פאר'ן פאַרמאַן, צו אוים רחמנות, האבען זיי מיר נאָכדעם דעם טימבעל אונטערגעוואָרפען.

דער פאַרמאַן האט היינט אויף מיר געשריען פאר וואס די אר־בייט איז ניט גוט געמאַכט. ווי איך האב פערשטאַנען נאָך זיין פנים, האט ער ניט געמיינט מיר, נאָר די חבר'טעס מיינע. נור ווייל זיי זיינען דאָך אַלטע הענד, האט ער כלומר'שט אויסגעקעהרט דעם פעלץ אויף מיר. ער האט געמאַכט ווי מען זאָגט: די טאָכטער שילט מען און די שנור מיינט מען. איך וויים ניט אויב זיי, די חבר'טעס מיינע, האבען עס פערשטאַנען, גיכער ניט, ווייל ווען זיי וואָלטען דענקען ווי איך, וואָלטען זיי נאָכדעם ניט געלאַכט און וואָלטען ניט געמאַכט נעזוער אַנטקעגען מיר.

דער פאַרמאַן, ווי איך האב זיך ערקונדיגט, איז א גוד באָי, אַן אָרענטליכער מענש, אלא ער בייזערט זיך אָפט אָן, וועל, דאס איז זיין עובדא. דער באָס נעהמט איהם אויך געגנוג די געדערים ווען די ארבייט איז ניט ריכטיג געמאַכט און ניט שטענדיג קען מען מיט די חברה אויסקומען מיט גוטען, מען מוז אַמאָל אַנשרייען אויך.

דינער טיים האב איך אומזיסט און אומנישט געכאַפּט א פאַרציע פון הערים, דעם אַלטען בייסטער. דער אַלטער הערים איז שוין א איד אפשר פון זיבציג יאהר. קיין שארפער בעל מלאכה איז ער ניט, ער איז שוין אויסגעארבייט. די ארבייטער אין שאָפּ רופען איהם „הערים פּאוואָליע," ווייל ער איז זעהר א סלויער ארבייטער. ער קעהר זיך אַן צום באָס אַן אָנקעל, דעריבער גיט ער איהם א שאָו און האלט

איהם אין שאפּ, זאָנסט וואָלט ער שוין פון לאַנג געזעסען אין בית המדרש און געזאָגט תהלים, מעהר ווי אויף תהלים זאָגען, טויג ער ניט, אזוי זאָגען די ארבייטער פון שאפּ.

דער אַלטער הערים איז א קאפּריזנער איד, א שרעקליכער כעסן, קוים דערצאָרענט מען איהם, קוקט ער ניט ווי שפעט עס איז; ער שילט, ער זידעלט און מאכט צו אש און צו בלאָטע יעדען איינעם. האבען חברה אַבגע'גנב'עט זיין באָטעל מילך וואס ער האט געבראכט אויף דינער און עס שטילערהייד אוועקגעשטעלט אין קאָרנער נעבען מיר. מען האט איהם אפּנים אָנגעזייגט, אז איך האב עס צוגענומען און ער האט די באָטעל נעבען מיר געפונען. נו, נו, האט ער מיר גע־מאכט א מארק, אז איך וועל עס האבען צו געדענקען, און מיינע שאפּ ברידער און שאפּ שוועסטער האבען געהאט אביסעל פאַן.

נאָך דינער בין איך געזעסען ביי דער ארבייט און אליין ניט גע־וואוסט אויף וואס'ער וועלט איך בין. איך האב געדענקט, געטראכט וואס האבען זיי זיך אַלע אָנגעזעצט אויף מיר און איך האב קיין תירוץ אויף דיעזע שאלה ניט געפונען.

VIII.

געפונען א גוטען פריינד.

דזשולאי דער 24טער. — היינט האב איך זיך געפיהלט אביסעל פרייער. סילי, די באָטען האָל פינישערין האט זיך מיט מיר פערנאנדער גערעדט. איך האב איהר דערצעהלט מיין גאנצע הארץ און זי האט מיר אויך דערצעהלט פון איהר. זי איז אן עגונה, די באָטען האָל פיני־שערין, א מיטעל יעהריגע פרוי פון א יאָהר עטליכע און פיערציג. זי ארבייט שוין אין שאפּ זייט עטליכע יאָהר. בעני, דער באָטען האָל מעקער, איז איהרער א נאָהענטער קרוב און צוליעב זיין זכות האט זי א שאָו און האט א סטעדי דזשאב. אין איהר, אין סילי'ן, האב איך

געפונען אן אמת'ן גוטען פריינד און איך בין העכסט צופריעדען, וואס איך האב זיך מיט איהר בעקאנט.

ביי דער ארבייט האבען זיך די פעלער־הענד געוויטצעלט. זיי האבען מיר געפרעגט, אויב די באָטען האָל פינישערין רעדט מיר א שידוך, אדער אפשר וויל זי מיר נעהמען פאר א גאָווערנאנטקע, צו פאר א פּאָקאָיאָוועא אין איהרע צוויי רומקעס אויפ'ן טאפּ פלאָר אין א יארד הויז און נאָך אזעלכע חכמות; אבער מעהר קיין דאגה זאָל איך ניט האבען, זאָלען זיי בילען ווי די ציינ, אבי זיי טשעפּען מיר אזוי ניט.

נאָך דער ארבייט בין איך ארונטערגעגאנגען מיט סילי'ן צוזאמען און די אָפּערייטאָרלאָך האבען נאָכגעשריען: העי, מיני! העי, פּאָר־צעלאַיענע ליאַלקע! אפשר האָסט דו איהר געבראכט א גרוס פון איהר מאַן? אפשר וועסט דו זיך ארייגליינגען אין דעם און מאַכען צווישען זיי צוריק א שידוך, מהיכא תיתא זי וועט דאָך מסתמא אומ־זיסט ניט פערלאַנגען. זי וועט דאָך מסתמא געבען א טריט.

ווען זיי האבען עם געערעדט האט זיך ביי דער פרוי געגאָסען בלוט פון די אויגען און זיי האבען געלאכט. איך האב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז מענשען זאָלען זיין אזוי ווילד.

IX.

אָנגערייצט די אָפּערייטערלאָך.

דזשולאַי דער 26טער. — די חבר'טעם מיינע, איבער הויפּט די שווארצע און געלע האבען היינט ווידער געקאָמפּליינט, אז איך מאַך קאליע די ארבייט און איך האב זיך פערענטפערט, אז ניט איך טהו עס. דער פאָרמאַן האט מיר אפנים געגלויבט און אום צו וויסען אויף ריכטיג וואו דער הונד ליעגט בעגראָבען, האט ער אָנגעזאָגט, אז יעדע איינע פון אונז זאָל איהרע רעק מארקען מיט א נאָמבער. זיעבען מייד־

לאך, זיעבען נאמבערס. אויף מיר איז אויסגעפאלען דער נומער „זיע־בען״ ווייל איך זיטץ אין קארנער און בין די לעצטע.

איך האב געזעהען, אז מיינע חבר׳טעס שושקען זיך צווישען זיך, קנייפען איינע די אנדערע און לאכען. וואס זיי האבען גערעדט און פון וואס זיי האבען געלאכט האב איך ניט געוואוסט.

שפעטער, ווען מען האט עקזאמינירט די ארבייט, האט מען טאקי עטליכע נומער זיעבענס געפונען צוקאליעטשעטע. דער באס אליין איז צו מיר צוגעגאנגען און געצייגט און אנגעזאגט מיט׳ן הארבען ווארט, אז מעהר זאל אזעלכעס ניט פאסירען און מיינע חבר׳טעס האט עס הנאה געטהאן, גאר מיט האניג זיי בעשמירט.

פערשטאנען האב איך אפילו, אז זיי, די אנדערע פעלער־הענד מאכען אן צרות און מארקען עקסטרא מיט׳ן נומער זיעבען, כדי די שולד זאל פאלען אויף מיר; אבער איך האב דעם באס גאר ניט גע־זאגט. אז מען כאפט ניט ביים האנד, מוז מען שווייגען. דערווייל האב איך געהאט א טאג, ניט אומקעהרען זאלען זיך אזעלכע טעג.

דינער טיים, ערשט א גאנצע כאליאסטרע אפערייטארלאך האבען זיך ארומגעקליעבען ארום מיר. אפנים האט עס, אז יענע מיידלאך האבען זיי אנגערייצט. „וואס מאכען די רעקלאך נומער זיעבען?״ — פרעגט דער העד אפערייטאר. „זי האט זיי צוקאליעטשעט — ענטפערט דער טענצער — ליעגען זיי אין האספיטאל.״

„דו ווייסט, מיני — מאכט דער עקטאר — ווי קומסטו צו שניי־דעריי, דיר האט מען געדארפט אריינשטעלען אין א ווינדאו פאר א שאו.״

„ווער וועט עס אויף איהר קוקען? — כאפט אונטער די געלע מויד מיט די פימפעלס אויפ׳ן פנים — פששש, א וואזשנע פארשוין, א פארצעלאיענע ליאלקע און דאטס אלל.״

פאר נאכט האט מען די זעלבע זאך ווידער איבערגע׳חזר׳ט און איך בין געקומען אהיים א צוקלעמטע, אן אויפגעיאדעטע, און גע־דענקט צו שלאגען כפרות מיט׳ן שאפ און מיט די גאנצע שניידעריי.

X.

אָבגעטהאָן א שפּיטצעל.

דזשולאַי דער 27טער. — היינט אין דער פריה האט זיך מיר גאָר ניט געוואָלט אויפשטעהן. אזוי ווי איינעם ווילט זיך ניט שטאַרבען אזוי האט זיך מיר ניט געוואָלט געהן אין שאפּ. עס איז מיר שווער איבערצוטראָגען די בעליידיגונגען וואס איך שטעה דאָרט אויס, און פאר וואס? טהו איך דען אימיצען שלעכטעס? טשעפּע איך אימי־צען? דער איינציגער חטא מיינער איז, וואס איך בין פיעלייכט שעה־נער פון אַנדערע, צוליעב דעם זיינען מיר די מיידלאַך שונאים, ווייל זיי דענקען, אז די באָיעס שענקען מיר מעהר אויפמערקזאמקייט און די באָיעס וויעדער האסען מיר דערפאר, וואס איך מאַך מיט זיי קיינע מחזקות ניט. וואס קומט מיר דערפאר, אז איך וויל מיט זיי קיינע עסקים ניט האבען? דארף מען מיר דערפאר פערפאָלגען? דארף מען מיר דערפאר אָנטהאָן כל׳ערליי צרות?

איך וואָלט שוין אפשר טאַקי צו דער ארבייט ניט געגאַנגען, ווען א פּלאַן פון ראַכע וואָלט ניט איינגעפאַלען אין מיין מוח. עס איז מיר איינגעפאַלען א גליקליכע אידעע ווי אָבצורעכענען זיך מיט מיינע שאפּ שוועסטער, וואס זיצען מיט מיר ביי איין טישעל, און צייגען זיי, אז איך בין אזוי קלוג ווי זיי.

איך האב מיר געקויפט א בלויען פּענסיל און געמארקט מיין נומער 7 מיט איהם, ווערהענד די אַנדערע זעקס מיידלאַך האבען גע־מארקט זייערע רעק מיט שווארצע פּענסילס. זיי האבען היינט אויך אָבגעטהאָן די זעלבע שטוקע און „געבאַטשט” אויף מיין רעכנונג; אבער איך האב עס נאָכדעם איבערצייגט, אז זיי פעלשען מיין נומער און זיי זיינען געבליעבען ווי אין ראַסעל.

זייט איך ארבייט אין שאפּ האב איך נאָך ניט געהאט אזא גוטען טאָג ווי היינט. נקמה איז א געשמאַקער ביסען. דער באָס אליין האט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע: מאַלאַדיעץ, מיני. דער פאָרמאַן

האט מיר געגעבען א שעהנעם קאָמפּלימענט און די חבר'טעס מיינע האבען זיך געשעהמט אויפהויבען די אויגען אזוי ווי גנבים.

דינער טיים האבען די אָפּערייטאָרלאַך זיך גענומען רייצען מיט'ן גרינעם בינלער. ווען ער איז געזעסען אויפ'ן טיש און גענעסען, האט איהם מייק אונטערגעגאָסען א פייל וואסער. אייבראהאם לינקאָלן האט ארויסגע'גנב'עט זיין קרים טשיזעל און אין די פייפער איינגעוויקעלט א שטיקעל ווייסע ליים. נאָך איינער, ווי מען רופט איהם ווייס איך ניט, האט בעשאָטען דעם בינלער'ס פּאָמפּערניק מיט שמעק טאבאַק און דער עולם האט זיך געשמאָלצען פון פרייד. די פעלער־הענד אבער, האבען קיין אנטהייל ניט גענומען אין דער שמחה און זיינען געזעסען ווי בעגראָבענע.

XI.

מר. לאָקש דער פּרעזידענט.

דזשולאי דער 29טער. — דזשעני, די שטיקעל פּאָרליידי, האט מיר היינט אין דער פריה מכבד געווען מיט א פלוים. אויף גוטע יאָהר רען זאָל עס זיין! ווי עס ווייזט אויס, ווילען אלע מיינע חבר'טעס מיט מיר שלום ווערען. נאָך'ן שפּיצעל, וואס איך האב זיי פאָרגעסטערן אָבגעטהאָן, זעהען זיי אָפּנים, אז איך בין ניט פון די צוויי פאר א גראָשען און עס לוינט זיך ניט איינרייסען מיט מיר. א גאַנצע טאָג האבען זיי געשטומט ווי יורקע'ס הונד. זיי האבען זיך מיט מיר ניט גערייצט, ניט געלאַכט פון מיר, ניט גע'חכמה'ט זיך און איך האב זיך געפיהלט היימליך.

סילי, די באָטען האָל פינישערין, האט מיר דערצעהלט, אז בעני דער באָטען האָל מייקער איז נאָך א באָי. איך האב איהם די גאַנצע צייט געהאַלטען פאר א פערהייראַטהען מאַן, ווייל ער האט ניט קיין ביזנעס מיט די מיידלאַך, שטיפט ניט מיט די ברואים און איז זיך א מענש פאר זיך. דינער טיים זיצט ער און לייענט א פּייפּער אדער ער שמועסט מיט'ן הויכען אונטער־בינלער.

דער הויכער אונטער־ביגלער איז א יונגער מאן, וואס קען גוט לערנען און א גרויסער קענער. ער איז א ציוניסט, אזוי האב איך גע־הערט האט דער שאפ פעדלער דערצעהלט דעם באס. די יונגע אפע־רייטארלאך רייצען זיך מיט איהם. זיי רופען איהם „מיסטער לאקש.” אפט, אז זיי האבען חשק, קלייבען זיי זיך ארום ארום איהם און מען פרעגט איהם: ר' לאקש, ווען וועט איהר אונז פיהרען קיין ארץ ישראל? ווען וועט זיין פערטיג אייער בית המקדש? און נאך אזעלכע שאלות. דער עקטאר זאגט: „אלבעטשע איהר וועט דארט זיין פרעזי־דענט,” און אלע שרייען אויס: „הורי, פאר לאקש דעם פרעזידענט!”

איך האב דעם אונטער־ביגלער קיין מאל ניט געזעהען ריידענדיג מיט אימיצען אנדערש, נור מיט'ן באטען האל מייקער; וואס פאר א טענות זיי האבען צווישען זיך, ווייס איך ניט, ווייס זיי דער גוטער יאהר.

ארונטערגעהענדיג פון שאפ, האבען מיר היינט אויך א פאאר אפערייטארלאך זאטשעפעט. זיי האבען זיך גע'חכמה'ט, געוויצעלט; אבער דעם מאל האבען די שווארצע און די געלעביידע מיט אמאל אויסגעשריען: שאראפ! זי האט עפעס ביזנעס מיט אייך? פאר וואס זאלט איהר עם זיין חזירים און קריכען יענעם אין די אויגען?

„זיי זיינען דזשעלים” — האבען זיך די באיעס אבגערופען — „זיי פערגינען ניט, אז מען זאגט ווענען א שעהן מיידעל א גוט ווארט” און זיי האבען אונז בעגלייט די שטיגען מיט א קופלעטיל, וואס איז א שאנדע געוועזן צו הערען.

ס'ארא מאדנע חברה די בחורים זיינען.

XII.

זיך בעקענט מיט'ן באטען האל מייקער.

אויגוסט דער צוויטער. — סילי, די באטען האל פינישערין, איז היינט ניט געקומען צו דער ארבייט. בעני, דער באטען האל מייקער, האט געזאגט, אז זי איז קראנק און ליגט צו בעט. דער פארמאן האט

מיר געהייסען זיך זעטצען אויף סילי'ס פלאטץ און טהאָן איהר אר־בייט. איך קען זיך אליין קיין חשבון ניט אָפּגעבען ווארום בין איך אזוי מלא שמחה געוואָרען פון מיין נייעם דזשאב; אבער עפּעס בין איך געגאנגען מיט פרייד, מיט פערגעניגען, אקוראט ווי מען געהט צו א חתונה. איך האב געפיהלט, אז דער פּנים פלאמט מיר, צו פון צופריעדענהייט, צו פון חרפּה, ווייס איך אליין ניט. וואס, דאכט זיך, איז דאָ פאראן צו שעהמען זיך? זיטצען נעבען א באָי? נו, אז מען זיצט נעבען א באָי, וואס איז?

די אנדערע פעלער־הענד האט עס פערדראָסען, וואס דער פאָר־מאן האט מיך צוגענומען פון זיי. עפּעס האבען זיי מיר מקנא געווען, ניט פערגונען, אזוי האב איך פערשטאנען פון זייערע מינעס. נארישע מיידלאך, וואס איז דאָ פאראן צו מקנא זיין? צו ניט פערגינען? דאָ ארבייטען, דאָרט ארבייטען, קיין אומזיסטע געלד גיט דער באָס ניט.

ביי דער ארבייט האט מיר בעני געפרעגט פון וואנען איך בין א לאנדס מיידעל און אויב איך בין צופריעדען פון שניידעריי. ווען ער האט גערעדט צו מיר איז ער געוואָרען רויטליך און מיר האט עפּעס אין הארצען געטיאָקעט, געקלאפּט אזוי ווי מיט א האמער. וואס האב איך זיך פאר איהם צו שרעקען? א בער איז ער? דאכט זיך, גאָר ניט אזא בייזער פריץ און דאך האב איך זיך געפיהלט מאָדנע, איך קען עס אייך ניט ארויסגעבען.

די מיידלאך האבען אויף מיר געקוקט און אויך רויט געוואָרען. וואס בעדייטעט זייער רויט ווערען, ווייס איך אודאי ניט.

א מאָדנער מענש, דער בעני. וואס בין איך דען? דאכט זיך, נישט מעהר ווי א שטיקעל פעלער־האנד און וואָלט איהר הערען ווי שעהן, ווי עדעל ער האט צו מיר גערעדט! אלעס וואס ער האט געזאָגט, האט ער געזאָגט מיט אן „עקסקיוז מי,” מיט א „נעהמט ניט פאר אומגוט,” א מחיה צו הערען, זאָג איך אייך. ווינטצלען זיך ווי די אָפּע־רייטאָרלאך קען ער ניט; קיין גראָב וואָרט האב איך פון איהם ניט געהערט, ער האט צו מיר גערעדט ניט ווי צו א שאפּ מיידעל, נור ווי צו א גרויסארטיגע דאמע. ער מוז טאקי זיין אן עדעלמאן, דער באָ־טען האָל מעקער.

דינער טיים, ווען איך בין צוגעגאנגען צו די מיידלאך, האט מיר דזשעני, די שטיקעל פארליידי, אבגעגעבען מזל טוב. „מיט מזל זאלט איהר לעבען — זאג איך — וואס איז פאר א מזל טוב?״ מאכט זי א געלעכטער: „שטילע וואסער גראבט טיעף — זאגט זי. — דאכט זיך א צוציקעל, וואס וויים גאר ניט וואס א באי איז און קען זיך אזוי גיך פערליעבען! איך וויים, אז דו ביזט שוין אין באטען האל מעקער פערכליאבטשעט און ער אין דיר אויך, טאקי א פאאר פון בארג סיני. אזא יאהר אויפ׳ן פארמאן מיט׳ן באס צוזאמען, וואס פאר א גליקען איהר וועטביידע כאפען.״

אזוי האט זיך דזשעני אבגעזאגט און די אנדערע מיידלאך האבען זיך אנגעהויבען חכמה׳נען. די געלע מויד מיט די פימפעלס אויפ׳ן פנים האט אנגעהויבען זינגען: „חתן כלה מזל טוב,״ די שווארצע האט ארויפגעווארפען א ראק אויף מיין קאפ און געזאגט, אז דאס שענקט זי מיר א גאליאנדע צו מיין חתונה. מיר האבען זיך געשטעלט טרע־רען אין די אויגען און אלע האבען אנגעהויבען זינגען: „כלה׳לע, כלה׳לע וויין, וויין; דער חתן וועט דיר שיקען א טעלעריל חריין״...

נאך דינער בין איך געזעסען ביי דער ארבייט און געשלונגען די טרערען, עפעס האט זיך מיר געוואלט וויינען, מיר האט זיך געדאכט, אז ווען איך זאל זיך אויסוויינען, גוט אויסוויינען, וואלט מיר געווארען אזוי זיס, אזוי אנגענעהם, איך וואלט זיך גאר מחיה געווען. בעני האט געקוקט אויף מיר און געזיפצט. וואס ער האט געזיפצט און וואס עס איז זיין דאגה, אויב איך בין אומעדיג אדער פרעהליך, וויים איך ניט.

ארונטערגעהענדיג פון שאפ האבען די מיידלאך מיט א פאאר אפעריימארלאך מיך בעגלייט און צוגעזונגען דאס ליעדעל: ווילסטו חתונה האבען, מיני קלאפ; איך וויל, איך וויל, איך וויל. פערדרעהען וועסטו זיך דיין קאפ, און אזוי ווייטער.

XIII.

עס האָט זיך אָנגעהויבען בייַנקען.

אויגוסט דער 5טער. — פאַרגעסטערן האָבען מיר ניט געאַרבייט. עס איז געווען שבת. נעכטען האָט מען זיך גלאַט אַזוי געמאַכט אַ יום טוב. דער הער אָפּערייטאָר מיט נאָך צוויי אָפּערייטאָרס האָבען געהאַט אַ פּיק־ניק און אַז אַ פּאָאָר בעלי מלאכות פעהלען מוזען אַלע סטאָפּען. אין סעט אַרבייט איז אַזוי. סעט אַרבייט איז אַזוי, ווי אַ סוכה, וואָס איז אויפגעשטעלט פון פלעקער און ברעטער, ווען מען נעהמט אַרויס איין פלאָקען, צופאַלט די גאַנצע סוכה. די צוויי טעג, וואָס איך האָב געסטאָפּט, איז מיר געווען זעהר לאַנגווייליג, אַזוי ווי צוויי יאָהר האָבען זיי זיך אויסגעצויגען. נאָך וואָס אייגענטליך האָב איך אַזוי געבייַנקט, ווייס איך ניט.

היינט בין איך אויפגעשטאַנען פריה, גאַנץ פריה. איך האָב עפּעס ניט געקענט שלאָפען. ווען איך בין געגאַנגען אין שאַפּ, האָב איך גאָט געבעטען, אַז סילי, די באָטען האָל פינישערין, זאָל היינט אויך ניט קומען. איך האָב איהר חס ושלום ניט געוואונשען, אַז זי זאָל קראַנק זיין. וואָס האָב איך צו איהר? אָבער געטראַכט האָב איך, אַז ווען סילי זאָל געווינען אַ גרויסע געווינס אָדער געפינען אַ בייטעל געלד און ניט דאַרפען מעהר געהן אַרבייטען, וואָלט איך העכסט צופריעדען געווען. איך האָב זעהר חשק געהאַט צו זיצען אויף איהר פּלאַץ. עפּעס פיהל איך זיך דאָרט בעסער, בעקוועמער, עפּעס איז מיר גוט צו זיצען אויף דעם טשער, וואָס די איינגעהויקערטע עגונה איז געזעסען. עפּעס ציהט מיר אַהין צו יענעם פּלאַץ; עפּעס דאָס קלאַפּען פון דער באָטען האָל מאַשין איז אָנגענעהם צו הערען. פון ווייטענס ווערען אויסגע־מישט די קלאַפּעריי פון אַלע מאַשינען. זיצענדיג אָבער נאָהענט, הערט מען ווי די באָטען האָל מאַשין קלאַפּט צום טאַקט, עפּעס גאָר אַנדערש ווי אַלע מאַשינען.

אַ מאָדנע זאַך, ווי אַ האַרץ פיהלט אָפּט אַזעלכע זאַכען, וואָס מען קען גאָר מיט'ן שכל ניט בעגרייפען. די זעלבע קראַפט, דער זעלבער

אינדזשען טרייבט אַלע מאַשינען, און דאַך דאַכט זיך מיר, אז בעני׳ס מאַשין קלאַפּט און זשומעט שעהנער.

ווען איך בין געקומען אין שאַפּ איז נאָך קיינער פון די מיידלאַך ניט געווען. ווען זיי זיינען געקומען, האבען זיי מיך געפרעגט, ווארום איך בין אזוי פריה געקומען. „זי האט זיך פערביינקט נאָך׳ן חתן״ — האט די שווארצע געזאָגט. „זי האט דאָ גענעכטיגט״ — האט זיך דזשעני געוויטצעלט און אַלע האבען געלאַכט.

סילי, די באָטען האַל פינישערין, איז ניט געקומען און דער פאָר־מאַן האט מיר געהייסען געהן אויף איהר פּלאַץ. איידער מען האט אָנ־געפאַנגען ארבייטען האט דער פעדלער צוגעטראָגען א באסקעט מיט עפּעל. „אויב איהר וועט זיך ניט געפינען בעליידיגט״ — האט בעני צו מיר געזאָגט — „נעהמט אייך אן עפּעל אויף מיין רעכנונג.״ דאס ערשטע מאָל, וואס איך האב געהערט, אז א באָי זאָל אזוי זאָגען צו א מיידעל. די אָפּערייטאָרלאַך, ווען זיי טריטען א מיידעל מיט אן עפּעל, א פּלוים אדער א שטיקעל טשואינג גאָם, איז עפּעס מיט אזא גראָבקייט, אזש חלשות. אן אָפּערייטאָר וועט אפשר הייסען נעהמען אליין? חס ושלום! אזוי ווי א קאַטץ מיט א מויז רייצען זיי זיך; אָט גיעבען זיי, אָט נעהמען זיי צו, אָט פערשטופּען זיי עס אונטער׳ן קאָל־נער; זיי זיינען אויסען דעם שטיעף, זיינען זיי אויסען.

איך האב נאָך ביי די חברה קיין זאַך ניט גענומען. ביי בעני׳ן דעם עפּעל האב איך אויך ניט גענומען, איך האב זיך געשעהמט; אבער איך האב איהם גאַנץ פיין בעדאַנקט און געזאָגט, אז איך גלייך ניט קיין עפּעל.

דינער טיים איז אין שאַפּ געווען שמחה וששון. די אָפּערייטאָר־לאַך האבען ערגיץ געפונען דעם גרינעם ביגלער׳ס טלית — דער גרי־נער ביגלער נעכטיגט אין שאַפּ און האלט דאָרטען זיין ביסעל אָרימ־קייט — דער עקטער האט דעם טלית אָנגעטהאָן, גענומען אין איין האנד אן אונערקע, אין דער צווייטער א ברום און איבערגעמאַכט ווי אידען בענשען אתרוג און דרעהען זיך ארום באַלעמער אין שוהל. דער טענצער האט גענומען א ביגעל באַקס, זיך געדרעהט ארום טיש און געזונגען „עוזר דלים.״ אזוי, האט ער געזאָגט, דרעהען זיך די משה׳ס שמחת תורה אין שוהל. אַלע זיינען שיעור דערשטיקט געוואָרען פון געלעכטער, בלויז דער גרינער ביגלער, דער הויכער אונטער־ביגלער

און בעני, דער באַטען האָל מעקער, און נאָך א פּאָר עלטערע אידען, בייסטערס, האבען געזיפצט. איך האב מיט זיי אויך מיטגעזיפצט. איך קען ניט זעהען ווי מען מאכט חזוק פון אידען.

XIV.

דזשייק „קאָלומבוס" און דער „דעטעקטיוו."

אויגוסט דער 6טער. — היינט איז אין שאַפּ געווען א גאַנצע מלחמה. דזשייק, דער סליוו וואָרפער, האט זיך צופייט מיט היימי, דעם פּאַקעט מאַכער. דזשייק'ן רופט מען אין שאַפּ „קאָלומבוס," ווייל אַמאָל אין א סטרייק האט ער אויסגעפונען א סקעב שאַפּ ערגיץ אין א יארד הויז אין ברוקלין. אנדערע רופען איהם דער „דעטעקטיוו," ווייל ער איז א גרויסער מאַדים אויסצוגעפינען סקעבס אין צייט פון א סטרייק, אזוי זאָגען די ארבייטער פון שאַפּ.

דזשייק איז שוין ניט קיין יונגער מאַנטשיק. ער האט א פרוי מיט פיער קינדער. די קינדער זיינע ברייגנען איהם אָפט עסען. בארפוסע געהען זיי און אין צוריסענע דזשאַמפּערלאַך. א מיידעל זיינע, שוין א היבשע, טראָגט צוריסענע שיך און א העטקע, וואס איז שוין אפשר עלטער פון איהר. א צער צו קוקען, זאָג איך אייך, עס שניידט ביים הארצען. די ווייב זיינע איז אַמאָל געקומען אין שאַפּ און געבעטען דעם באָס, אז ער זאָל די פּיידע איהר מאַן ניט געבען, ווייל ער איז א גרויסער טרעמפּ; ער פערהוליעט און פערשפּיעלט די געלד אין קאָר־טען און זי מיט די קינדער געהען פּשוט אוים פון הונגער. האט דזשייק געכאַפּט א טשער און איהר געוואָלט וואָרפען אין קאָפּ. א גליק איז געווען, וואס מען האט איהם אָפּגעהאַלטען, ווען ניט, וואָלט ער איהר אפשר דער'הרג'עט.

היינט איז ער געקומען אין שאַפּ מיט א צובראָכענע העט, א צו־דראַפּעטע נאָז און דער רעקיל זיינער צופליקט אויף פּיצעלאַך. ער האט די נאַכט ניט גענעכטיגט אין דער היים, אזוי האט דערצעהלט א איינגע־לע זיינער, וואס איז געקומען זעהען אויב פּאַפּאַ איז דאָ.

„פּאַפּאַ איז א בעד מען" — האט דער באָיטשיקעל געוויינט — ער שלאָגט מאַמאַ און ווארפט איהר מיט טעלער אין קאָפּ. פּאַפּאַ איז נאָו גוד."

וואו דזשייק איז די נאכט געווען ווייס איך ניט, מסתמא ערגיץ געשפּיעלט אין קאָרטען און זיך דאָרט צופּייט. ווייסט איהם דער טייפעל.

ביי דער ארבייט איז ער געזעסען און געדרעמעלט, האט היימי גערדארפט א זאָג טהאָן: „דזשייק, לייען קריאת שמע," אנדערע זאָגען, אז ער האט איהם א שטאָך געטהאָן מיט א פּין, ווי דער אמת איז ווייס איך ניט. נו, נו, האט מען זיך אָנגעהויבען פּייטען אזוי ווי שכור'ע גוים און מען האט זיי קוים פערנאַנדער געריסען.

לכבוד דעם פּייט האבען חברה געמאַכט א יום טוב און מען האט געסטאָפּט פון דער ארבייט. מען איז אוועקגעגאנגען אין דער יוניאָן אריינברענגען א קלאָגע אויף היימי'ן. בלויז איך, בעני דער באָטען האָל מעקער, דזשעני די פאָרליידי און א פּאָאר ביגלערס זיינען פערבליעבען, וויל מיר האבען געדארפט אויספינישען אביסעל ארבייט.

שפּעטער זיינען געקומען א פּאָאר אָפּערייטאָרלאך און אונז גע־הייסען אוועקלייגען די ארבייט, וויל די שאָפּ איז אָם סטרייק. די ארבייטער האבען בעשלאָסען, אז דער פּאָקעט מאכער זאָל געבען אין דער יוניאָן 10 דאָלאר און ווען ניט איז ער פערכעכנט אלס א סקעב און מען טאָהר מיט איהם צוזאמען ניט ארבייטען.

מיר האבען אלע געסטאָפּט און אוועק אהיים.

XV.

געכאָפּט מיט'ן באָטען האָל מעקער אין פּאַרק.

אויגוסט דער 8טער. — היינט איז א יום טוב, מען סטרייקט! היימי וויל די צעהן דאָלאר ניט געבען. ער זאָגט, אז ער האט קיינע שלעכטעס געטהאָן און מען האט איהם ניט צו שטראָפירען. מען מוז

דארום ווארטען ביז א מיטינג פון דער יוניאן און דאן וועט די זאך ענטשיעדען ווערען. דערווייל געהען אלע ארום שלינג און שלאנג און מען פערדיענט ניט א סענט.

ווען עס איז א סטרייק טאָהר מען אין שאפ ניט ארויפקומען. מיט'ן באָס אדער מיט'ן פאָרמאן טאָהר מען א וואָרט ניט ריידען; ווען ניט איז מען א סקעב. דעם הויכען אונטער־ביגלער האט מען גע־שלאָגען, צו'ממית'ט, ווייל מען האט איהם געזעהען ריידענדיג מיט'ן פאָרמאן. פיליפ דעם בייסטער האט מען אויך שיעור דער'הרג'עט, דערפאר וואס ער האט געזאָגט, אז צוליעב אזא נארישקייט לוינט זיך ניט צו פערלירען א וואָך ווידזשעס. אזוי האט מיר בעני, דער באָטען האָל מעקער, דערצעהלט. בעני מישט זיך ניט אין סטרייק. „זאָלען זיי זיך פערדרעהען זייערע קעפ" — זאָגט ער — „איך קען גיכער בע־שטעהן צו סטאָפען ווי זיי. כאפט זיי דער רוח, זיי פגר'ן, דאכט זיך, פאר א סענט און עס איז רעכט סטרייקען פאר גאָר ניט.

א מאָדנער באָי, דער בעני. אין קיין זאך מישט ער זיך ניט. ער שטעהט שטענדיג פון דער ווייטען. איך האב איהם היינט געטראָפען זיצענדיג אין פאָרק און לייענענדיג א בוך. אין שאפ לייענט ער אויך בי־כער אדער צייטונגען. ער מוז טאָקי זיין א קענער, בעני. אזעלכער וועט שוין ניט פערפאלען ווערען, אויב ניט ביי שניידעריי וועט ער קריגען אן אנדער דזשאב.

אפשר צוויי שטונדען בין איך מיט איהם געזעסען אין פאָרק. ער האט מיר דערצעהלט, אז ער איז פון דער ארבייט צופריעדען. ווי דען? א מענש דארף ארבייטען; אבער די קאָמפאני גלייכט ער ניט. ער האט פיינד, האט ער געזאָגט, די אָפּערייטאָרלאך מיט זייערע ווילדע שטיפערייען. ער קען ניט צוזעהן ווי זיי מאכען חוזק פון עלטערע אי־דען און זייער בענעהמען זיך מיט מיידלאך עקעלט איהם. ער האט רעכט, בעני, איך קען עס אויך ניט זעהן און צוליעב דעם אליין איז מיר די שאפ מיאוס.

ווען איך האב מיט בעני'ן גערעדט, איז די געלע מויד מיט די פימפעלס אויפ'ן פנים דורכגעגאנגען. זי האט אונז געזעהען און זי וועט שוין אין שאפ האבען וואס צו ריידען.

XVI.

דער גרינער ביגלער נעבאַך.

אויגוסט דער 15טער. — דער סטרייק האט זיך געענדיגט און מען האט שוין היינט א האלבען טאָג געארבייט. עלטערע ארבייטער האבען זיך אריינגעלייגט אין דעם און קוים מיט צרות שלום געמאכט צווישען דעם סליוו וואַרפער און דעם פאַקעט מאַכער. מען האט זייביידען גע'קנס'עט צו צוויי דאָלאַר און פאַר די פיער דאָלאַר האט מען אָפּגערעדט צו מאַכען א הוליאַנקע אין שאָפּ.

סילי, די באַטען האָל פינישערין, איז שוין געזונד און זי איז גע־קומען צו דער ארבייט. מיר טהוט עס הנאה; אבער איין זאַך איז מיר שלעכט געוועזן, וואס איך האב געדאַרפט געהן צוריק אין גהינום אויף מיין פּלאַץ אין ווינקעלע נעבען די פעלער־הענד. פאַר די מיידלאַך האט זיך שוין געפונען אַן עסק און מען האט ווידער זיך אָנגעהויבען טשעפּען מיט מיר.

„זעה נור, מיני" — האט דזשעני די פאַרליידי געזאָגט — „אַט איז דאָך סילי, דיין קאָנקורענטקע, דו לאָזט איהר זיצען נעבען דיין חתן?"

„אוים כלה, וויעדער מויד!"—האט זיך אָפּגערופען די שווארצע.

„מען דאַרף איהר רופען מיני די עגונה" — האט זיך צולאַכט די גאַנצע אַלע און אלע נאָך איהר האבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. אַט אזוי האבען זיי זיך גע'חכמה'ט ביז דער גלעקיל האט אָנגעקלונגען צו דינער.

דינער טיים האט מען פאַר דזשייק'ס און היימי'ס פיער דאָלאַר ארויפגעבראַכט א באַרעל ביער און עס איז געוועזן ליהודים. די יונג־וואַרג האבען זיך א ביסעל צוגע'שכור'ט און מען האט אָנגעהויבען פּראַווען שטיק, אז עס איז אַזש חלשות געוועזן צו קוקען. דעם גרינעם ביגלער האבען זיי אָנגעגאָסען ביער אין העט, אין קאָלנער און אין די קעשענעס. ווען ער איז געשטאַנען שמונה עשרה, האט איהם דער עקס־טאַר געשלעפּט פאַר'ן באָרד און אַלע האבען געשריען: ציגעלע מע!

ציגעלע מע! ער האט נעבאך געוויינט, דער גרינער ביגלער, און מיר האט זיך אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

איך האב געזעהן, אז ארבייטען וועט מען שוין ניט, בין איך אוועקגעגאנגען אהיים. בעני, דער הויכער אונטער־ביגלער און דער גרינער ביגלער זיינען אויך אוועקגעגאנגען.

XVII.

דזשעני צוקריעגט זיך מיט דער געלער.

אויגוסט דער 18טער. — דזשעני האט זיך היינט צוקריעגט מיט דער געלער מויד, וואס האט פימפעלס אויפ'ן פנים. אנגעהויבען האט זיך עס פון א קלייניגקייט און אויסגעלאזט האט זיך עס מיט זידלעריי און קללות אזוי ווי צווישען מארק אידענעס. די שווארצע האט זיך אויך אריינגעמישט און עס האט שוין געהאלטען ניט ווייט, אז מען זאל זיך רייסען פאר די צעפ.

די געלע קומט אראב אלע מאל מיט נייעסען. זי איז א גרויסע בעריהמערקע, די געלע. אמאל דערצעהלט זי, אז זי איז אויסגעפאהרען אין קוני איילאנד מיט א לאיער. דער לאיער, זאגט זי, האט איהר גע־פיהרט אין אלע שאוס, זיך געבאדען מיט איהר צוזאמען און ביידע געגעסען דינער אין גרעסטען רעסטאראנט. אן אנדער טאג קומט זי אראב מיט א נייעס, אז זי איז אויסגעפאהרען מיט א דאקטאר אין אן אויטאמאביל. דער דאקטאר, זאגט זי, איז פאר איהר די כפרה, נור זי קעהרט ניט פאר איהם.

ווי איך פערשטעה, איז עס אויסגעטראכטע מעשיות, ווארום סך הכל חלש'ט זי, אז דער טענצער אדער אן אנדער אפערייטאר זאל מיט איהר אויספאהרען כאטש אין סענטראל פארק, ווילען זיי אויך ניט; אבער וועמען ארט עס? זי זאגט אזוי, זאל זיין אזוי.

היינט איז זי אראבגעקומען מיט א פרישען בלאף. זי איז געווען, דערצעהלט זי, אין טהעאטער און איז געזעסען אין א באקס. טאמא־שעווסקי, זאגט זי, איז איהרער א לאנדסמאן, און ווען זי קומט אין

טהעאטער, גיט מען איהר א סיט אין באקס. זי איז שוין ניט איין מאָל, בעריהמט זי זיך, געווען אויפ'ן סטיידזש און גערעדט מיט טאָמאַ־שעווסקי'ן אליין. ער איז, זאָגט זי, א ביוט, איבערהויפט ווען ער שפּיעלט די ראָלע פון א ליעבהאבער.

ווי זי דערצעהלט עס אזוי, רופט זיך אָב דזשעני: „דערצעהל עס פאר'ן סטריט קלינער. ווענען בלאָפסטו, וועמען? איך האב דאָך דיר אליין געזעהן זיצענדיג אויפ'ן באלקאָני אדער אפשר גאָר אויף דער גאלערקע, איך געדענק ניט ריכטיג, איך בין געזעסען דאָרט, און איך האב דיר געזעהן."

מאכט די געלע מיט בעס: „זאָלסטו אזוי זעהן דיין בעשערטען, ווי דו האָסט מיר געזעהן. פאסקודסטווא דו, דווירטי סלאָפּ דו, מסתמא ביזטו געזעסען אויפ'ן גאלערקע צוזאמען מיט די פּאַטריאָטען, אזוי לאַנג ניכוועסטו ווי לאַנג איך וועל ניט זיצען אויף גאלערקע, דאָרט איז א פּלאַץ פיר דיר, ניט פאר מיר."

האט זיך די שווארצע אָנגענומען פאר דזשעני'ן. „וואס האָסטו זיך אזוי אָנגעצונדען?" רופט זי זיך אָב צו דער געלער — „מען טאָר דיר אָן אמת ניט זאָגען? איך געה אזוי פיעל אין טהעאטער ווי פיעל דו. זיץ איך ניט אין באקס; אבער אויף א דאָלארדיגען סיט, זיץ איך שטענדיג, פון דעסטוועגען בעריהם איך זיך ניט! גלויב מיר, אז איך געה אויך ארום מיט אזעלכע שעהנע יונגע לייט ווי דו, דערצעהל איך עס אימיצען? און דו, נור דו, האָלסט אין איין בעריהמען זיך: מיט דעם געהסטו, מיט דעם פּאָהרסטו, מיט דעם רעדסטו, ניט אומזיסט זאָגט מען, אז א מיאוס'ע מויד טאָר מען קיין קוש ניט געבען."

ווערט די געלע אָנגעצונדען ווי א פייער. „מאָנקי פּיים! — הויבט זי אָן שרייען — ניגערקע, אינדיאַנערקע, א קלאָג צו קאָלומ־בוס'ן, אז דו ביזט א פארשוין. א קאטאָוועס? א קאַץ א ברילִיאַנט! עס נודעט דאָך צו קוקען אויף דיר!"

אזוי האבען זיך ארומגעקריעגט פאר דינער און נאָך דינער, עס האט שוין א פּאָאר מאָל געהאַלטען דערביי, אז זיי זאָלען זיך צופּיי־טען, נור די אַנדערע מיידלאָך האבען ניט דערלאָזען.

מיר האט די זאַך הנאה געטהאָן. קריעגט זיך, שלאָגט זיך, קושט זיך; אבי טשעפּעט מיך ניט.

———:———

XVIII.

דער עקטער מיט'ן טענצער צופייטען זיך.

אויגוסט דער 19טער. — די מוידען זיינען נאָך ברוגז. די געלע האט היינט ניט גערעדט ניט צו דער שווארצער, ניט צו דזשעני'ן, דערפאר אבער איז זי געוואָרען גוט פריינד מיט מיר, אזוי ווי א האָניג טייגעל צו א געשוויר האט זי זיך צו מיר געקלעפּט. זי האט מיר גע־טריט מיט א האַלבען עפּעל און מיט א שטיקעל טשואינג גאָם. פון טשואינג גאָם ווערען וויים די צייהן, אזוי זאָגט די געלע, האט איהרער א בעקאַנטער דאָקטאָר איהר געזאָגט; אבער איך גלייך עס ניט, איך נעהם עס אין מויל און שפּיי באַלד אויס. לאַכט זי פון מיר און זאָגט, אז איך בין א גרינע. טראַכט איך ביי זיך: איז דיר גוט, אז דו ביזט א געלע, און איך שמייכעל אין זיך.

דינער טיים איז צווישען די אָפּערייטאָרלאָך געוואָרען א קריעג אזוי ווי נעכטען צווישען די מוידען; אבער דאָרט איז עס צוגעגאַנגען רעש'דיגער. ביי באָיעס איז ניטאָ קיין קונצען, מען צוקריעגט זיך, פערקאַטשעט מען די ארבעל, און „קאָם אָן פייט." ניט גוט זאָל זיי ווערען, די באָיעס, אבי וואס פייטען זיי זיך אזוי ווי די העהנער!

אָנגעפאַנגען האט זיך די קריעג צוליעב אַן עקטער, דער טענצער האט געזאָגט, אז דער און דער עקטער שפּיעלט גוט און היימי דער פּאַקעט מאַכער האט געזאָגט, אז אַן אַנדערער שפּיעלט גוט. האט מען זיך אָנגעהויבען שפּארען אַקוראַט ווי לומדים אין א שטיקעל גמרא. האט זיך אריינגעמישט דער עקטער פון שאַפּ, מאַקס דער אָפּערייטאָר, און עס איז געוואָרען א גאַנצע סומאַטאָכע.

מאַקס האט געזאָגט, אז דער טענצער איז גערעכט. מאַקס מיט'ן טענצער זיינען לאַנדסלייט, גאַליציאַנער זיינען זיי, און זיי האַלטען איינער פאַר'ן אַנדערן שטאָהל און אייזען. היימי אבער האט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. „פרעגט אייך בחרם וואס טהעאַטער איז" — האט ער גע'טענה'ט — „ווי קומען גאַליציאַנער צו זיין מבינים אויף

א פלעי אדער אויף שפיעלען? איהר זעהט דאָך א ויאיה, האט ער געזאָגט, אז אפילו איין עקטער איז ניטאָ א גאַליציאַנער און די פערפאַ־סערס ווער זיינען? אויף רוסישע!"

ווען די געשלעג איז איינגעשטילט געוואָרען, האט זיך די געלע פערזעצט מיט מיר אין ווינקעלע ביי אונזער טישעל און אָנגעדער־צעהלט אויף דער שווארצער און אויף דזשעני'ן וואס אין קאָרט שטעהט; אבער מיר איז עס אין איין אויער אריין און פון אנדערן ארויס. מיין באָבע'ס דאגע איז עס, זיינען זיי פיינע מיידלאַך, איז זיי גוט; ווען ניט, וועל איך פאר זיי ניט ליידען. ס'אַרא מאָדנע מויד, די געלע איז, פריהער איז געווען שו־שו־שו, מו־שו־שו, מען האט זיך איינע די אנדערע די נעזער אָבגעריסען פון ליעבשאַפט, און ערשט אז מען האט זיך צוקריעגט, רעדט זי אויף זיי.

געהענדיג אהיים, האט מיר סילי, די באָטען האָל פינישערין, גע־זאָגט, אז זי דארף מיט מיר עפעס ריידען; אבער זי האט עס אָבגע־לייגט אויף מאָרגען; איך וואָלט שוין וועלען וויסען וואס פאר סודות האט זי עס פאר מיר.

XIX.

סילי'ס אָנצוהערענים.

אויגוסט דער 20טער. — די מוידען האבען זיך נאָך אַלץ ניט איבערגעבעטען. זיי בלאָזען זיך איינע אויף די אנדערע אזוי ווי די אינדיקעס. גלייכער אזוי, דערוויל איז ביים טישעל רוהיג. עס איז זיי, ווי מען זאָגט: פערגאַנגען אזא צרה, אז זיי האבען זיך אָן מיר פערגע־סען. די אנדערע מיידלאַך האבען מיר שטענדיג ווייניג וואס געטשע־פעט; דערהויפט פלעג איך ליידען פון די דריי: די געלע, די שווארצע און דזשעני די פאַרליידי; היינט אז זיי זיינען ברוגז לאָזען זיי מיר צו רוה. עס ווילט זיך זיי אפילו היינט אויף חוזק מאכען פון מיר;

אבער זיי האבען מורא פאר דער געלער. די געלע האלט מיט מיר און זי האט מיר צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מיר זאגען א קרום וואָרט, וועט זי יענעם די אויגען אויסגראבלען. דערלעבט יאָהרען!

דינער טיים, האט מיר סילי, די באָטען האָל פינישערין, אָבגערו־פען אָן א זייט. זי דארף מיט מיר ריידען, האט זי געזאגט, אונטער פיער אויגען. איך האב זיך עפּעס אזוי ווי דערשראָקען, וואס פאר א סודות קען זי עס האבען? און וואס עפּעס גראדע מיר וויל זי עס דערצעהלען? ניטאָ קיין עלטערע פון מיר, קיין קלענערע פון מיר?

האט זי מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אז בעני דער באָטען האָל מייקער איז א פיינער און אָרענטליכער באָי. ער איז, זאָגט זי, ניט פון די אמעריקאנער לאופערס. ער איז ניט קיין טענצער, קיין שארלאטאן ווי די יונגע אַפּערייטאָרלאך, ער איז א מענש א בעל תכלית, מאכט א שעהנעם לעבען און האט א פּאָאר הונדערטער אין די ביינק. דערצו שטאמט ער פון א שעהנע פאמיליע און מען רעדט איהם גרויסארטיגע שדוכים; אבער ער איילט זיך ניט חתונה צו האבען. ער האט זעהר מורא פאר די היגע שארלאטאנקעס און ער זוכט עפּעס א סטאלנע מיי־דעל, א בעל הבית'ש קינד. עס זאָל זיך מאכען אזעלכע, זאָגט זי, וואָלט ער חתונה געהאט.

דערוויל האט מען אָנגעקלונגען מיט'ן גלעקיל און מען האט געדארפט געהן צוריק צו דער ארבייט. פאר נאכט בין איך פערבליע־בען ארבייטען אָווער טיים און סילי איז אוועק אהיים, און איך וויים ניט אָנטקעגען וואס האט זי מיר די גאנצע געשיכטע דערצעהלט..

ביי דער ארבייט האב איך געזעהן האט זי גערעדט מיט בעני'ן און זייביידע האבען געקוקט אויף מיר. בעני איז אלע מאָל רויט געוואָ־רען און איך האב געפיהלט, אז די בלוט געהט מיר אריין אין געזיכט. עפּעס זאָגט מיר מיין הארץ, אבער מאלע וואס א מענש דענקט איבער? איך וואָלט שוין וועלען עלטער ווערען מיט א טאָג און הערען וואס סילי וועט מיר ווייטער דערצעהלען.

XX.

סילי ווערט א שדכן׳טע.

אויגוסט דער 26טער. — לעצטע נאכט איז מיר געווען ווי א יאָהר. איך האב גיכער געוואָלט דערלעבען אין דער פריה און לויפען אין שאפּ אריין הערען וואס אזעלכעס האט מיר סילי, די באָטען האָל פינישערין, צו זאָגען.

א מאָדנע פרוי, די סילי. ווען זי וויל עפּעס זאָגען, זאָגט זי ניט גלייך. זי פערלייגט אייך טענות גאָר פון זייטיגע זאכען און ביז זי קומט ארוים אויפ׳ן עיקר, קען די נשמה ארוים. א האלבען געזונד האט זי ביי מיר צוגענומען, די פרוי, זי דאַרף מיר זאָגען א נויטהיגע זאך און זאָגט ניט!

מערקווירדיג, איך בין דאכט זיך ניט קיין ציקאווע. איך האב קיין מאָל ניט די נאַטור צו וועלען וויסען דאס, וואס אימיצער וויל מיר ניט זאָגען אדער דערצעהלען; דיעזען מאָל אבער בין איך אזוי נייגע־ריג, אזוי אונגעדולדיג געווען, אז איך האב קוים דערלעבט די מינוט, די רגע צו זעהן סילי׳ן.

אין שאפּ אריין בין איך אוועקגעגאנגען גאַנץ פריה, עקסטרא טא־קי, פיעלייכט וועט סילי אויך קומען פריה וועט זי נאָך צייט האבען צו ענטדעקען מיר איהר סוד בעפאָר מען וועט זיך זעטצען צו דער אר־בייט. איך האב גראדע געטראָפען. סילי איז געקומען באלד נאָך מיר און זי האט מיר ווירקליך איבעררא͏שט.

„דו הערסט, מיני" — האט זי צו מיר געזאָגט — „כדומה, למשל, ווען מען זאָל דיר רײדען א שידוך מיט אזא באָי ווי בעני דער באָטען האָל מעקער, וואָלסטו געוואָלט? איך זעה — זאָגט זי — אז דו ביזט א בעל הבית׳יש מיידעל און ער איז א לייטישער באָי, דענק איך, אז דאס וואָלט געווען א גלייכע זאך, אזא יאָהר אויף מיר וואס פאר א טהייערער באָי ער איז, א ווייב וועט פאר איהם לעבען א גליקליכען לעבען."

אין די רייד זיינען אָנגעקומען די איבעריגע מיידלאך און סילי איז אוועקגעגאנגען אָהן תשובה.

ביי דער ארבייט מאכט צו מיר די געלע: „וואס סוד'עט זיך עס מיט דיר די באָטען האָל פינישערין? אלבעטשע זי רעדט דיר טאקע א שידוך. אי דאנט לייק די שדכנים. איך זאָג, אז הייראטהען דארף מען נור אוים ליעבע, ווען איך זאָל זיך וועלען צוהערען וואס שדכנים רייד־דען האב איך שוין לאנג געקענט א ווייבעל זיין; אבער איך וויל זיך ניט פערקויפען פאר א שקלאפין, איך וויל בעסער ווארטען און געפינען מיין אידעאל."

„דו לעזט עפּעס ראָמאַנען? — האט זי מיר אביסעל שפּעטער געפרעגט — ווען דו וואָלסט לעזען ראָמאַנען, וואָלסטו געוואוסט וואס ליעבע איז, אונגליקליך איז די מיידעל, וואס האט חתונה דורך א שדכן. איך בין דיר, מיני, א גוטער פריינד און איך זאָג דיר, אז דו זאָלסט זיך ניט לאָזען פערדרעהען דעם קאָפּ".

אזוי האט די געלע מויד גע'טענה'ט און איך האב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איך בין די גאנצע צייט געזעסען פערטראכט און איך האב אליין ניט געוואוסט אויף וואס'ער וועלט איך בין. פערשיע־דענע געדאנקען האבען זיך געמישט אין מיין קאָפּ, עפּעס בין איך גע־ווען אי צופריעדען, אי פערצווייפעלט און איך האב ניט געקענט בע־שליסען וואס פאר אנטווארט צו געבען סילי'ן.

דינער טיים האב איך סילי'ן געזאָגט, אז זי זאָל ארויפקומען צו מיר אין הויז און איבערריידען וועגען דעם מיט מיינע עלטערען.

נאָך דינער איז עפּעס געוואָרען א גאנצע זאווערוכע צווישען די מיידלאך. מען האט זיך געשושקעט, געקוקט אויף מיר, געקוקט אויפ'ן באָטען האָל מעקער, געלאכט, ברוגז געווען, עפּעס מאָדנע! איך האב זיך געשעהמט פאר זיך אליין; אין אמת'ן איך בין ערשט 17 יאָהר אלט און מען רעדט מיר שוין שידוכים! פאראן אזעלכע מיידלאך, וואס האבען כמעט געמעגט האבען אזעלכע קינדער ווי איך און רייד מיט זיי, האבען זיי נאָך גאָר ניט אין זינען שידוכים צו טהאָן, און איך דענק שוין צו ווערען א כלה! אפשר — האב איך געטראכט — איז טאקע א נארישקייט וואס איך קלער גאָר וועגען דעם, אפשר וועט ער גאָר ניט וועלען, מאלע וואס א אידענע זאָגט? טראכטענדיג אזוי,

האב איך ניט איין מאָל די נאָדעל אין פינגער אריינגעשטאָכען און די מיידלאך האט עס הנאה געטהאָן.

ווען מען האט געסטאָפּט פון דער ארבייט, האט מאַקס דער טענ־צער פערנאַנדערגעטהיילט אַלע באַיעס און מיידלאך קארטלעך. ער האב אָפּגעדונגען א האָל און איז געוואָרען א דענסינג טיטשער. ער האט געבעטען, אז אלע וואָס ווילען זיך לערנען טאַנצען, זאָלען קומען אין זיין אקאַדעמיע נעהמען לעסאָנס. די געלע האט מיך געבעטען, אז איך זאָל נאָך סאַפּער מיט איהר מיטגעהן אהין; אבער איך האב איהר גע־זאָגט אז איך גליך עס ניט.

XXI.

מען גענעצט און מען שלאָפט.

אויגוסט דער 27טער. — היינט זיינען אַלע באַיעס און מיידלאך פון שאפּ געקומען פערשלאָפענע. די חברה האבען דעם טענצער געגע־בען א שאָו און צו די גרענד אָפּענינג פון זיין דענסינג סקול, האבען זיי א גאַנצע נאכט געטאַנצט. מען איז גיזעסען ביי דער ארבייט און גע־גענעצט און דער פאָרמאַן מיט׳ן באָס זיינען געווען שטארק אין כעס. דער עקטאָר איז נעלם געוואָרען און מען האט ניט געוואוסט וואוהין ער איז אהין געקומען. אפשר אין א שטונדע ארום האט מען איהם גע־פונען שלאָפענדיג, איך בעט אייך צו פערצייהען, אין קלאָזעט. די שווארצע מויד האט זיך אָנגעשפאַרט אָן טשער און איז אנטשלאָפען געוואָרען. זי האט זיך איבערגעקעהרט מיט׳ן טשער מיט אלעמען און איך מיט׳ן פאָרמאַן האבען געהאט א דזשאב איהר אויפצוהויבען. דער סליוו וואָרפער האט איינגענעהט ווייסע סליווס אין א שווארצען ראָק און איינער א יונגער ביגלער, אויך פון די טענצער, האט ביי דער אר־בייט געכאַפּט א דרעמעל און האט עטליכע רעק צוגעברענט.

דינער טיים האט דער באָס געמאַכט צו סטאָפּען פון דער ארבייט.

די יונגוואַרג זײַנען אוועק אהיים שלאָפען און די עלטערע זײַנען פער־בליעבען אין שאפ שפּיעלען אין קאַרדס.

ביז איך האָב זיך אויסגעקליעבען געהן אהיים, האָט אָנגעהויבען גיסען א שלאַקס רעגען. בעני, דער באָטען האָל מעקער, האָט מיך גע־נומען אונטער זײַן אָמברעלאַ און אָפּגעפיהרט מיר ביז צו מײַן הויז. איך האָב זיך אפילו געשעהמט געהן מיט איהם; אבער נאָכדעם האָב איך זיך מיישב געוועזן, אַז עס איז קיין שאַנדע ניט. ממה נפשך; וועט ער טאַקע זײַן מײַן חתן, איז דאָך געוויס גוט, טאָמער אפילו ניט, איז אויך קיין חרפה ניט, וואָס איז? מיט א פרעמדען באַי טאָר מען אונ־טער איין אָמברעלאַ ניט געהן?

געהענדיג האָט ער מיר געפרעגט, אויב איך בין אמאָל געגאַנגען אין א דענסינג סקול און איך האָב איהם געזאָגט דעם אמת, אַז ניט. ווי איך האָב פערשטאַנען האָט ער עס אָנגענומען פאַר א מעלה. א מיידעל — האָט ער געזאָגט — דאַרף זיך ניט אָפּגעבען מיט אזעלכע פּוסטע זאַכען. א מיידעל דאַרף זיך בעסער לערנען צו זײַן א גוטע ווירטהין, דאַרף קענען פיהרען א הויז; דאַרף וועןן זי האָט צייט עפּעס לעזען אום צו וויסען וואָס א וועלט איז; טאַנצען איז פון די זאַכען אָהן וועלכע מען קען זיך בעגעהן און עס איז שטענדיג גענוג פיעל מען קען.

וואָס זאָל איך זאָגען, איך גלייך איהם, דעם בעני׳ן. אזעלכע באָיעס זײַנען קיין סך ניטאָ. א מחיה מיט איהם צו ריידען. מײַן טאַטע און מײַן מאַמע האָבען אויך ליעב אזאַ מענשען. די טענצערס — זאָגען זיי — די לאָופערס, טויגען אַלע אויף פייער און די מיידלאָך וואָס קאָכען זיך אין זיי, זײַנען א סענט ניט ווערטה.

סילי איז היינט געוועזן ביי אונז. איך האָב אפילו ניט געהערט אין גאַנצען וואָס זי האָט מיט מײַן מאַמע גערעדט; אבער דאָס האָב איך יאָ געהערט, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט: זי איז נאָך אפילו א יונגע קינד, פון דעסטוועגען, אַז עס וועט זיך מאַכען א גלייכע זאַך, וועט מען זעהן. זאָל דער באַי ארויפקומען.

XXII.

עס האלט שוין אויף א דרך.

אויגוסט דער 28טער. — ווען איך בין היינט אריינגעקומען אין שאפ, האב איך געטראָפּען סילי'ן מיט בעני'ן ריידענדיג. סילי האט מיך צוגערופען און געזאָגט, אז בעני וויל צו אונז אין הויז ארויפקומען. ער וויל בעקאַנט ווערען מיט מיינע עלטערען. בעני האט, ווי עס זעהט אוים, זיך אביסעל פערשעהמט און איך האב זיך אויך פערשעהמט.

„זיינט איהר צופריעדען, איך זאָל צו אייך ארויפקומען?"—האט בעני געפרעגט — „ווארום ניט? — האב איך געענטפערט, — אז איהר וועט קומען, וועט איהר זיין א גוטער גאַסט." — די דאָזיגע ווערטער האבען זיך ביי מיר ארויסגעכאפּט עפּעס ניט ווילענדיג און איהם איז דער דאָזיגער אַנטוואָרט געפעלען געוועזן.

די שווארצע איז געקומען צו דער ארבייט מיט אן ארומגעבונ־דענעם קאָפּ. זי האט געזאָגט, אז זי ליידעט פון העד אייק; ווי איך פערשטעה אבער, האט זי זיך פון נעכטיגען פאַל שטארק צוקלאפּט, נור זי שעהמט זיך אויסצוזאָגען.

היינטיגען טאָג זיינען אלע מיידלאך געווען ברוגז אויף מיר, אפילו די געלע, וואס האט שוין מיט מיר אזוי גוט געלעבט, איז אויך געזעסען א גאַנצען טאָג אן אָנגעבלאָזענע. וואס האבען זיי אייגענטליך צו מיר, ווייס איך ניט.

דער ביגלער, וואָס האָט פערדעמערדזשט די רעק, האָט געבעטען דעם פאָרמאַן, אז ער זאָל פועל'ן ביים באָס, אז ער זאָל דעם שאָרען, וואס ער האט געמאכט, אויסצאָהלען ביסלאכווייז, ווייל ער מוז ברייג־גען אהיים פּיידע, ווען ניט וועט די פרוי זיינע קעהרען ווערטען. דער פאָרמאַן האט איהם אבער אָבגעשלאָגען די פּליעגעל און געזאָגט, אז א פערהייראַטהער מאַן דארף ניט געהן ערגעץ א גאַנצע נאכט טאַנצען מיט מיידלאַך און ער איז ווערטה, אז די ווייב זיינע זאָל איהם איינ־צאָהלען א פּאָרציע.

אזא יאָהר אויף מיר, ווי דער פאָרמאַן איז גערעכט.

XXIII.

ארונטערגעװאָרפען די מאַסקע.

אויגוסט דער 29טער. — בעני דער באָטען האָל מעקער איז נעכ־טען ביי אונז אין הויז געװען. די מאַמע מיינע, ווי עס זעהט אויס, האט זיך גערינכט אויף איהם. סילי די באָטען האָל פינישערין האט איהר מסתמא געזאָגט, אז ער וועט קומען. איך האב זיך געמאַכט ניט ווי־סענדיג; אבער די מאַמע האט מיר געגעבען אָנצוהערענים, אז איך זאָל זיך פערקאַמען און זיך אביסעל אויספוצען. איך וואָלט עס עניוויי געטהאָן. איך טהו עס אלע טאָג, וועז נור איך האב ניט קיין הויז אר־בייט. פאַראַז מיידלאַך, וואס זיי סטרויען זיך נור דאַמאָלס וועז זיי געהען ערגיץ און אין דער היים זיינען זיי שליאָמפּערקעס, פוילען זיך אפילו דעם פנים אָבוואַשען; איך אבער האב עס פיינד. א מענש דאַרף זיין קלין, זויבער, וועז און וואו ער זאָל ניט זיין. אזוי האט מיר די מאַמע געלערענט און אזוי פיהר איך מיך אויף.

מיט זיין קומען בין איך געװען העכסט צופריעדען. און וואס איי־גענטליך איז בעשטאַנען מיין צופריעדענהייט, ווייס איך אליין ניט. א גאַנצען אבענד איז ער ביי אונז געזעסען, מיר האבען געטרונקען טהעע צוזאַמען און מיין פאָטער האט מיט איהם גערעדט וועגען אזעלכע זאַכען, וואס איך האב, אין אמת זאָגענדיג, קיין בעגריף ניט. ביי מיינע עלטערען האט ער זעהר אויסגענומען. א זעלטענער באָי, א צאַצקע — האט דער טאַטע מיינער געזאָגט צו דער מאַמע, ווען ער איז אריין אין קיטשען נאָך א מעטש. איך האב עס צופעליג געהערט. בעני, דענק איך, האט עס ניט געהערט.

די מאַמע האט מיך אָבגערופען און געפרעגט, אויב מיר געפעלט דער באָי, און איך האב געשוויגען. איך האב אויפ׳ן אָרט קיין ריכטיגען אַנטוואָרט ניט געקענט געפינען.

יאק מאָלטשו, טאָ חאָטשו (אז איך שווייג, ווייל איך) האט די מאַמע בעמערקט. די מאַמע מיינע איז א פּראָסטע אידענע. זי האט ליעב אַבי וואס אריינגוואַרפען היימישע ווערטלאַך און אלעם מיט א געלעכ־

טער, מיט א שמייכעל. געזונד און שטארק זאָל זי זיין, ס'ארא וואוילע מאמעלע זי איז.

דער טאטע מיט דער מאמע האבען עפּעס צווישען זיך גערעדט אין קיטשען, נאָכדעם האט מיר דער טאטע צוגעפיהרט צו בעני'ן און געזאָגט: „קינדער, שייקט הענדס און זאָל זיין מיט מזל.”

בעני האט מיין האנד געדריקט אוןביידע זיינען מיר געשטאנען א היבשע ווייל'ע אָהן לשון. איך האב דאמאָלס עפּעס אזוי מאָדנע געפיהלט, אז איך קען עס ניט ארויסגעבען. אויב בעני האט אויך אזוי געפיהלט, ווייס איך ניט.

אין שאָפּ אריין בין איך היינט געגאנגען מיט דעם זעלבען חשק ווי איך בין געגאנגען דעם ערשטען טאָג, וואס איך האב אָנגעפאנגען ארבייטען; אבער מיט אנדערע אידעען, מיט אנדערע פאנטאזיעס. דאמאָלס האב איך געהאט א לוסט צו פערדיענען געלד, צו בעקאנט ווערען מיט נייע מענשען און היינט ליגט מיר ניט אין זינען קיין געלד, קיין חבר'טעס, נור איין בעני. עפּעס א מאָדנע בייגקעניש האב איך נאָך איהם, אז איך קען אייך גאָר ניט פאָרשטעלען. איז דיעזע בייגקעניש דאס וואס מען רופט ליעבע? איך דענק אז יא.

ביי דער ארבייט בין איך געזעסען א פערשעהמטע. איך האב ניט געוואגט צו קוקען אימיצען אין די אויגען, אקוראט איך זאָל בעגעהן א פערברעכען. מיר האט אויסגעוויעזען, אז מיין געזיכט איז עפּעס איבערגעאנדערשט געוואָרען און אלעס וואס עס איז נעכטען אבענד ביי אונז אין הויז פאָרגעקומען, איז אויפגעשריעבען אויף מיין שטערען. א מאָדנע זאך. וואס איז, דאכט זיך, פאראן צו שעהמען זיך? איך האב דען עפּעס גע'גנב'עט?

די מיידלאך, וואס זיצען מיט מיר ביי איין טישעל, האבען אפּנים עפּעס דערשמעקט און זיי האבען מיר גענומען פרעגען, אויב דאס איז אמת, אז איך בין א כלה געוואָרען. איך האב מיר געמאכט א הארץ און דערצעהלט זיי דעם אמת. א דאגה מיר, זיינען זיי מיינע גוטע פריינד, זאָלען זיי זיך פרעהען; זיינען זיי מיר שונאים, זאָלען זיי צו־פּוקעט ווערען. „גאָט גיט לייטען” — האבען זיי געזאָגט. איך ווייס ניט צו האבען זיי עס חוזק געמאכט אדער זיי זיינען מיר טאקי מקנא.

XXIV

דער אָפּערייטאָר און זיין ארויסהעלפער.

סעפּטעמבער דער 2טער. — היינט דינער טיים איז געווען א גאנ־צע זאווערוכע אין שאפּ. דזשאָו דער אָפּערייטאָר האלט אן ארויסהעל־פער פון זיין האנד, איז ער איהם שולדיג פאר דריי וואָכען וויידזשעס און ער וויל איהם ניט בעצאָהלען. דזשאָו זאָגט, אז ער איז א פּייערדי־נער סאָציאַליסט. שטענדיג טענה'ט ער, אז רייכע און אָרימע דארפען אויף דער וועלט ניט זיין. אלע, זאָגט ער, דארפען פון דער וועלט געני־סען גלייך. ווען איינער פערמעגט מעהר, דארף ער עס צוטהיילען צווי־שען די וואס האבען ניט. די סיסטעם פון די יעצטיגע געזעלשאפט, שרייט ער, טויג אויף כפרות, און זאָלאנג עס וועט עקזיסטירען קאפּי־טאל און ארבייט, איז די גאנצע וועלט א סענט ניט ווערטה.

מיט דעם דזשאָו טהוט זיך אלע מאל בראווארעס אין שאפּ. טאָ־מער ברייננגט אימיצער ארויף א פּיינט ביער, געהט זיך דזשאָו און גיסט זיך אָן א גלאָז אדער צוויי און טרינקט אויס, פונקט עס זאל זיין זיין אייגענע. עס איז ביי איהם רעכט אויפּעסען אימיצענס דינער, באָרגען געלד און ניט אָבגעבען. אזוי, זאָגט ער, דארף זיין. ער אליין נעהמט פאר זיין דזשאב 23 דאָלאר א וואָך. נעהמט ער פאר זיך 17 און דעם ארויסהעלפער גיט ער 6. וואו ער טהוט אהין זיין געלד ווייס מען ניט. אנדערע זאָגען, ער פערשפּיעלט אין קאָרטען, אנדערע זאָגען, ער פער'שכור'ט. ווייסט איהם דער רוח. סאי ווי סאי, דער ארויסהעלפער זיינער מאָהנט איהם פאר 3 וואָכען וויידזשעס און ער גיט איהם ניט אָב, האט זיך דערפאר אָנגעהויבען א קריעג און די גאנצע שאפּ איז געווען אויף רעדלאך.

אבער ווי זאָגט עס מיין מוטער: כלי זמר שפּיעלען און חתן כלה ליגט זייערס אין זינען. ניט איך, ניט בעני זיינען צום מאל צוגעגאנגען הערען זייערע טענות און קריעגערייען. מיר זיינען ביידע געזעסען און

גערעדט. די מיידלאך האבען אונז פון וויטענס אָנגעקוקט און מיר איז געווען אזוי גוט, אזוי אנגענעהם, א מחיה.

פאר נאכט בין איך צוזאַמען מיט בעני'ן געגאַנגען אהיים און ער האט מיך צוגעפיהרט ביז צו מיין הויז. איך האב שוין אויפגעהערט צו שעהמען זיך און איך האב איהם געבעטען, אז ער זאָל אין אבענד ארויפ־קומען; אבער ער האט מיר ערקלערט, אז ער וועט צו אונז אין הויז קומען צוויי אדער דריי מאָל א וואָך, ניט מעהר. ערשטענס ווייל ער וויל אין די אבענדען עפּעס לעזען און צווייטענס ווייל ער וויל מיר ניט שטערען, טאָמער האב איך עטוואס צו טהאָן אין הויז. עס קען זיין, אז ער האט רעכט.

XXV.

א ברכה אחרונה אויפ'ן שאפ.

סעפּטעמבער דער 7טער. — איך האב שוין זייט עטליכע טעג אין מיין טאָגע־בוך גאָר ניט געשריעבען, ווייל קיינע וויכטיגעס האט דורך דער צייט ניט פּאסירט. איבערהויפּט אינטערעסיר איך זיך ווייניג מיט אלעס וואס עס קומט פאָר אין שאפּ. איך בין עפּעס גאָר אַן אנדער מענש געוואָרען און מיר דאכט, אז די אָפּערייטאָרלאך און די מיידלאך וואס ארבייטען מיט מיר צוזאמען זיינען אויך אנדערש געוואָרען. זייט מען האט מיך אין שאפּ אָנגעהויבען צו רופען כלה, טשעפּעט מיר קיינער ניט און איך הער ניט פון קיינעם א שלעכט וואָרט. די מיידלאך זיינען אפילו מיט מיר ברוגז'לאך; אבער וועמען אַארט עס? איך לאַך שוין ערשט, אויף נאמנות פון גאַנץ אמעריקא.

בעני קומט צו אונז אָפּט ארויף. מיר פערברייניגען זיך גאַנץ שעהן ביי אונז אין הויז אדער מיר געהען ערגיץ. אויפ'ן סטופּ אדער אונטער'ן אָנינג ביים גראָסערי שטעהען מיר ניט. דאס, זאָגט בעני, איז ניט שעהן. ער לאַכט פון די פּאָארלאך וואס שטעהען ביי נאכט צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע אין די האָלס אדער אויף די סטופּס, ער זאָגט, אז דאס

איז ניט אנשטענדיג. א מאָדנער מענש, מיין בעני, אלעס איז ביי איהם אויסגערעכענט אויפ'ן האָאר. אפילו אין הויז ביי אונז, ווען ער קומט, זיצט ער אויך ניט שפעט. נאָך זיין שכל קומט אויס, אז זיצען שפעט און פערברייינגען מיט א כלה פאסט אויך ניט. פיעלייכט וויל עס מיין טאטע אדער די מאמע ניט ליידען. אלעס, זאָגט ער, דארף זיין מיט א מאס, אפילו ליעבע אויך — מסתמא וויים ער וואס ער רעדט.

היינט האב איך זיך צוזעגענט אין שאפ מיט מיינע חבר'טעס. איך וועל שוין מעהר ניט געהן ארבייטען. בעני לאָזט מיך ניט. ער הייסט מיר זיצען אין דער היים און לערנען זיך צו זיין א ווירטהין. א שאפ מיידעל, זאָגט ער, האט קיין צייט ניט צו טהאָן הויז ארבייט, ווער שמועסט עפעס לערנען, אודאי ניט. ער קען בעשטעהן, זאָגט ער, אז זיין כלה זאָל ניט זיין פערקויפט ביי אימיצען און בעסער זיצען אין הויז און ווערען מעהר מענש. א דאנק איהם, מיין בעניל'ען, איך בין טאקי פון שאפ ניט אזוי שטארק צופריעדען.

אצינד וועל איך אָנהויבען פיהרען גאָר א נייע וועלט, גאָר א נייעס אָרט לעבען, א נייעס און א בעסערען ווי דער לעבען פון א שאפ מיידעל.

די שלעכטע שנור

אינטראָדאַקשאַן

די שלעכטע שנור שטעלט פאַר א טיפּ פון א בייזע ווייבעל, וואס לערענט בלק מיט איהר שווער, וואס האלט זיך אויף ביי איהר אין הויז. זי גיט איהם פעפער צו שמעקען אויף יעדער שריט און טריט, אזוי ווי עס פּאַסירט זעהר אָפט, ווען מען איז אויף די עלטערע יאָהרען ביי קינדער.

דער אלטער שווער איז אפילו ביי זיין זוהן ניט אויף לאַסקאַווען ברויט. ער האט איהם פאַראויס בעצאָהלט פאר זיין ברויט און נאַכט־לעגער. ער האט איהם געגעבען געלד אויף א ביזנעס און איהם געשטעלט אויף די פיס. די שנור וויל עס אבער ניט געדענקען און זי האלט דעם אלטען פאר אן אָנשיקעניש און זי שטערט איהם דעם לעבען וואו ער קעהרט זיך און וואו ער ווענדט זיך.

ער איז א אידישער קעניג ליער, דער אַלטיטשקער. ער שווייגט נעבאָך און ער איז אלעס מקבל באהבה. ער זיפצט נעבאָך אויף זיין ביטערען מזל, אבער ער קען זיך ניט העלפען. ער הערט אויס דער שנור'ס פּזמונים, די בלבולים, וואס זי מאַכט אויף איהם, און שאַ.

„די שלעכטע שנור" איז ניט גענומען פון דער פאַנטאַזיע, זאָנ־דערן א טיפּ פון א פרוי, וואס מיר בעגעגענען זעהר אָפט און פיעלע קענען זיך אליין דערקענען לעזענדיג איהרע פּזמונים.

I.

פֿון אַ שווער איז שווער צו לײדען.

אַן אָנשיקעניס איז אויף מיר דער אַלטער. איך האב חתונה געהאַט מיט איין מאַן און אַ דיענסט דאַרף איך זיין ביי צוויי! איך וואָלט אפשר אויפראָמען אין הויז, ארויסגעהן ערגיץ אביסעל, האט נאָך דער אַלטער ניט אָבגעגעסען. חסיד'ישע הכנות איז ביי איהם, דריי שטונדען געדויערט ביז ער קלייבט זיך צו צום עסען, און זעצט ער זיך שוין ווי עס איז עסען, פֿערגעסט ער ווען אויפהערען. איך וואָלט, דאַכט מיר, בעסער צעהן פרעמדע באָרדערס געהאַלטען, איידען פֿאָרקען זיך ארום איהם איינעם.

מיט אַ באָרדער, ווי די זאַך איז, האב איך כאָטש קיין מורא ניט פֿאר לייטישע רייד. געפֿעלט איהם ניט, איז ווי ער וויל זיך. זאָל ער זיך געהן זוכען עפּעס בעסערעס. מיט דער אַלטער פֿליאַגע אבער איז אַן אנדער צרה, איך מוז זעהן יוצא זיין פֿאר לייטען. טאָמער עפּעס ניט אזוי, זאָגט ער, אז די שנור זעהט איהם ניט צו, אז די שנור האַלט איהם ניט עהרליך און באַלד געפֿינען זיך פֿרומע נשמות וואס זאָגען מיר מוסר, און גיה ענטפֿער אלעמען אַ תירוץ.

ביי לייטען זאָגט מען: אַן אלט מענש דאַרף גאָר ניט, אַן אלט מענש אין אַ געזינדעל מישט זיך אוים. עס קען זיין. אַן אלטער צו אַן אלטען איז ניט גלייך. אפשר זיינען טאַקי פֿאַראַן אַזעלכע. מיין פֿליאַגע אבער דאַרף שטענדיג האבען אַ מענשען נעבען זיך. איך מוז זיין שטענדיג צוגעבונדען צום הויז צוליעב איהם און איך קען ערגיץ אַ טריט ניט ארויסגעהן.

אַ טובה האט ער מיר געטהאָן, דער אלטער, האט מיר קיין פֿאראיבעל ניט, ער האט מיר געגעבען געלד צו מאַכען אַ ביזנעס! מיר וואָלט ליעבער געוועזען ווען מיין מאַן וואָלט געוועזען אַן ארבייטער, אַבי

ניט אָנקוקען אזא מיאוס'קייט אין מיינע אויגען. ניט געשטראָפט זאָל איך ווערען פאר די רייד, עס איז דאָך מיאוס מיט איהם ביי איין טיש צו זיצען.

לייט זאָגען מיר: ער איז א קלינער, ציכטיגער איד. וואס האבען זיי געוואָלט, מען זאָל איהם, איך בעט אייך צו פערצייהען, דארפען דייפערן? א לאָסקע זאַך, א איד וואס טהוט גאָר ניט, געהט ארום זיך ריין! וואס איז ער עפּעס, א בייבי?

און דאס קען ער זיך אַלץ האַלטען קלין, ווייל ער איז ביי מיר, ווייל איך זעה ער זאָל האבען א ריינע העמד, א ריינעם דזשאָמפּער. ווען ער זאָל האבען אַן אנדער שנור, וואָלט ער ניט געווען א ציכטיגער איד. און מיינט איהר, אז עס איז ביי איהם אָנגעלייגט? א נעכטיגער טאָג! ער וואָלט וועלען איך זאָל איהם געבען כאָטש דריי דזשאָמפּערס א וואָך. דאכט זיך, שוין אַן אלטער מאַן, דער קאָפּ איז איהם שוין בעדעקט מיט בית הקברות בלעטלאָך, מיט ווייסע האָאָר, און ער האט נאָך חשק צו סטרויען זיך ווי א יונגער מאַנטשיק!

ווייניג איז איהם, אז איך גיב איהם א דזשאָמפּער איין מאָל אין צוויי וואָכען! קרימט ער זיך און לאָמעט זיך און וואָלט מעגליך געווען וואָלט ער מיך א לעבעדיגע איינגעשלונגען. ער גלייכט זיך צו מעקסי'ן, גלייכט ער זיך! ער פערגעסט זיך גאָר, דער אלטער תרח, אז מעקסי מיינער איז נאָך א יונגער מאַן און קומט צווישען מענשען; ער אבער האט שוין, אויף נאמנות, בעסער געדארפט טראַכטען וועגען תכריכים איידער וועגען דזשאָמפּערלאָך.

ער מיינט אפנים, אז עס וואַשט זיך אַליין. ער מוז דענקען, דער אַלטער נארר, אז מען זאָגט א פּסוק אדער א קאַפּיטעל תהילים און די וועש ווערט ריין. אָהאָ! זאָל מיינע שונאים אזוי שווער אָנקומען די מיתה משונה, ווי שווער עס קומט אָן ביז מען צוואַוואַשט און מען צו־פּרעסט די וועש.

א מאָדנע זאַך, אין אַמעריקאַ ווערען אַלע יחסנים! אין דער היים האט ער אודאי געטראָגען א גראָבע לייוועגדענע העמד און דאָ איז ער א דזשענטעלמאַן! א גאַנצער ספּאָרט ווילט זיך איהם זיין! אַלבעטשע, אז אין דער היים איז ער געגאַנגען אין שטיוואַליעס מיט אָניצעס אויף די פיס און דאָ, גיב איהם אַלע מאָל ריינע סקאַרפּעטקעס, אַגדערש פּאַסט איהם ניט! אוי, קאָלומבוס, קאָלומבוס.

ער אליין לאכט פון די ווייבער פאר וואס זיי סטראַיען זיך. ער חכמה'ט זיך און זאָגט אַלע מאָל אַן אַנדער המצאה. עס געפעלען איהם ניט די קאָרסעטען, די העטס, די קליידער, און אליין היט ער אָב, אז דער רעקעלע זאָל איהם זיין צום טאַקט, אז די תחתונים, האט מיר קיין פאראיבעל ניט, זאָלען זיין צו דער מאָס און קיין שפּרינקעלע זאָל אויף זיי ניט קומען. אַקוראַט עפּעס ווי א מיליאָנער פון פינפטע עוועניו.

וועל, ווען איך זאָל זיך ניט דאַרפען מיט איהם באַדערען, וואָלט מיך ניט געאַארט. א דאגה האב איך, זאָל ער זיך פּוטצען, זאָל ער זיך סטראַיען. איך וויים? אפשר וויל ער נאָך אויף דער עלטער א חתן ווערען — הלואי זאָל איהם גאָט געבין אזא זינען. איך וועל, איך זאָל אזוי געזונד זיין, אויף זיין חתונה טאנצען א קאָזאַצקע. איך וועל איהם נאָך א שעהנעם דרשה געשאַנק געבען, אבי איך זאָל פון איהם פּטור ווערען.

כאַ, כאַ, כאַ, איך לאַך צו זיך אליין. חתונה וועט ער האבען! מיט'ן מלאך המות סיידען! ווער וועט עס איהם אויסכאַפּען? ניט זינדיגען זאָל איך מיט די רייד, ווען איך זאָל אפילו זיין א אידענע פון נייַנציג יאָהר, וואָלט איך אויך אזעלכען ניט גענומען.

אָט זיצט א מענש און עסט. ווען מען זאָל זיך צוקוקען כאָפּט דאָך אָן א נוד. א נישטגוטקייט כאַפּט ביים הארצען, ווי ער קייט זיך פּאַוואָלינקע, קוים וואס ער ריהרט זיך. ער מיינט אפּנים, אז ער האט צייט האבען אַלע צייט! איך שטעה, אויף נאמנות, ווי אויף שפּילקעס. איך וואָלט וועלען ער זאָל שוין אמאָל אָבפּראַוועז די סעודה און איך זאָל קענען אויפקלינען אין הויז, און איהם אַארט עס ווי די וואַנד! וואס קעהרט ער פאר אימיצען?

אמאָל געדענק איך, פּלעגט מען זאָגען, אז אַן אַלט מענש איז א ברכה אין הויז. אוי, קיין גרעסערע ברכות זאָלען די וואס ווינשען מיר בייז ניט האבען פון גאָט! א קללה איז עס, ניט א ברכה, צו ליידען פון אזא אַלטען ווי מייגער איז. מען קען דורך איהם גאַנץ גיך צו גאָט קומען, ווי איהר זעהט מיך לעבען.

זעהט איהר? א שווינער א רעכטע, וועמען גאָט העלפט, איז טאַקי יאַ א ברכה. ווי די מעשה איז, אז מען האט א אידענע אין הויז, טהוט זי עפּעס, העלפט זי עפּעס, פּאָלגט זי אמאָל א גאַנג, ניאַנטשעט

זי א קינד; הכלל, מען קען פון איהר האבען א שטיקעל נוטץ; אבער פון א שווער איז טאקי שווער צו ליידען.

אָט זיפצט ער שוין דאָרט, די קלאָג מוטער. וואָלט איהם אימיצער פרעגען וואס ער האט צו זיפצען? וואס פעהלט איהם, וואס? קיין הונגער, חלילה, דאכט זיך, ליידעט ער ניט. קיין קעלט אויך ניט. א פרעמדער מענש זאָל הערען, וואָלט ער געמיינט, אז מען גיט איהם אפשר ניט עסען, צו ווייס איך וואס פאר א שלעכטעס מען טהוט איהם. רבונו של עולם, קיין ערגערען עלטער זאָל איך ניט האבען, ווי ער האט ביי מיר.

אבער גאָט דער לעבעדיגער אין הימעל ווייסט, אויב איך וועל דערלעבען זיינע יאָהרען. ליידענדיג אזוי פיעל, האָבענדיג אזוי פיעל עגמת נפש, קען מען אויף דער וועלט לאנג ניט געוועלטיגען.

II.

הימעל און ערד און דער אלטער.

א ציקאווע זאך מיט דעם אלטען, וואו מען זעעט איהם ניט, דאָרט וואקסט ער! די הויז איז פאר איהם צו קליין און עס קומט אויס, כאָטש געה דינג אָב אן עקסטרא פלעט פון זיינטוועגען.

איך וויים ניט, ווי האט עס א מענש אזא טשיק צו צושפרייטען זיך אזוי אין הויז. אמת טאקי ער איז ניט אין דער פרעמד, אבער פון דעסטוועגען דארף מען דאך האבען גאָט אין הארצען און מען דארף דאך איבערדענקען, אז א זוהן אדער א שנור זיינען אויך מענשען! ווי אזוי פועל'ט עס א איד ביי זיך צו צולאָזען זיך אזוי אין א הויז? נעווער מיינד, אן עדעלמאַן טהוט עס ניט.

צו וועלכע כפרות דארף איך פינף רומס? און דריי וואָלט פאר מיר ווייניג געווען? האב איך אבער א פליאגע אויף מיין קאָפּ און איך האב זיך ניט וואו הינצוטהאָן אפילו אין די פינף רומס! עס קאָסט אָב

אזוי פיעל געלד און קיין הנאה האב איך ניט. איך ווייס דען עפּעס, וואס איך בין א בעל הבית'טע אין הויז? איך בין ביי מיר אין דער היים אקוראט ווי אין דער פרעמד! ניט איך האב וואו צו זעטצען זיך, ניט איך האב וואו צו לייגען זיך און ניט איך האב וואו הינצעטהאָן עפּעס.

פרעס איך אוים א ווייסטעל, האב איך עס ניט וואו אויפצו־הייגען. עס קומט מיר אוים כּאָטש טראָג עס ארונטער אין סעלער. אין הויז האב איך אפילו קיין פּלאַטץ ניט פאר א שטיקעל ווייסטעל! וואס איז? דער קלאָזעט איז פערנומען מיט'ן אלטעז תרח'ס זאכען. דאָ הענגט זיין שבת'דיגער רעקעל; דאָ, איך בעט אייך צו פערצייהען, זיינע תחתונים, און איך דארף זיך שטיקען און ווארגען און ניט האבען וואו אויפצוהייגען מיינעם א בגד.

דארף איך עפּעס געפינען אין קלאָזעט, פערדרעה איך מיר מיין קאָפּ זוכענדיג. א גאַנצער וואלד איז דאָך דאָרטען! מען קען דען דער־געהן א טאָלק מיט א לאָד?

אין קלאָזעט דארפען הענגען זיינע זיידענע בגדים, אנדערש פּאַסט איהם ניט, דעם גראף פּאָטאָצקי! נאָך אפשר געדארפט קויפען פאר איהם אַן עקסטרא אלמער פאר קליידער! אין אמת'ן, אזא פריץ ווי ער איז, א קלייניגקייט איז עס?

וואס בורטשעט איהר שוין דאָרט? איהר ווילט אפשר ניט ליי־דען וואס איך זאָג אן אמת? טאָ ווי איהר ווילט זיך! איהר ווייסט ניט וואס מען טהוט? אז עס געפעלט ניט די לאזשי מופט מען ארוים! פּרובירט אדרבה וועט איהר זעהן, אויב אימיצער וועט אייך לאָזען אזוי פיעל צושפּרייטען זיך אין א הויז, ווען אפילו איהר וועט צאָהלען פינף און צוואַנציג דאָלאַר א וואָך. איך האב דאָך ניט וואו זיך א קעהר צו טהאָן צוליעב אייך. אומעטום זיינט איהר דאָך פול. וואו ניט? אין קיטשען, אין דייניגג רום, אין פראָנט רום, איבעראל פּלאָנטערט איהר זיך אונטער די פיס.

טאָמער וואָלט איך זיך וועלען צולייגען אויף א ווייליע, איז דער לאָנדזש פערנומען, מיין שווער האט זיך אביסעל צוגעשפּאַרט! א קאַטאָוועס, אַן אָנגעהאָרעוועטער מענש, א צער בעל החיים נעבאָך! א איד וואס איז שוין אלט אפשר אכציג יאָהר האט זיך שוין, אויף

נאמנות, געמענט צושפּארען ערגיץ אנדערש. ביז ווי לאַנג איז דער שיעור? מתושלח׳ם יאָהרען דאַרף א מענש לעבען? גענוג! אָבגענומען דעם חלק אויף דער וועלט, געהט מען זיך געזונדערהייד אין גן עדן און מען לאָזט אַנדערע לעבען.

מיך וואָלט ניט געאַארט. פון מיינטוועגען זאָל ער לעבען נאָך אמאָל אזוי פיעל; אבער ער זאָל מיר ניט אזוי קריכען אין די ביינער. עס איז דאָך אונמעגליך אויסצוהאַלטען פון איהם, ווי איהר זעהט מיך א אידישע טאָכטער; ער מאכט דאָך מיר ענג, אז עס קומט מיר אוים, כאָטש אנטלויף! ביי לייטען איז אויפגעפּוצט א פראָנט רום, אז עס איז א מחיה צו קוקען און ער מאכט מיר שטענדיג א הקדש! איך קלין, איך ראַם, איך ארבייט מיט דער גאַל, שונאי ישראל, און ער קריכט אריין מיט זיינע פים און מאכט מיר א תכלית פון אלעם!! איך פערגין זיך ניט אריינגעהן אין פראָנט רום, און ביי איהם איז דער פראָנט רום און די קיטשען אלעם איינס! איבעראַל איז ער דאָ, הימעל און ערד און דער אַלטער! טפו, ס׳ארא מאָדנע ברואים זיי זיי־נען די אַלטע.

עס איז דאָך צו בעוואונדערען, איך זאָל אזוי לעבען. א מענש זאָל ניט האבען קיין שטענדיגען פּלאַטץ, איז נור ער דרעהט זיך אום דאָ אהין, דאָ אהער! וויל איך זיך אמאָל זעצען ביים פענסטער איז ער דאָ! דאַרף איך עפּעס טהאָן אין קיטשען, מישט ער זיך אריין אזוי ווי א שטן! ער קען זיך גאָר קיין אָרט ניט געפינען; וואָלט מעגליך געווען, וואָלט ער די גאַנצע הויז פערנומען.

איך יאָג איהם אום אזוי ווי א רשע אויף יענער וועלט, זאָגט ער! איך וויים ניט ווער יאָגט וועמען, איך אייך, צו איהר מיך! אימיצער וואָלט הערען, וואָלט מען מיינען אין אמת׳ן, אז איך טרייב איהם. ווער טשעפּעט אייך, ווער? וואָלט איהר מיך אזוי ניט געטשעפּעט, װי איך טשעפּע אייך ניט.

וואו איז עס געהערט געוואָרען, אז א מענש זאָל דאַרפען האבען נאָך א מענשען, וואס זאָל איהם אונטערראַמען? אָט איז אונטער׳ן לאָנדזש פערשטעלט מיט זיינע שיך! קיין אנדער אָרט האט ער ניט וואו אוועק צו שטעלען זיינע שטעק שיכלאָך!...

וואו דען זאָלט איהר זיי הינטהאָן? אויפ׳ן מענטעל־פּיעס שטעלט

זיי אוועק, אדער אויפ'ן סייד־באָרד! פאר וואס ניט? מען וואָלט עס, אויף נאמנות, ביי אייך גע'פועל'ט, פון אייער צד וואָלט געווים קיין מניעה ניט געווען! איהר בראקירט דאָך מיט קיין זאַך ניט, פאר אייך איז דאָך רעכט אוועקלייגען דעם העט אויף א טשער פון סעט אויך, געוואָהנט פון צו הויזע, אין דערהיים אודאי אליין געזעסען אויף א הילצערנעם ביינקעל מיט דריי פיסלאָך און דאָ דארף די העט ליגען אויף א ווייכען טשער! קוק איהם נאָר אָן, דעם פריץ.

אבער וואס זאָל איך ריידען? אדער וואס וועט העלפען מיין ריידען? גאָט האט מיר צוגעשיקט א צרה'נקע און איך מוז זיך מיט איהר האַלטען. און שולדיג אין דעם איז מאקס! אָן אמת מעג מען זאָגען אפילו אויף אן אייגענעם מאָן. ער האט זיך בענאַרעשט, מיאוס בענאַרעשט. ער האט זיך אָנגעכאפּט אָן די עטליכע פערדאמטע הונ־דערטער, וואס דער אַלטער האט איהם געגעבען, און ערשט געהט עס מיר ארוים באַקאַם.

וואס? איהר האט מיך געשטעלט אויף די פיס? ווען ניט איהר וואָלט מאקס פערבליעבען אן ארבייטער? טיא, טיא, טיא, מאכט נור ניט אזא אָנשטעל! אויב איהר ווילט וועל איך אייך מאכען א חשבון, אז איך האב אייך שוין גענוג אָבגעדיענט פאר אייערע פּאָאָר הונדערט טאָליאַרעם און דאט'ם אַלל! זאָל נור מאקס קומען, וועל איך איהם איינצאָהלען א חלק, אז ער וועט מיר האבען צו געדענקען. וואס איז עפּעס, ער זאָל מיר פערזעצען פאר א דיענסט ביי זיין טאטען? אין אמעריקא קען מען קיין טאטעס ניט פערזאָרגען, אין אמעריקא האט יעדער איינער צו טהאָן פאר זיך און אן אלטען טאטען גיט מען אריין אין א האָום, איהר ווייסט דערפון?

יע, יע, מיסטער לעבען. איהר וועט מוחל זיין, זיך ארויסקלייבען פון דאַנען. איך האב שוין גענוג געליטען פון אייך און מעהר בין איך ניט מחויב, אפילו גאָט אליין וואָלט אויך מעהר ניט הייסען.

III.

איבעראל שטעקט ער דעם נאז.

אומעטום שטעקט ער אריין זיין נאז, דער אלטער, אקוראט אימי־צער זאל ביי איהם א דעה פרעגען. טאמער דארף מען עפעס ריידען, אהא, יאנקעל אין מיטען! ער איז דא און מישט זיך אויך אריין! עס קומט אויס, כאטש געה און אנטלויף ערגיץ. טפו זאל ער ווערען! אין מיין איינענע הויז זאל מען ניט וואלנע זיין א ווארט צו ריידען.

א מאדנע זאך, אז אלטער איד זאל זיין אזוי ציקאווע. ווי ער דערהערט נאר א שארך, קומט ער באלד צולויפען און ער דארף שוין ויסען וועגען וואס מען רעדט. זיין באבעס דאגה איז עס! זייט איך לעב, האב איך נאך אזא מאדנעם נפש ניט געזעהן.

ביי לייטען אז אלט מענש איז טויב, און ער הערט נאך מעהר ווי מען דארף! טא הער זשע און שווייג — ניין, דאס ניט! מוז ער זיך אין יעדע זאך אריינמישען. מוז ער אריינשטעקען זיין צונג, דער אל־טער תרח און מען קען איהם ניט אבטרייבען אקוראט ווי א בייזען הונד! איך בעט זיך ביי איהם מיט גוטען: שווער, מישט זיך ניט, שווער, זאל אייך דער קאפ ניט וועה טהאן, שווער, זיצט אויף אן ארט און קריכט ניט אהין וואו מען דארף אייך ניט; אבער רייד צו איהם און רייד צו דער וואנד איז אלעס איינס, ער טהוט זיך זיינס.

דהיינו, למשל, א שטייגער, אז איך רייד לענגער מיט מיין מאקס'ן אז ער זאל מיך שיקען אין קאונטרי, מישט ער זיך אריין, דער אלטער כלב, און זאגט, אז מען דארף ניט! און רעדט זיך, דאכט זיך, מיט אזעלכע זיסע ריידעלאך: „טאכטערקע, ניט כדי איבערלאזען א שטוב אליין אין דער היים, אז גאט העלפט, אז מען איז געזונד, איז דער בעסטער פלעזשור, זאל זיין איה"ש איבער א יאהר וועט זיין בעסער די צייט, וועלען מיר אלע פאהרען" — ער ריכט זיך נאך, דער אלטער, צו לעבען כאטש פופציג יאהר! ער מיינט ער איז נאך א יונגער מאנ־טשיק! ניטא, אויף נאמנות, ווער עס זאל לאכען.

און וואס איז ער אויסען געוועזן, דער פאסקודניק? ער האט

מורא געהאַט, אז ווען איך וועל אוועקפאָהרען, וועט איבערגעהן די האָרלע זיינע, וועט ער ניט האבען ווער עס זאָל איהם אונטערטראָגען אונטער'ן נאָז דעם עסען. זייט איך בין א שטיקעל מענש האב איך נאָך ניט געזעהן, אז א איד זאָל אזוי זיין אריינגעטהאָן אין דער אכילה.

און ער האט אזוי לאַנג גערעדט, גע'טענה'ט, ביז ער האט אויס־געפיהרט און איך בין טאקע אין קאָנטרי ניט געפאָהרען. א פּיסק האט ער, אז ער קען צעהן איבעררייידען, ווער האט עס כח אויסצו־טענה'ן זיך מיט איהם?

איך פרעג אדרבה, אז איך רייד זיך אמאָל איבער מיט מיין מאַן, האט ער זיך עפּעס אריינצומישען? וואס איז עס זיינע חזיר'שע ביז־נעס? ער איז מיין מאַן, ערשט צוקריעג איך זיך מיט איהם און שפּע־טער וועלען מיר זיך איבערבעטען! ניין, קען ער זיך ניט איינהאַלטען און ווי נור ער דערשמעקט, אז איך האב זיך מיט מאקס'ן צוואָווער־טעלט, איז ער שוין דאָ מיט זיינע מגידות, מיט זיין מוסר, אקוראַט אימיצער בעט איהם, ער זאָל זיין א רודף שלום'ניק! איך בין זיך מודה ומתודה, אז ווען איך זאָל ניט מורא האבען פאר גאָט, וואָלט איך איהם בשעת מעשה מיט עפּעס אין קאָפּ דערלאַנגט.

אדער מען זאָל פרעגען עני באָדי: דארף א איד, וואס זיצט, ווי מען זאָגט, אויף לאָסקאָוועז ברויט, זיך מישען אין די קינדער'ס ביזנעס? מיר דאַכט, אז אזעלכער האט געדאַרפט זיצען ווי א צוצי־קעל און דאנקען גאָט אבי מען טשעפּעט איהם ניט; לסוף, ווי מען רעדט נור אויס א וואָרט, רוקט ער זיך צו אקוראַט ווי א קאַטץ, ווען זי דערשמעקט, אז מען געהט צום טיש עסען! ער וועט זיך נאָך, האב איך מורא, אָנהויבען מישען אין קיטשען אויך און ער וועט מיר א דעה זאָגען וואס צו קאָכען.

קומט אמאָל אריין א מענש און מען הויבט עפּעס אָן שמועסען וועגען ביזנעס, אהא, גוט שבת, יאכנע, מיין שווער איז דאָ! און נאָך מיט אזא ברייטקייט, אז עס איז מיר א חרפּה און א שאַנדע. פּע, חלשות, אַן אַלטער איד, וואס הענגט אויף די קינדער'ס קארק, דאַרף זיטצען שטילינקער הייד אונטער'ן אויוועז.

הא? וואס זאָגט איהר, איהר זיטצט ניט אויף אונזער קארק? איהר עסט ניט קיין לאָסקאָוועז ברויט? איהר האט פאר אייערע קעסט

פאראוים בעצאָהלט? נו, איז וואס זשע ווילט איהר, פון א קנעפּעל רעשטע? ווארט א ביסעל, וועל איך אייך אונטערשיקען! אן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ, אייביג וועל איך זיך שוין פון איהם ניט אָבצאָהלען.

אין אמת'ן, אימיצער זאָל הערען, וואָלט מען מיינען, אז ער האט מיך גליקליך געמאכט. שטענדיג נור ער ווארפט מיר אויף, אז ער האט מיר געגעבען, אז ער האט מיר אויף די פיס געשטעלט, און וואס טהוען אזעלכע, וואס האבען ניט קיין שווערס, לעבען זיי ניט? הלואי וואָלט איך אייך ניט געקענט, וואָלט איך פיעל געזינטער געוועז. איך וואָלט אפשר מיט פופציג יאָהר מעהר געלעבט, ווען איך וואָלט אייער פנים ניט אָנגעקוקט. איך האב דאָך פון אייך די גאַל אין מויל, האב איך דאָך. זאָל נור קומען מאקס, איז וואס מיר קלעמט אויף מיין הארצען, וועל איך אויסלאָזען צו זיין קאָפּ.

קוקט איהם נור אָן. ער וויינט שוין! וואס איז היינט, תשעה באב, צו יום כפור? געהט אייך, זייט מוחל, ערגעץ אנדערש וויינען, ניט ביי מיר אין הויז.

שא, דו ביזט שוין דאָ, מאקס? גוט, וואס דו ביזט געקומען. האָסט א הענקערשיף? געה וויש אָב דיין טאטען די אויגעלאָך. געה זעה ווי ער בעקלאָגט מיך און דיך לעבעדיגערהייד.

סעי, מאקס, זאָג מיר נור בין איך מחויב צו ליידען אזוי פיעל פון דיין טאטען? דאכט זיך, אז ניט, אין מיינע תנאים שטעהט עס ניט געשריעבען.

וואס טהוט ער מיר, פרעגסטו? וואס האָסטו געוואָלט ער זאָל מיך אָנשלאָגען? זעהסטו אויף אזוי פיעל וועל איך שוין קיין נאר ניט זיין, שלאָגען וועל איך זיך ניט לאָזען! אין א שטעקען, זאָגט מען, זיינען פאראן צוויי עקען און מעהר וואָלט איהם ניט געפעהלט ער זאָל אויף מיר א האנד הויבען.

וואס דען טהוט ער מיר? ער מאכט מיר גלאַט דעם טויט! וואס איז, דו ווייסט עס ניט? א מאן ביזטו? אזא יאָהר אויף מיינע שונאים! א שעהנע ווערדע האט ביי דיר א ווייב! אזוי ווי דער טאטע, אזוי דאס קינד, דאס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון דעם בוים. אויף איין תליה מעג מען אייךביידע אויפהענגען.

אז אָך און וועה צו מיין פינסטערען מזל, וואס פאר א ווערדע

קען איך שוין ביי איהם האבען, אז דו האלטסט אויך מיט איהם. ווען ער וועט מיר אפילו אויפ'ן קאָפּ ארויפקריכען, וועסטו אויך שווייגען. איך זעה דאָך ווי דו קימערסט זיך פאר מיר. צו האב איך אמאָל גע־הערט דו זאָלסט איהם זאָגען: אַט, טאטע, מיש זיך ניט, אַט, טאטע, זאָל דיך ניט ארען, קיינמאָל ניט! ווי דער שמאטע עפענט זיין געמבע, זיצטו ווי א גולם און כאָטש מעלק דיך אויס! אויב דער טאטע דיינער איז ביי דיר אזוי הייליג, האָסטו ניט געדאַרפט חתונה האבען.

סעי, מאקס, איך זאָג דיר איינמאָל פאר אלע מאָל, אז איך וויל ניט, אז דער אַלטער זאָל זיך אין אלעם מישען. וועל איך עס אויס־פיהרען, איז אָלל־רייט; ווען ניט, וועל איך אָבטרעטען, אדער איך וועל איהם מאכען אזוי ענג, אז ער וועט מיר אָבטרעטען. איך האב שוין גענוג געליטען און דהאָט'ס אָלל.

IV.

אדם א מענש, דער אַלטער א רבי!

א צאַצקעוואַטער אידעל, דער טאטע דיינער, מיט איהם אויס־צוקומען, דאַרף מען זיין פון די אבות.

מען דאַרף שוין, דאַכט זיך, קיין גרעסערע איינגעהאַלטענע, ווי איך בין, פון דעסטוועגען מוז איך זיך מיט איהם קריעגען. אן אייזערנע האַרץ דאַרף מען האבען צו פערשווייגען אלעס. וואס ווייסטו, מאַק־סעלע, וואס איך לייד זיך איבער פון איהם! איין טאָג זיין מיט איהם אין הויז, איז א גרעסערע אָבקומעניש ווי פריזאָן, ווי קאַטאָרגע, איך זאָל אזוי געזונד זיין.

האט ער זיך ממציא געווען א נייע זאַך! האט זיך גאַר גענומען לערנען די קינדער! אדם א מענש און ער א רבי! ער האט ניט וואס צו טהאָן, טשעפּעט ער זיך צו אַלעמען! סעי, קענסט איהם זאָגען, דעם שמאַטע דיינעם פון מיינטוועגען, אז אין הויז איז פאראַן א

וואַנד און ער האט א קאָפּ און אז ער האט ניט וואס צו טהאָן....
ווייסטו דאָך שוין.

זעהסטו, זיך שלאָגען קאָפּ אן וואנד, וועל איך איהם אסור זשאַ־לעווען; אבער אז ער טשעפּעט די קינדער, קען איך ניט ליידען! איך בין א מאמע און איך וויל ניט, אז אימיצער זאָל א דעה האבען אויף מיינע קינדער! מעגסט איהם זאָגען, אז עס וועט זיין מיאוס אויב ער וועט נאָך אמאָל זיין א רבי ביי זיי. איך בין איהם מוחל די טובה, זאָל איהם נור ניט דאַרען דער מח פאר מיינע קינדער.

וואס טהוט ער זיי? וואס האָסטו געוואָלט זאָל ער זיי טהאָן? איינשלינגען לעבעדיגערהייד? וואָלט מעגליך געווען, וואָלט ער דאס אויך געטהאָן! עפּעס א קלייניגקייט ס׳ארא רשע מרושע ער איז? א רעגולער וואָלף, ער קען דאָך א מענשען ניט אָנקוקען.

טאָמער טהוט טשארלי א דזשאָמפּ ווערט ער א פּערצאפּעלטער, דער אַלטער! דער טייפעל, ניט אין שטוב געדאכט, כאַפּט איהם צו! וואס איז? מען וואוינט אונטען, זאָגט ער, און מען דאַרף ניט קלאַפּען יענעם אין קאָפּ. פּרעמדע קריוודעס נעהמט ער זיך אָן, דער אַלטער תרח, אַקוראַט אימיצער בעט איהם.

און די שכן׳טע פון אונטען לויפט אַלע מאָל ארויף מיט קולות, אז מען קלאַפּט איהר אראָפּ דעם סילינג, אז זי קען ניט איינזיצען אין הויז צוליעב מיינע קינדער. איך וואָלט שווערען, אז דער אַלטער פיהרט עס איהר אָן, אז זי זאָל אַלע מאָל קומען מיט טענות. וואַרט, ער וועט נאָך ברייננען דערצו, אז מען וועט אונז מאכען צו מופען.

דהיינו, אז דער אינגעל געהט ארונטער אין סטריט זיך סקייטען, איז עס זיין באָבעס דאגה! וואס האט ער געוואָלט, ער זאָל זיטצען און זאָגען תהילים? א קינד איז עס, ווילט זיך איהם שטיפען און איך זעה גאָר ניט איין, אז דאס איז אן עולה — פאר וואס ניט? ווען וועט ער שטיפען, ווען ער וועט קומען אין זיידען׳ס יאָהרען? קען עס אבער דער שעהנער זיידע ניט ליידען און וואָלט מעגליך געווען וואָלט ער איהם דערפאר געהרג׳עט.

ער לייגט כלומר׳שט אריין, ווי מען זאָגט, די טומאה אין דער יראה און ער זאָגט, אז ער האט מורא דער אינגעל זאָל זיך ניט קאַליע־טשען, מען זאָל איהם חלילה ניט איבערפאָהרען; אבער זאָל איך

שלעכטס האבען אויב ער מיינט עס! ער איז איהם גאָר ניט אזא גוטער פריינד.

ניט אימיצער פעניעלען א פעני, איז ער אש להבה פאר וואס זי נעהמט! ער פערגינט ניט, דער אלטער פליאגע, טאָמער וועט דאס קינד קויפען אייז קרים אדער קענדי און ער מאכט מיר דעם טויט, אז איך פיהר שלעכט, אז איך לערען די קינדער שלעכט, און איך קען פון איהם ניט לעבען.

מילא בין איך דאָך ניט קיין בייבי, אז איך וויל הער איך זיך צו וואס ער רעדט און אז איך וויל, הער איך איהם ווי דעם קאָטער; טשעפעט ער זיך אבער איין אין די קינדער, הויבט ער זיי אָן שטראָפען, הויבט ער זיי אָן לערנען דרך ארץ, פערגעסט ער ווען אויפהערען. א טאַטע האט זיך אויף זיי געפונען! טפו זאָל ער ווערען.

בכן, וואס זשע וויל איך? איך וויל דו זאָלסט איהם מאכען צו סטאָפען, איך וויל דו זאָלסט איהם זאָגען איין מאָל פאר אלע מאָל, אז דו ביזט דער טאַטע ניט ער און זאָל איהם ניט וועה טהאָן דער קאָפּ פאר דיינע קינדער. אויב דו וועסט עס ביי איהם ניט פועל'ן מיט גוטען, וועל איך עס פועל'ן מיט בייזען.

שווער, אונטער די אויגען, ווי מען זאָגט, איז געבולען, אין די אויגען איז גערעדט: אָט הערט מאקס אויך. איך זאָג אייך, אז איך וויל ניט איהר זאָלט זיין א טאַטע איבער מיינע קינדער. איך וויל ניט איהר זאָלט זיי לערנען דרך ארץ. זיצט אז איהר זיצט און מישט זיך ניט אין פרעמדע עסקים.

הא? איהר זייט עלטער פון מיר און איהר פערשטעהט בעסער ווי צו האָדעוועו קינדער? אז איהר זיינט עלטער, וועט איהר פריהער שטאַרבען; אבער מיינע קינדער קען איך אליין לערנען! א מציאה מיט איהם, ער איז עלטער! וואס האט איהר געוואָלט מען זאָל אפשר געהן אויף די שפּיטץ פינגער פאר אייך? נאָך ניט! עס איז גאַנץ גענוג, אז מען האלט אייך אין הויז און מען גיט אייך עסען, ווילט איהר נאָך זיין א בעל דעה אויך? ניט דערלעבען וועלען מיינע שונאים.

מאַקס, וואס שווייגסטו? שטיק לעמעשקע וואס דו ביזט! קענסט איהם ניט זאָגען, אז דו ביזט דער טאַטע פון דיינע קינדער, ניט ער?

שעהמסט זיך פאר איהם? זאָג איהם, אז ער זאָל איבער די קינדער ניט בעל הבית'עווען...

אבער דו ביסט ניט בעסער פון איהם! דו קעהרסט אויך זעהר פיעל פאר די קינדער! עס פערשטעהט זיך, איך איז לייכט אָנגעקומען צו טראָגען און צו האבען זיי, וואָלט אייך אבער אזוי די קעפ וועה געטהאָן, ווי מיר האט וועה געטהאָן דער בויך, ביז איך האב זיי געהאַט, וואָלט עס אַנדערש געווען.

פויגעלאָך מיינע, אלע אויף אייך נעבאָך, אי דער זיידע, אי דער שיינעדיגער שמאַטע אייערער! אבער עס וועט אזוי ניט זיין. נאָו סער! איך האב אויך א דעה צו זאָגען און איך וועל מיינע קינדער לערנען ווי איך פערשטעה!

V.

אן עין הרע געגעבען דאס קינד.

שוין צוויי שעה אויפ'ן זייגער אז דאס קינד צאַפּעלט זיך, דרעהט זיך ווי א שלאַנג און איך קען זיך קיין עצה ניט געבען. א געזונדע, א פרישע קינד געווען און פלוצלינג איז עס אזוי קראַנק געוואָרען, אז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. א בייז אויג האט דאס קינד.

אליע ליולע פויגעלע,
מאַך זשע צו דיין אויגעלע,
ווער עס האט דיר געגעבען אן עין הרע,
זאָל ווערען אין גיכען א כפרה.

טפו, טפו, טפו, אזוי ווי דו ווייסט ניט פון וואַנען די עין הרע איז צו דיר געקומען, אזוי זאָלסט דו ניט וויסען וואוהין זי וועט אוועקגעהן. אויף פוסטע וועלדער, אויף וויסטע פעלדער זאָל עס פאַלען, הארציגער פאָטער.

ס'ארא פראַקליאַטע אויגען ער האט עס, דער אַלטער אשמדאי. זיי האבען איהם שוין, אויף נאמנות, געמעגט... איך וויל שוין אזוי

ווייט ניט ריידען. האט זיך צונעשטעקט אויף א ווייל צום קינד האט ער איהר שוין אן עין הרע גענעבען! קיין אנדער נאמען רופט ער איהר ניט, נור „מויד.״ ווער עס האט קיין גרעסערע ניט געזעהן, זאל יענעם די אויגען ארויס.

שא, מיין קינד, גענוג שוין צו שרייען. שלאף ליובעלע, שלאף פויגעלע מיינס. וואס איז דיר געווארען, מיין טהייער קינד, מיין אוצר, מיין ליכט, מיין שיין? וואס טהוט דיר וועה? מיר פאר דיין קעפעלע, טאטע זיסער.

געוואלד, וואס טהוט מען? וואס פאר אן עצה גיט מען זיך? דאס קינד ווערט דאך, שונאי ישראל, צוריסען שרייענדיג. זאל איך, טאכטערקע, אזוי וויסען פון דיין זיידען, ווי איך וויים וואס מען הויבט אן צו טהאן.

האט איהר וועז געהרט אויף אייער לעבען, אז מען זאל אן איי־גענע קינד אן עין הרע געבען? וואס מאכט עס אוים? אן אייניקעל איז אזוי גוט ווי א קינד! זייט איך לעב האב איך נאך ניט געזעהן א מענש מיט אזעלכע בייזע אויגען.

און דאס מאכט אלץ זיין שלעכטסקייט, זיין גיפט, ניט געשעהן זאל עס ווערען. ווען מען זאל זיפען און זוכען אין גאר דער וועלט, וואלט מען אזא המן ניט געפינען. וואלט מעגליך געווען, וואלט ער איינגעשלונגען מיך מיט די קינדער צוזאמען.

מילא די עלטערע קינדער, זאלען געזונד און שטארק זיין, האט ער פיינד, ווייל זיי שטיפען; אבער וועם קען ער האבען, דער רשע מרושע צו אזא עופה'לע? אט גלאט אזוי, ער פערגינט ניט וואס זי איז געראטען, וואס זי איז שעהן, זאלץ איהם אין די אויגען, דעם אל־טען תרח.

א־א, א־א בעבעלע, א־א, א־א ליובעלע... וועה איז מיר, וויגד איז מיר, גאט דער לעבעדיגער ווייסט וואס מיט'ן קינד איז. זי איז דאך שוין שווארץ אזוי ווי קאהל, הלואי זאל א גוטער סוף זיין.

ניט אומזיסט זאגט מען, אז אידישע עין הרע איז ערגער פון גוי־אישען כישוף. אט דא ניט לאנג געווען א קינד א מחיה צו קוקען און ערשט איז שוין פון איהר האלב געווארען. פויגעלע מיינע, דער שעה־נער זיידע דיינער האט דיר געגעבען אן עין הרע, זאל אויף איהם קומען א צרה.

דאכט זיך, ער האט דאס קינד כלומר'שט ליעב און גיט עס אָפט א קוש, אבער דער קוש איז עשו'ס קוש. מיט די ליפּען קושט ער זי און אין הארצען איז ער איהר א שונא! טאָמער בין איך ארונטערגע-גאַנגען אויף א ווײלע און ער האט די בייבי צוגעהאלטען, נו, האט ער פון איהר געמאכט א לייט, ניטאָ וואס צו ריידען.

קינדערלע מיינס, דו האָסט דאָך שוין נעבאָך קיין כח ניט צו שרייען, דער מאמע פאר דיינע ביינדעלאך, הער שוין אויף, זאָל שוין זיין גענוג. אליע ליוליע טייבעלע...

שא, ער שלעפּט זיך שוין דאָרט, דער אַלטער. עס איז מעהר ניט עס ווילט זיך ניט מאכען קיין באראוואריעס; אבער איך האב גע-דארפט, איך זאָל אזוי געזונד זיין, פערהאקען די טהיר און ניט אריינ-לאָזען איהם. בעסער וואוינען צוזאמען מיט א טיגער איידער מיט א שונא.

וואס פאר א שונא זיינט איהר מיר? וואס דען א גוטער פריינד זיינט איהר מיינער? ווען איהר זאָלט זיין א גוטער פריינד, וואָלט איהר דאס קינד קיין עין הרע ניט געגעבען. איך בין מיט'ן קינד ערגיץ ניט געווען; איהר, נור איהר האט מיר איבערגעפיהרט א קינד. שוין אפשר דריי שעה אויפ'ן זייגער, אז די בייבי וויקעלט זיך ווי א קנויל און איך קען עס ניט איינשטילען. טפו, טפו, טפו.

א קלאָג איז מיר. עס קומט דאָך אויס, כאָטש נעהם און אנטלויף ערגיץ! אז א שטוב-מענש און נאָך כלומר'שט א זיידע זאָל האבען אזעלכע בייזע אויגען און מען זאָל א קינד דארפען בעהאַלטען פון איהם, איז דאָך שוין גאָר די וועלט קיין וועלט ניט!

וואס קוקט איהר מיך אָן, וואס? איהר זעהט ניט, אז דאס קינד האט א גוט אויג? דאכט זיך אפילו א בלינדער קען עס אויך דער-זעהן. וואס דען פון וואוילטאָג ווערט זיך א קינד אזוי צאַפּלען?

הא? זעהן אפשר א דייפער פין שטעכט איהר ערגיץ? א נייע נייעס! אפשר זאָל איך זיך ביי אייך לערנען ווי צו דייפערען א קינד? שוין ב"ה דריי קינדער צו לאַנגע יאָהר אויסגעהאָדעוועט, געהט איהר מיר ערשט לערנען ווי צו בעגעהן זיך מיט א בייבי! געהט אייך, געהט, ווארום איך וועל אייך באַלד איינצאַהלען א חלק, אז איהר וועט ניט וויסען, פון וואַנען עס איז אייך געקומען.

אן אלטער תרח קען! אז ער גיט דאס קינד אן עין הרע, מאכט

ער מיך שולדיג. אבי וואס איז ביי איהם די שנור, א שלים־מזל'ניצע! אפשר געפעלט אייך ניט דער שידוך, וואס איהר האט געטהאָן מיט אייער זוהן, טאָ האט חרטה אויב איהר קענט.

שאַ זשע, שאַ זשע, מיין זיס קינד, שרעק ניט דער מאַמע דיינער, הער אויף צו שרייען, הער אויף צו ווארפען זיך, דו האָסט דאָך שוין נעבאָך קיין כח ניט, זאָל שוין זיין גענוג, מיין שעהן קעטצעלע.

אפשר רופען א דאָקטאָר, זאָגט ער! וואס וועט איהר א דאָקטאָר טהאָן? צו עין הרע העלפען ניט קיין רפואות. א בעל רחמנות געוואָרען, א דאָקטאָר וועט ער געהן רופען! האט ניט אזעלכע בייזע אויגען, וועט מען קיין דאָקטוירים ניט דארפען....

שאַ, ער איז שוין אוועקגעגאַנגען דער אלטער אשמדאי, אודאי טאַקי נאָך א דאָקטאָר געגאַנגען! וועל, זאָל ער שוין געהן פון מיינטוועגען, כאָטש וויים איך וואוהין און זאָל ער מיטנעהמען מיין קינד'ס עין הרע.

פויגעלע מיינע, הארצעלע מיינע, קום איך וועל דיך נעהמען אויף די הענד, וועט דיר אפשר גרינגער ווערען. דיין טהייערער שמיידע (זיידע) איז שוין אוועק געגאַנגען און צוגענומען דיין עין הרע...

אוי, א קלאָג איז מיר, טאַקי א דייפּער פין שטעכט דאס קינד! אָך און וועה דער מאַמע, געלאָזט א קינד אזוי פיעל מוטשען זיך. ניחאי וואָלט איך זיך עם פריהער ארומגעזעהן, טייבעלע מיינע, מיר פאר דיינע ביינדעלאַך.

VI.

דער אַלטער כריפון לאָזט ניט שלאָפען.

אַי, דעם קאָפּ לעכערט ער מיר, דער אַלטער, מיט זיין הוסטען. קהו, קהו, קהו, קהו, אָהן א סוף און אָהן אן עק, פּעשצעט זיך, דער אַלטער נאַר, אזוי ווי א קליין קינד.

א גאַנצע נאַכט באַראַבאַנעוועט ער אזוי ווי אין א פּויק. איך האב

אסור פערזוכט שלאָפען צוליעב איהם. טאָמער האב איך צוגעמאַכט אַן אויג, האט ער מיך מיט זיין הוסטען אויפגעוועקט. איך האב שוין קיין כח ניט צו שטעהן אויף די פיס. עפּעס א קלייניגקייט איז עס, אַז א מענש דערשלאָפט ניט?

נאָך וויניג האב איך פון איהם די גאַל אין מויל ביי טאָג, נאַ דיר נאָך א צוגאָב די נאַכט אויך! איך פאַל ווי א פליעג, איך חלש שלאָפען, לאָזט ער ניט! הויבט ער אָן קאַכוקען, פערגעסט ער ווען אויפהערען.

טאַקי אמת שוין אַן עלטערער איד. שוין ווי מען זאָגט: אַן אויס־געוועבטער; אבער פון דעסטוועגען דארף דאָך א מענש כאָטש פיעל עס איז שכל האבען, מען דארף דאָך פערשטעהן, אַז דער צווייטער איז אויך א מענש, אַז קיינעם׳ס נשמה איז ניט פון קליאָטשע און יעדער איינער וויל לעבען אויף דער וועלט; אבער איהם אַרט עס ווי די וואַנד! דו קענסט ניט הערען, הער ניט; דו קענסט ניט שלאָ־פען, שלאָף ניט; ער טהוט זיך וואס ער וויל און געה האב מיט איהם אַן עסק!

עס איז דאָך אַן אונגליק, איך זאָל אזוי געזונד זיין. מען מוז ליידען און שווייגען! געה טשעפּע איהם עפּעס, געה פּרוב איהם זאָגען א וואָרט, וועט ער באַלד פערנאַנדערפּויקען, דער אַלטער כריפּון, אַז איך טרייב איהם קראַנקערהייד פון הויז! מעהר פעהלט מיר ניט, נור אריינפאַלען צו זיינע לאַנדסלייט אין די מיילער! שוין אזוי אויך ב״ה וואו צוויי בין איך די דריטע. פערשוואַרצט זאָלען אזוי ווערען מיינע שונאים׳ס פּנים׳ער, ווי ער האט מיר פערשוואַרצט די אויגען מיינע. אַזאַ שם זאָלען האבען די, וואס ווינשען מיר בייז, וואס פאַר א שם ער האט מיר געמאַכט.

איך טריי, דאַכט זיך, אדרבה ואדרבה און ביי איהם איז די שנור אַלץ א שלעכטע! אַז איך בין א שלעכטע, ווייס איך שוין ניט ווי מען קען זיין גוט. איך בין גאַנץ גענוג יוצא געגען איהם און אָן איהם איז עס אָנגעלייגט אזוי ווי אָן א כלב! ווען עס טרעפט אויף אָן אַנדערע וואָלט מען איהם שוין לאַנג אויף צוויי שפענדלאָך ארויסגעוואָרפען, באשר איך האב שטענדיג א נאַטור איך לייד און איך שווייג. זאָל בע־סער מיינס איבערגעהן.

אבער עס איז דאָך שוין אונמעגליך צו לעבען פון איהם, ווי איך

בין א אידישע טאַכטער. האט איהר געהערט אויף אייער לעבען? א מענש זאָל נור זיין אָבגעלייגט צו מאַכען יענעם דעם טויט! ער ווייסט גור איינס, אז מען דארף דער שנור לייגען אין דר'ערד לעבעדיגער־הייד, קיין רחמנות איז גאָר ביי איהם ניטאָ! א רעגולער תליון, א רע־גולער הינט שלעגער.

א מענש זאָל זיך ניט בעטראַכטען, אפשר קען עס דער אַנדערער ניט הערען, אפשר האט עס יענער פיינד צו הערען, אפשר איז עס אי־מיצער ניט מחויב צו הערען! הויבט ער אָן צו הוסטען, איז אזוי ווי מען האַקט האָלץ! אָן אויפגעציטערטע ווער איך, עס וועט מיר אפשר אין דריי יאָהר ניט צוקומען, וואס מיר איז פון נעכטען אָבגעקומען. טפו זאָל ער ווערען.

ביי נאַכט איז דאָך שוין אָבגעֿרעדט, מען זאָל אפילו זיין דער גרעסטער פעפער אין דער וועלט, קען מען אויך אויף א מינוט ניט אנשלאָפען ווערען, ער קען דאָך אפילו א טויטען אויפוועקען מיט זיין קאַכוקען; וואָלט ער זשע כאָטש לאָזען ביי טאָג א דרעמעל טהאָן, איז דאס אויך ניט! ווי נור איך לייג זיך צו, אהאָ! ער קלאָפּט שוין טרעוואָגע, קהו, קהו; קהו, קהו — בעהיט און בעשירמעט זאָל מען ווערען.

אזוי? וואס זיינט איהר שולדיג, אז איהר זיינט קראַנק? אזא סכנה זאָל, הארציגער פאָטער, זיין מיט אלע קראַנקע; געוועד מיינד, איהר זיינט נאָך געזינטער פאר מיר. אז מען איז קראַנק האט מען קיין כח ניט אזוי צו הוסטען.

א מיאוס'ע בעשעפענים קען, געהט און מוסר'ט פאר מאַקס'ן, אז ער האט זיך פערקיהלט! וואס האט איהר געוואָלט? איך זאָל אייך אפשר אָבטרעטען מיין בעד רום, אדער איך זאָל היינט אין מיטען זומער מאַכען דעם אויוועז פון אייערטוועגען? אפשר וואָלט עס אי־מיצער געטהאָן פון אייערטוועגען, איך ניט! אזא צדיק בין איך ניט מחויב צו זיין.

שאַ, אפשר ניט עפענען קיין פענסטער אויך! א מורא די „בייבי״ קען נאָך קעטשען א קאָלד! ניטאָ ווער עס זאָל לאַכען, איך זאָל אזוי לעבען. א בייזע קעלט אויף איהם אַנגעפאַלען! און וואס וועט איהר שוין זאָגען אין די גרויסע פרעסט?

וואס? איהר זיינט דאָך קראַנק? אז מען איז קראַנק אויף אַן

אמת, געהט מען, מיסטער לעבען, אין א האָספּיטאל. שעהנערע מענשען פון אייך ליגען אין די האָספּיטעלער. נישט־קשה, קיין בייז זאָל ניט זיין, מען וועט אייך דאַרט חלילה ניט קעפּען און ניט הענגען...

שאַ, גוט, מאַקס, וואס דו ביזט געקומען. געה, זעה, דיין טאַטע שטאַרבט דאָך אוועק. געה זאָג מיט איהם ווידוי...

וואס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? האָב קיין מורא ניט, נאָך ניט אזוי גיך, ער וועט נאָך מיך איבערלעבען. ער איז נאָך, אויף נאַמנות, גאַנץ געזונד און ער האָט נאָך גענוג כח צו מקצר זיין מיר די יאָהרען.

וואס? ער איז טאַקי ניט געזונד? אויב אזוי, טאַ שיק איהם אוועק אין א האָספּיטאל. וואס ווילסטו, די קינדער זאָלען זיך נאָך פון איהם אָנגעהמען און אויך קראַנק ווערען?...

דו הערסט ווי בענעלע הוסט? אָט האָסטו דיר! שוין אָנגעשטעקט דאָס קינד אויך! וואס האָב איך געזאָגט? איך האָב פריהער געוואוסט אז אזוי וועט זיין.

בענעלע, פויגעלע מיינע, דער מאַמע פּאַר דיינע ביינדעלאַך, שוין אָנגענומען זיך פון דיין שעהנעם זיידען! קום אהער, מיין קינד, געה ניט צו איהם, אנטלויף פון איהם, קום נאַ דיר א פּעני, דו ביזט שוין סיק קעצעלע מיינע...

הא? דער טאַטע הוסט עס? בענעלע איז גאָר אין סטריט? האָב איך דעם מאָל ניט געטראָפען! אבער איך קען דאָך די קינדער ניט לאָזען שטענדיג אומלויפען אין סטריט און אין הויז האָב איך זיי מורא צו האַלטען זיי זאָלען זיך חלילה ניט אָנשטעקען פון דיין טאַטען, קומט מיר אוים כאָטש לאָז איבער די הויז מיט האק און פּאַק און אנטלויף ערגיץ.

וואס זשע וויל איך? איך וויל דו זאָלסט דעם אלטען פּגע רע אוועקגעבען אין א האָספּיטאל. איך בין ניט מחויב צו האַלטען א קראַנקען אין הויז, אפילו גאָט אליין וואָלט עס מיר אויך ניט גע־הייסען.

VII.

געפונען דעם שווער'ס קניפּעל.

שאַ, וואס פאר א פּעקעלע ליגט עס דאָרט אונטער'ן לאַנדזש? אודאי געלד... טאקי געלד, איך זאָל אזוי געזונד זיין!... פינף, צעהן, צוואנציג... פון וואנען קומט עס אהער אזא אפותיקו? געוויס דער אלטער ארויסגעוואָרפען פון קעשענע. אנדערש קען דאָך ניט זיין.

אבער ווי קומט עס צו איהם אזא קניפּעל? א מענש וואס טהוט גאָר ניט און האט שוין ניט פערדיענט קיין סענט אפשר צעהן יאָהר, זאָל אָבסייווען צוואנציג דאָלאר! פון וואנען? פון דער... איך וויל שוין אזוי פיעל ניט ריידען.

ס'אַרא נאַרישע פּרוי איך בין, איך קלעהר נאָך, עס איז נאָך ביי מיר א ספק! וואו דען האט ער עס גענומען אז ניט גע'גנב'עט? און ביי פרעמדען געוויס ניט! וואו וואַלגערט זיך עס אזוי געלד, אז מען זאָל קענען גנב'ענען? אז אָך און וועה איז מיר, ווער ווייסט אויף וויפיעל ער האט מיך בדלות געשטעלט.

מאַקס בעקלאָגט זיך שטענדיג, אז די ביזנעס געהען ניט גוט, אז עס טריקענט איהם אָפּט אוים דער מאַרך פון קאָפּ, ווען ער דאַרף סעטלען ביללס. מיך האט עס שטענדיג געוואונדערט, מען לייזט דאָך א דאנק גאָט, היינט ווארום זאָל עס זיין אזא איינזינקעניש? אבער אצינד וויים איך שוין וואו דער הונד איז בעגראָבען! דער אלטער כאַפּט זיך אָפּט אריין אין סטאָר, ציהט ער צו פיעל ער קען. ער האט נאָך אודאי ערגיץ ביינק ביכלאָך אויף הונדערטער דאָלארס.

פון א שטוב גנב קען מען זיך ניט איינהיטען. אָט לאָז איך שטענ- דיג איבער מיין פּאַקעט-בוך אויבען אויף. פאר וועמען דאַרף איך איהם בעהאַלטען? קיין פרעמדע מענשען געהען צו מיר ניט, קלייבט ער זיך געוויס צו און מאַכט מיר דאָרט א קבורה.

און רייד מיט איהם, איז ער א פרומינקער, א צדיק'ל, ער האַלט

גאר גאט פאר'ן בארד — א מיתה משונה וואלט איך זיך אויף איהם ניכער געריכט, איידער ער זאל זיין א גנב.

און וואלט איהם אימיצער פרעגען, אויף וואס דארף ער אין גאנ־צען געלד, דער אלטער אשמדאי? עסען און טרינקען האט ער פון דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, א לאזשי האט ער, ניט ליעב איז איהם, א סענט אין פאקעט קריגט ער מסתמא אויך ביי מאקס'ן, פעהלט איהם נאך גנב'ענען אזעלכע בלוטיגע, שווער־פערהארעוועטע געלד!

מען דארף דאך שרייען געוואלד אין די גאסען, ווי איך בין א אידישע טאכטער, אז אויף אן אייגענעם טאטען זאל מען ניט קענען טרויען, אז פאר אן אייגענעם טאטען זאל מען זיך דארפען בעהאלטען, איז דאך שוין די וועלט קיין וועלט ניט! ביי לייטען א טאטע העלפט עפעס, זעהט אריינברייגגען זיינע קינדער און דער אלטער פגע רע, לא די וואס ער טהוט ניט א קלאפ א פינגער אן א פינגער, בע'גנב'עט ער נאך, שטעלט ער נאך בדלות! אוי, ווען ער קומט ערשט אן אויף מיינע אויגען און איך זאל ניט מורא האבען פאר גאט, וואלט איך איהם, דאכט זיך, א מעסער אין הארצען אריינגעשטאכען...

שא, אט שלעפט ער זיך שוין דארט. איך וויים ניט, ווי גלייכער איז, זאל איך זיך מאכען ניט וויסענדיג, אדער איינצאהלען איהם א פארציע ווי ער איז ווערטה...

אבער למאי שווייגען? איך וועל איהם טאקי זאגען און זאל ער כאטש וויסען,אז איך וויים וואס פאר א פויגעל ער איז! וואס איז, שעהמען דארף איך זיך פאר איהם? אז ער שעהמט זיך ניט צו גנב'־ענען, דארף איך זיך ניט שעהמען און איהם זאגען אויג אין אויג, אז איך האב איהם געפאקט.

עס ווייזט אוים, אז ער וויסט גאר ניט, אז ער האט די געלד פער־לארען. ווען ער זאל וויסען, וואלט ער זיך ניט אזוי געשלעפט, ער וואלט שוין געלאפען ווי אן אונטערגעשאסענער, וואלט ער געלאפען. אבער איך וועל איהם באלד אנזאגען די בשורה, וועט איהם, דענק איך, פערגעהן אין זיעבעטען ריפ. איך וועל זיך פריהער מאכען תם'עוואטע. איך וועל איהם גלאט אזוי דערצעהלען, אז איך האב געפונען צוואנציג דאלאר, וועל איך זעהן, וואס פאר א מינע ער וועט מאכען...

שוועער, איהר וויסט? איך האב דאך היינט געפונען צוואנציג דאלאר, צוויי פינפערלאך און א צעהנעריל.

א דאנק גאָט, זאָגט איהר? זאָל מיר וואויל בעקומען? ווען איהר זאָלט וויסען וואס איך וויים, וואָלט איהר עס מיר ניט געוואונשען! איהר ווייסט וואו איך האב עס געפונען? אָט דאָ אונטער'ן לאָנדזש. ווער האט עס דאָ געקענט פערליערען?

איך ניט, מסתמא מאקס, זאָגט ער! שור, ביי מאקס'ן וואלגערט זיך טאקי צוואנציג דאָלארדיגע! אנו, טהוט נור א זוך אין פאקעט, וועט איהר שוין וויסען ווער דאס האט פערלאָרען.

פון וואנען קומט צו אייך צוואנציג דאָלאר? איך וויים פון וואנען עס קומט? פערדיענט האט איהר עס געווים ניט. אהא! עס פאסט אייך שוין ערשט אזוי צו זאָגען, אז דאס איז ניט אייערע! איהר זיינט נעבאך אריינגעפאלען און איהר קענט זיך ניט העלפען...

וואס קוקט איהר מיך אָן, וואס? איהר וועט מיר ניט אָבלייקע־נען. די געלד איז אייערע, עס הייסט, ניט אייערע נור מיינע, איהר האט עס ביי מיר גע'גנב'עט! איהר מעגט לייגען א צלם אויף א צלם, איהר מעגט שווערען אז ניט, וועל איך אייך אויך ניט גלויבען.

שעהמען האט איהר זיך געדארפט, אן אלטער איד זאָל האבען לאנגע הענד! איהר זיינט דאך כלומר'שט א פרומער, איהר לויפט דאך צו סליחות, איהר פאסט דאך הפסקות און בדלות שטעלען איי־גענע קינדער איז ביי אייך רעכט! איהר ווייסט ניט ווי מען זאָגט? ני פאסטאי, ני גאנוואי.

איהר ווייסט ניט פון וואס צו זאָגען? איך וויים אודאי ניט! איך וויים נור, אז לייט טהוען ביזנעס, מאכען געלד און איך ליעג, שונאי ישראל, אין דר'ערד! מען ארבייט מיט דער גאָל, מען האָרע־וועט און וואס האב איך? א חולאת, מיינע שונאים! וואס איז? מיין שווער בעראבעוועט מיך! זאָגט מיר כאָטש וויפיעל ביינק ביכלאך האט איהר שוין?

פאר א גנב מאך איך איהם שוין אויך, זאָגט ער! מיסטער לע־בען, איך מאך אייך גאָר ניט, נור איהר מאכט זיך אליין! א צער בעלי חיים נעבאך, וואס ער טהוט זאָגט מען אויף איהם.

שאַ, וואס לויפט עפּעס מאקס? א קלאָג איז מיר, ווער ווייסט וואס עס איז געשעהן! אודאי די סטאָר אָבגעברענט! איך האב מורא אז מיר זיינען שוין אָבגעקאָכטע.... וואס לויפסטו אזוי, מאקס?

האַ? צוואַנציג דאָלאַר האָסטו ערגיץ פערלאָרען? דו דענקסט, אז דאָ אין הויז? וואס פאר א געלד איז עס געווען?

צוויי פינפערלאך מיט א צעהנעריל? שרעק זיך ניט, איך האב עס געפונען דאָ אונטער'ן לאָנדזש; אבער איך האב געמיינט, אז דאס איז דעם טאַטען'ס. א דאנה, דערפאר וועט ער איה"ש האבען גוטע איינים.

VIII.

בעט מחילה פאר יום כפור.

שוועד, איהר זייט טאָקי בייז אויף מיר? ניטאָ פאר וואס צו זיין ברוגז, וואס האב איך אייך אזעלכעס געטהאָן?

אמת, איך האב אייך אפשר אמאָל געזאָגט אן איבעריגען וואָרט, אבער איך האב כ'לעבען דערמיט גאָר ניט אויסען געוועזן. א מענש האט א מויל רעדט ער.

איהר ווייסט דאָך, ווייבער, זאָגט מען, האבען ניין מאָס רייד, דארפען זיי עס ערגיץ אויסברייגגען. נו, ברייננגען זיי עס אָפט אוים אויף נאַרישקייטען. מישטיינס געזאָגט, וואס קען א זינדיגע אידענע ריידען, אז ניט קיין נאַרישקייטען? איהר דארפט אסור פאראיבעל האבען אויף מיר, ווייל קיין פרוי איז ניט בעסער.

מיר קלעמט עס ביים הארצען, וואס ראש השנה זיינט איהר געזעסען א ברוגז'ער. לייט האבען אין די שוהלען געבעטען א גוט יאָהר פאר זייערע קינדער און איהר האט מיר אודאי, שונאי ישראל, געוואונשען דעם טויט. אמת, איך האב אייך טאָקי אביסעל אָנגעטראָטען, אבער איהר זייט דאָך אן עלטערער, דארפט איהר ניט וועגען און מעסטען יעדעס וואָרט, וואס איך זאָג. מאָלע וואס א מענש רעדט זיך אוים פון כעס? א דאגה האט איהר, איהר דארפט זיך גאָר ניט איינהערען וואס איך רייד.

און איהר מיינט, אז מיך אליין פערדריסט ניט, וואס איך ברייננ

אייך אמאָל אריין אין כעס? איך האב, אויף נאמנות, טויזענדער חרטות, איך רייס פון זיך שטענדיג די הויט, ווען איך טרעט אייך אָן; אבער איך קען צוריק ניט כאפּען. וואס דער זינדיגער צונג רעדט ארויס איז פערפאַלען, מען קען עס צוריק ניט נעהמען.

וואס זאָגט איהר? איך בין א היטץ קאָפּ און איך בעטראַכט ניט אויף פריהער וואס צו ריידען? שווער לעבען, ווער זאָגט דען, אז ניט? איך האב קיין מאָל ניט געזאָגט, אז איך בין א צדקת! איך פערשטעה זיך גאַנץ גוט אויף מיינע פעהלערן, אבער איך קען זיך ניט העלפען, ווייל איך האב אזא פּראָקליאַטע נאַטור.

איהר הערט? קיינע צדיקים זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. יעדער מענש זינדיגט. איינער טהוט וואס מען דארף ניט, אן אנדערער געהט וואו מען דארף ניט, א דריטער טראַכט וואס מען טאָהר ניט און א פיערטער זינדיגט מיט'ן מויל, דערפאר וועלען מיר דאָך איה"ש יום כפור זאָגען אזוי פיעל על חטא'ס, ווייל יעדער זינדיגט אויף אן אנדער אופן. איך בין אסור גענאַרט אין זיך אליין און איך וויים גאַנץ גוט, אז איך זינדיג מיט מיין צונג; אבער עס געהט אזא צייט, וואס איינער דעם אנדערן דארף מוחל זיין.

איך וויל ניט שווערען אז ניט. עס קען זיין, אז עס האט זיך אמאָל פון מיין מויל ארויסגעכאַפּט א קללה אויף; אבער לאָמיר שוין אלע אזוי האבען א חתימה טובה, רבונו של עולם, ווי איך האב קיין מאָל גאָר ניט אויסען געווען. איך האב אייך אסור געוואונשען שלעכטס און איך ווינש אייך חלילה ערשט אויך ניט. זאָל עס מיר געשעהן אויפ'ן נייעם יאָהר וואס איך ווינש אייך.

און וואס איז אין גאַנצען א קללה? גלויבט מיר, אז גאָר ניט. ווען קללות זאָלען חלילה מקוים ווערען, וואָלט די וועלט קיין וועלט ניט געווען. אגב בין איך דאָך ניט אזא פרומע אידענע, אז מיינע רייד זאָלען זיין ביי גאָט אָנגענומען. אין אלע אופנים, זאָג איך, אז איין פּאַטש איז ערגער ווי צעהן קללות.

הערט זיך איין. עס טרעפט זעהר אָפט, אז א מוטער שילט אָן איהר קינד. נו, מיינט זי עס טאַקי מיט'ן גאַנצען הארצען? געוויס ניט. דאַכט זיך, אז ווען א קינד איז עפּעס אויסען, ווינשט זיך די מאַ־מע, אז וואס עס האט געזאָלט זיין דעם קינד, זאָל זיין איהר. פון דעסטוועגען, אז זי דארף עס אָנשילטען, שעלט זי עס אָן; אבער זי

מיינט חלילה ניט, אז איהרע קללות זאָלען מקוים ווערען. אָט אזוי איז מיט מיר און אייך אויך; עס קען זיין, אז איך האב זיך אמאָל אויסגערעדט א נאַרישקייט, אבער איך האב דערמיט גאָר ניט גע־מיינט און איהר דאַרפט מיר ניט רעכענען פאר א שונא.

איך האב אייך, זאָגט איהר, פאר ראש השנה געמאַכט פאר א גנב, איך האב אויף אייך אויסגעטראַכט א בלבול, אז איהר שטעלט אונז בדלות — אמת, טאַקי אן עולה; אבער האט עס אייך עפּעס געשאַדט חס ושלום? איך האב אייך א האָנד אדער א פוס ניט אָפּגערעדט, דער סוף איז דאָך געווען, אז איך בין געבליעבען צום נאַר, היינט וואס דאַרף אייך דאָ פערדריסען? א זאָרג האט איהר, עס וועט אייך שוין צום שידוך ניט שאַדען.

איהר זאָגט, אז איהר זייט דאָ אין הויז ווי אן איבעריגע זאַך און אבי וואס ווארף איך אייך, ווי מען זאָגט, דעם גט פאר די פיס. עט! איהר זייט דאָך עפּעס א קלוגער איד, אָט הערט זיך ניט צו וואס איך רייד, וועט זיין געזינטער פאר אייך און פאר מיר. זאָל זיך אייך דאַכטען, אז ניט אייך מיין איך, די וואַנד מיין איך און זייט אייך גע־זונדערהייד דאָ און טהוט וואס איהר פערשטעהט אז עס איז גלייך. איך טרייב אייך חלילה ניט און איך וויל ניט איהר זאָלט פון אונז ארויסמופען, זאָל מיך גאָט שטראָפען. זאָל נאָר דער אויבערשטער גע־בען א חתימה טובה אונז און אלע אידען און מיר זאָלען דערלעבען איבער א יאָהר אלע אין גאַנצען אין א גוטען אופן.

הכלל, שוועֶר לעבען, עס געהט דאָך אזא צייט, וואס איינער דעם אַנדערען דאַרף מוחל זיין. בעט איך אייך פערגעסט, וואס עס איז געווען און זייט מיר מוחל אויב איך האב געגען אייך געזינדיגט. עס איז זעהר ניט גוט, ניט שעהן און ניט אנגענעהם צו זיין אין איין הויז און שפּיע־לען א ברוגז טאַנץ. ווי זאָגט איהר, ניט אזוי?

איך שווער אייך, ווי מיר האבען היינט פאר יום כפור אויף דער וועלט, אז איהר וועט שוין פון מיר מעהר קיין שלעכט וואָרט ניט הע־רען און טאָמער אפילו יא, זאָלט איהר אויך דערפון קיין פירוש ניט מאַכען. די בעסטע זאַך הערט זיך ניט צו, וואס איך רייד און טהוט אלעס ווי איהר פערשטעהט.

איהר זיינט, אסור, ביי מיר פערעכענט פאר א פרעמדען. איהר זיינט מיין טאַטע, מיין געטרייער פאָטער און איהר דאַרפט אויף מיר

קיין שנאה ניט טראָגען. וואס עס איז געווען איז געוועזן, ערשט געהט א נייער יאָהר און עס וועט אלעס זיין אָלל־רייט.

איז וואס זשע זאָגט איהר, שוועכער לעבען? איהר זיינט מיר מוחל? זאָל מיר גאָט אויך מוחל זיין אויף אלע זינד און געבען גוטעס אויפ'ן נייעם יאָהר. מיר טהוט עס, שוועכער לעבען, די גרעסטע הנאה, וואס איהר זיינט ניט מעהר ברוגז אויף מיר. דאס איז ביי מיר ווערטה מי יודע ווי פיעל.

שוועכער, איך געה ערשט אין סטריט, אפשר קויפען פאר אייך א כפּרה? איהר ווילט דאָך מסתמא א ווייסען האָהן. איך וועל זעהן, אויב מיר וועט זיך מאַכען עפּעס רעכטס וועל איך היינט קויפען; ווען ניט, וועט מען נאָך שבת צו נאַכט אויך קריעגען.

שפרינצע די לענדליידי

א קורצע פאָררעדע

שפרינצע די לענדליידי איז א בעל הבית'טע פון דריי פיער הייז־קעס ערגיץ אין בראָנזוויל. זי איז א בריה א אידענע און טויג צו פיה־רען איהר בעל הבית'אישקייט. אויף איהר מאַן וויל זי זיך ניט פער־לאָזען, ווייל ער איז א צו ווייכהערציגער, און צו זיין א לענדלאָרד, זאָגט זי, דארף מען זיין אביסעל שטרענגער.

צווישען לענדלאָרדס און טענאַנטס עקזיסטירט אַן אייביגע שנאה אקוראַט אזוי ווי צווישען איידימס און שוויגערס. שפרינצע די לענד־ליידי זאָגט ארויס וואס זי האט צו זאָגען פון איהר צד וועגען איהרע שכנים. זי רעדט אויס איהר הארץ פאר א פריינד און זי צייגט אויף ווי גערעכט זי איז געגען זיי. זי דערצעהלט דערביי שעהנע מעשה'־לאך, וואס עס איז אינטערעסאַנט צו הערען און צו וויסען. זי רעדט געוועהנליך ניט אזוי ווי א פראָסטע יענטע, נור עטוואס געמישט מיט קאַפּוליער ענגליש, ווי עס פאַסט זיך פאר א לענדליידי; אבער זי געהט ניט אראָב פון וועג מיט פּוסטע פּלוידערייען און זי רעדט צו דער זאך.

אין שפרינצע'ס געשפרעכען זיינען איינגעוויקעלט פיעלע קריי־טיקס, פיעלע אמת'ע בילדער פון לעבען, טאג טעגליכע פאַסירונגען און עס איז כדאי צו וויסען וואס זי זאָגט.

I.

ווי מען האט ליעב לענדלאָרדס.

איהר פרעגט מיך א קוועשטשען, ווארום איך בין די גאנצע בעל הבית'טע איבער די פּאָאַר פּראָפּיטקעס? איהר וואונדערט זיך פאר וואס איך פיהר די גאנצע ביזנעס און ניט מיין מאן? זאָלט איהר זיך גאָר ניט וואונדערן. מסתמא, אז מען טהוט אזוי, דארף מען אזוי. ווי זאָגט מען עפּעס אין דער היים: יעדער ווארעם (ווארום) האט זיין דאָרעם (דארום).

איהר מיינט בעקאָס מיין מאן איז א שלים־מזל'ניק, א שלומיאל, לאָז איך איהם ניט מישען זיך אין די ביזנעס? זאָג איך אייך, אז איהר האט א ביג מיסטייק. טאָמער מיינט איהר, אז איך האב די פּאָאַר הייזקעס געקראָגען פון אימיצען א ירושה אדער איך האב זיי געקויפט פאר מיינע אייגענע געלד, האט איהר אויך ניט געטראָפען. זיי זיינען דוקא, ווי מען זאָגט, פריהער גאָט'ס גאָב און נאָכדעם מיין מאן'ס פּראָצע; אבער מישען זיך צו זיי לאָז איך איהם ניט, בעקאָס ער טויג ניט צו זיין א לענדלער (לענדלאָרד).

מיינער איז א איד א ביזנעססמאן און ווען עס האט זיך געלאָזט מאכען געלד פון ריעל עסטייט, האט ער געמאכט. איך זאָג אייך א שור טהינג, אז פאר דעם נדן וואס איך האב איהם געגעבען, וואָלט ער אפילו די שויבען צו די ווינדאָוס פון איין הויז אויך ניט געקענט קויפען; נור וואס דען? ער האט געהאנדעלט און געוואנדעלט, ביז גאָט האט געהאָלפען און מען האט זיך צו עפּעס צוגעשלאָגען.

עס זיינען געוועזן צייטען, ווען מען האט פון ריעל עסטייט עפּעס געקענט זוכה זיין. היינט טויג שוין דער עסק אויף טויזענד כפרות;

עס איז מעהר ניט, דער וואס האט נאך א מכה פון אמאל, מוז זיך מיט איהר האלטען.

אמאל, אויב איהר געדענקט, אין גרויסען „בום" האט מען דא אין בראנזוויל געמאכט מאני לייק שפענער. מען האט געקויפט און פערקויפט לאטס און הייזער און עס האט זיך געטהאן א ליכטיגע וועלטיל. אויף יעדער שטיקעל ערד זיינען געוואקסען אססיגנאציעס. פופציג דאלאר בילס און הונדערטער פלעגען אויסוואקסען איבער נאכט. דאמאלס איז געוועזן די רייט טייעם צו מאכען געלד; היינט אבער איז די ביזנעס טויט, אבגעשטארבען, מען דיעלט ניט, מען קויפט ניט, און די גאנצע ריעל עסטייט ביזנעס איז ווערטה א זעטץ אן דר'ערד.

אט דאמאלס אין „בום" האט מיין מאן געדיעלט מיט לאטס, מיט הייזער, מען האט אבגעשפארט א פאאר דאלאר און געקויפט די פאאר קברים. ער טויג זיך היינט אויך צו עני ביזנעס, נור ניט צו זיין א לענדלארד, בעקאס ער איז א צו גוטער אין נאטור.

גוט זיין צו יענעם הייסט אפט, שלעכט זיין צו זיך אליין; ווען מען האט צו פיעל רחמנות אויף יענעם, איז מען אמאל א גזלן אויף זיך אליין.

איהר מיינט מיר ווילט זיך זעהר געהן קאלעקטען רענט, אדער אויסהערען די קאמפליינטס פון די טענערקעס און ארומרייסען זיך מיט די הויז קיפערס? איך וואלט עס, אויף נאמנות, מוחל געוועזן; באט, אבער ווהאט קען אי דו? אז איך וועל איהם שיקען, וועט פיעל ערגער זיין.

ער איז א מענש, ווי מען רופט עס ביי אונז, מיט פוקע לבבות. אז מען זאגט איהם: ניטא קיין רענט, איז רעכט אזוי! מען זאגט איהם פיינטען די רומס, איז פיינטען! פיקסען, איז פיקסען, צו מען דארף, צו מען דארף ניט. ער איז ניט דער מענש, וואס קען אימיצען אבזאגען, בעקאס הי איז טו גוד, און דאס טויג ניט.

ווען איך זאל איהם לאזען זיין באס, וואלטען מיר די פאאר פראפיטקעס גיך גע'פטור'ט און מען וואלט שוין לאנג נאך זיי אבגעזאגט א רבנן קדיש.

און מיינט איהר, אז איך בין א שלעכטע? אסור מיר, אי עס נאט סא בעד; אבער איך ווייס אוואו איין און וואו אוים. איהר ווייסט ניט

וואס טענערס (טענאנטס) זיינען. לאזט זיך נור צו, וועלען זיי אייך דעם קאפ אויך אראברייסען.

איך פרעג אייך, האט איהר שוין אמאל געהערט פון א גוטען לענדלער אדער לענדלײדי? נעוועהר אין יור לייף! ווי גוט איהר זאלט די שכנים ניט בעהאנדלען, וועלען זיי אייך אלץ האלטען פאר א גזלן, פאר א רוצח, וואס באדט זיך אין זייערע בלוט.

קויפט אימיצער פארניטשור, דזשועלערי אדער עניטהינג, איז ער דעם סטאר קיפער קיין שונא ניט, כאטש ער ווייסט, אז ער האט פון איהם גוט פערדיענט; בעצאהלט ער דעם לענדלער רענט, ווינשט ער איהם באלד, אז ער זאל עס אויסקריינקען, אקוראט ער זאל ביי איהם נעהמען אומזיסטע געלד.

אי דאנט נאו, פאר וואס מען איז די לענדלערס אזעלכע שונאים. אויף אלע מענשען אין דער וועלט האבען אפילו די ערגסטע רחמנות און אויף א לענדלער איז גאר קיין רחמנות ניטא! שטעהען זיינע רומס לעער, זאגט מען: א מצוה אויף איהם; ווערט ער קראנק, זאגט מען: זאל ער ניט דערלעבען אויפשטעהן; איז ער גוט אב, שילט מען איהם אוים די געביין; איז ער ארים, זאגט מען: האב איהם א שווארץ יאהר.

איהר מיינט, איך ווייס ניט וואס פאר א פנים איך האב ביי מיינע טענערס? אי גאו איט. ווען איך געה קאלעקטען רענט, קוקט מען אויף מיר אזוי ווי אויף א מלאך המות און וואס מען ווינשט מיר דאמאלס זאל פאלען אויף משוגענע הינד; באט אבער איך מוז דאך געהן, ווייל אין הויז וועט מיר קיינער ניט ברייננגען. אפילו די בעסטע צאהלער, אפילו די בעל הבית'שע מענשען וואס האלטען רענט פאר א חוב, זאגען אויך: זי איז ניט קראנק צוווארטען און ווען מען מאהנט ניט גיבען זיי ניט. אז איך שווייג, שווייגען זיי אויך.

איך האב שכנים ניט קיין ארימע, מעי בי רייכער פון מיר, און ווען זיי גיבען מיר רענט, איז עפעס אקוראט זיי זאלען מיר שענקען א נדבה. איך האב נאך קיינמאל ניט געזעהן, אז אימיצער זאל מיר געבען געלד מיט א צופריעדענע מינע און עס זאל איהם הנאה טהאן וואס ער האט א חוב גע'פטור'ט. איין טייפעל זיינען זיי, די רייכע אזוי ווי די ארימע.

וואס מיינט איהר, ריידען מיינע טענערקעס צווישען זיך ווען זיי

שטעהען ביים סטוּפּ און זיי דערזעהען מיך געהענדיג פון דער וויי־טענס? אָט וועל איך עס איך איבערגעבען וואָרט פאַר וואָרט.

איינע זאָגט: „אָט שלעפּט זי זיך שוין דאָרט, די מכשפה.“ אַן אַנדערע זאָגט: „זאָל איהר אזוי דער מאַן ליעב האבען ווי איך האב איהר ליעב.“ א דריטע רופט זיך אָב: „זאָל זי געהן און צוברעכען א פוס.“ נאָך איינע טהוט זיך א זאָג: „אזוי פיעל געשווירען איהר פיעל דאָלאַר זי וועט דאָ באַלד ארויסשלעפּען.“ און אויב א מאַנסביל איז דערביי פאַראַן, ווארפט ער נאָך צו א פּאָאַר גראָבע „דזשאָוקס“ און עס ווערט א געלעכטער.

אי'ל טעל יו, הערען האב איך עס פון מיינע שכנים ניט געהערט; אבער איך האב עס געהערט פון אנדערע און איך פערשטעה, אז מיינע זיינען אויך אזוי.

ווען איך קום אמאָל צו מיינע א פּראָפּערטי און איך גיב אָב מיינע טענערקעס „גוד מאָרנינג,“ ענטפּערען זיי מיר זעלטען. די וואס ענט־פערן אפילו יא, האבען זיי בעת מעשה אויך אין זינען: „א שווארצער, פינסטערער יאָהר אויף דיין קאָפּ, ניט דערלעב מעהר צו קומען.“ אי נאָו איט ווערי וועל; באָט וואס קען איך טהאָן? געה שריי: האָט מיך ליעב! אז זיי ווילען ניט, ווילען זיי ניט.

איך בין ביי זיך ניט גרוים. פערקעהרט, איך וואָלט וועלען לעבען גוט מיט מיינע טענערקעס, איך וואָלט וועלען, ווי מען זאָגט, באַלאַקען מיט זיי, בעקאָס אי לייק איט; באָט אבער זיי ווייכען מיך, אקוראַט איך זאָל זיין א בער.

מאַנכע טענערקעס, וואס כאַפּען אָפּט מיט מיר יא א שמועס, האבען נאָכדעם צרות פון זייערע שכנות; מען ווארפט זיי אויף, אז זיי לעקען זיך אונטער צו דער „מכשפה“ און מען האט זיי דערפאַר פיינד.

בעליוו מי, מאַי דיר פרענד, אז מיר איז ניט אזוי ליעב צו זיין א לענדליידי, באָט אבער איך קען מיר ניט העלפען, וויל מיין מאַן טויג פאַרט ניט צום עסק.

איך האב אייך נאָך א סך צו דערצעהלען פון מיינע טענער און טענערקעס; אבער זאָל שוין זיין אויף אַן אַנדער מאָל.

II.

א מעשה מיט א שלעכטען שכן.

לייט זיינען מיר מקנא. זיי מיינען אז גליקליכער ווי א לענדליידי איז גאר ניטא. איך זאג אייך, אז עס איז ניטא וואס מיך מקנא צו זיין. א שפאס, די גרויסע פארטשונס, וואס מען מאכט היינט ביי ריעל עסטייט! ווי זאגט מען עפעס: די שאטצערס זיינען רייך.

די טענערס (טענאנטס) מיינען, אז מען ווערט גאר קעלביג פון זיי; עס דאכט זיך זיי, אז די לענדלערס (לענדלארדס) געהען אין גאלד ביז׳ן האלדז. אי׳ל טעל יו, עס זיינען פאראן לענדלארדס, וואס שארען טאקע גאלד; אבער ווייסט איהר וועלכע? די וואס האבען הייזער אין פינפטע עוועניו און זיי זיינען פעררענט צו ריטש פיפל; פון אונזערע חיים׳קעס אבער קען מען גאר ניט דערלעבען — מען דערלייגט נאך צו זיי. — דאנטש יו בעליוו איט?

אוי זאל איך שוין טאקע אזוי אויפגעריכט ווערען, ווי עס זיינען פאראן שכנים וואס מען דארף נאך צו זיי דערלייגען פון קעשענע; באט אבער וואס זאל מען טהאן? אי קענט העלפ איט, אז מען פאלט אריין מיט א שלעכטען טענער, מוז מען זיך מיט איהם האלטען. איהר מיינט ארויסשטעלען א טענער איז זעהר גוט?

ווען מען שטעלט ארויס א טענער אין סטריט, שילט מען אויס דעם לענדלארד זיין געביין. ווער עס האט נור א מויל ווארפט אין איהם אריין א קללה און ווען ער ווייזט זיך בשעת מעשה אויפ׳ן פלאטץ, וואלט מען איהם אפשר פערשטיינט. אי שוד ליוו סא, אז איך הויב ניט אן צו פערשטעהן, פאר וואס עס איז אזוי.

וועאי איז איט? פאר וואס, אז א גראסערי מאן וויל ניט בארגען א שלעכטען צאהלער האט גאר קיינער צו איהם קיין טענות ניט, קיי־נער זאגט גאר ניט, אז דאס איז אן עולה; אז א בוטשער אדער א פעד־לער הייסט בעצאהלען פאר זיינע וואהרע, גיט איהם קיינער ניט אומ־גערעכט און אז א לענדלער וויל מען זאל איהם צאהלען רענט, זאגט

מען, אז ער איז א וואלד גזלן, א מערדער, און אלע זיינען איהם דם שונאים!

אז איינער ווארפט אריין א סענט אין טעלער פאר אן ארויסגע־ווארפענעם טענער, דענקט ער, אז ער האט זיך עולם הבא געקויפט און דער לענדלער, וואס האט דעם זעלבען טענער געשענקט א מאנאט, צוויי אדער דריי רענט, האט מען זיך איינגעשמועסט, ווער פערפא־לען ווערען אין גהינום, וואס איז, ער האט איהם געדארפט לאזען מעהר איינוואוינען! און פון וואנען ווייסט איהר, אז דער לענדלער פערמעגט צו שיינקען אזא גרויסע נדבה? סא העלפ מי גאד, אז מיין שכל בענעהמט עס ניט.

עס איז אמת, אז עס איז טאקע א רחמנות אויף ארימע לייט, וואס האבען ניט צו צאהלען רענט; באט אבער רחמנות היינט, רחמנות מארגען, מען קען זיך אמאל ניט העלפען. ווי זאגט מען עפעס אין יוראפ: ווען דער חזן זאל וועלען וויינען ביי אלע אל מלא רחמים'ס, וואלטען איהם די אויגען ניט געסטאיעט.

און לעט מי טעל יו, אז עס זיינען פאראן א סך וואס פערמעגען און ווילען ניט צאהלען קיין רענט. מופען, זאגען זיי, קאסט ביליגער ווי רענט צאהלען. זיי וואוינען איין אין איין הויז א מאנאט צו מעהר און מופען ארויס ערגיץ אנדערש, דארט טהוען זיי אויך דהי סיים און אזוי האלטען זיי שטענדיג אין איין ארום מופען.

אט האב איך געהאט א טענער, וואס האט ביי מיר געוואוינט גאנצע זעקס מאנאטען און רענט האט ער מיר בעצאהלט אנלי פאר צוויי מאנאטען. און מיינט איהר, איך בין עס אזוי גוט און פרום, וואס איך האב געווארט אזוי לאנג? איך בין, אין אמת זאגענדיג, גאר ניט אזא צדקת, אגב פערמעג איך גאר ניט צו געבען אזוי פיעל צדקה; באט אבער עס האט זיך אזוי געמאכט.

היינט איז עס ניט אזוי ווי אמאל. מיט א פאאר יאהר צוריק זיי־נען רומס געווען חריף. מען האט קיין רומס ניט געלאזען שטעהען לעער. עס פלעגען קריכען טענערס אויף טענערס. נאך איידער איינער האט ארויסגעמופט, זיינען שוין די רומס געווען פעררענט, צוזוקערען פלעגט מען די רומס; ענד נאו קוקט מען אוים די אויגען ביז אימיצער קומט פרעגען אויף א וואוינונג! א חוץ דעם זיינען אלע אזעלכע יחסנים געווארען, גאט זאל היטען! וואס פאר רומס מען ציינגט זיי,

געפעלט זיי ניט. ליאד א יענטע וויל סטים היט, א באָד, הייסע וואסער, אַנדערש קענען זיי זיך ניט קראַצען! נו, קומט טאַקע אָן מיט צרות ביז מען קריגט א טענער, און אז מען קריגט איהם שוין יא, מוז מען איהם נאָכגעבען די שמד און ער פועלט וואס ער וויל.

אין ניו יאָרק איז נאָך א האַלבע צרה. דאָ אבער, אין בראָנזוויל איז גאָר ניט אויסצוהאַלטען. גיב זיי טשיפ און א מאָנאַט פריי, ווען ניט לוינט זיי ניט. וואס זאָל מען טהאָן? אז מען קען בעסער ניט מאַ־כען, מוז זיין גוט אזוי. ווי קענט דו נאַטהינג, ווען די צייט איז שלעכט, מוז מען ליידען.

זיינען אין מיינע פראַפּערטקעס געשטאַנען לערע רומס פאר א יאָהרען א גאַנץ ווינטער. א סך בראָנזווילער טענערס, יו נאָו, זיינען אזוי ווי די בושלערס, כל זמן עס איז ווארים, האַלטען זיי זיך און ווי עס ווערט קאַלט פליהען זיי אוועק און די רומס בלייבען פוסטעווען. סאַירטענלי, קומט די רומס ניט צו קיין געזונד, ווען זיי שטעהען לעער און די רענט איז אויך א וועהטאָג אין הארצען.

אז גאָט האט געהאָלפען און די זונן האט א בלישצע געטהאָן, אז עס איז געוואָרען ווארים, האבען זיך אָנגעהויבען יאָוועז אביסעל קאָסטאָמער אויף רומס; באָט אבער שים זיי אין מח, א מאָנאַט פריי ווילען זיי, ווען ניט, זאָגען זיי, לוינט זיי ניט צו ברעכען זיך און מופען פון ניו יאָרק. וואס קען מען העלפען? זאָל זיין א מאָנאַט פריי, אלץ בעסער ווי גאָר ניט. הכלל, האב איך געהייסען די הויזקיפּערס פער־רענטען.

האט איין הויזקיפּער פעררענט פיער רומס און איידער דער טענער האט ארויסגעמופט האט מען די רומס געפיינט, געקלעפּט און די האָלץ געוואָרנישד, אַנדערש האט דער טענער ניט געוואָלט. בעצאָהלט האט ער פאר איין מאָנאַט רענט און א רעסיט האט ער געקראָגען פאר צוויי. געקומען צו רענט געבען, איז נאָו מאָני און מען בעט מיר איך זאָל ווארטען א וואָך, אָנלי וואָן וויק. ווהאט קען אי דו? ווארט איך.

אויף איבעראכטאָג דערצעהלט מיר די טענערקע, אז איהר מאַן האט נאָך קיין פיידע ניט גענומען און באלד ווי איהר מאַן וועט בריינ־גען געלד וועט זי שוין אריינטראָגען די רענט צום הויזקיפּער. איך קום איי פיו דעים לייטער, קיין געלד איז נאָך אלץ ניטאָ.

אי וואוד'נט באדער יו מאטש, און איך וועל אייך דערצעהלען

אין קורצען, אז עס איז אוועק א גאַנצער מאָנאַט ביז דער טענער האט גאָר ארויסגעמופּט. האט ער מיר אָנגעמאָסטען, הייסט עס. ער האט אָבגעוואוינט טרי מאָנטס פאר אָנלי וואַן מאָנט רענט.

פערדראָסען האט עס מיר גאַנץ שטאַרק; באָט אבער איך בין צו־פריעדען געווען וואס זיי האבען מיר כאָטש געלאָזען די רומס גאַנץ. אנדערע רייסען נאָך עקסטרא ארום די ווענט, ווייל זיי האַלטען עס א פּנים פאר א מצוה טו מייק איי לענדלער דעמעדזשעס.

אין דהי סיים קום איך אין מיינע אַן אנדער הייזקע, דער־צעהלט מיר דער הויזקיפּער א שמחה, אז ער האט פּעררענט רומס און אויך דהי סיים מעשה, א מאָנאַט האט ער געגעבען פריי. איך בין אריינגעגאַנגען זיך בעקענען מיט מיינע נייע טענערס, ערשט דאס זיינען די זעלבע, וואס האבען טאַקי פון מיין הויז ארויסגעמופּט.

„ניט פּערפּרעמדט געוואָרען" — מאכט צו מיר די טענערקע און לאכט. איהר געלעכטער האט מיר געשניטען ביים הארצען לייק נייפס; באָט אבער איך האב געמוזט שווייגען.

ווען עס איז געקומען די צייט, ווען זיי האבען געדארפט געבען רענט, האט מען מיר אָנגעהויבען אָבלייגען פון טאָג צו טאָג, ביז זיי האבען וויעדער איינגעוואוינט א מאָנאַט און אז איך בין אין כעס געוואָרען און אָנגעהויבען סטראַשען מיט א מופ־צעטעל, האבען זיי אליין ארויסגעמופּט און מיר נאָך פריהער געמאכט א שעהן ביסעל שאָדען. צובראָכען שויבען, צוקראַצט די ווענד און מיר האט נאָך אלס צוגאָב געקאָסט איי פיו דאָלארס קעש מאָני.

אָט אזוי האט מען עס נחת פון שכנים, ענד בעליוו מי, אז חוץ דעם זיינען הייזער היינטיגע צייטען א דלות און איך וואָלט פון מיינע שטיקלאך פּראָפּערטים וועלען פּטור ווערען. ווי זאָגט מען עפּעס: בעסער א רייכער שכן איידער אן אָרימער בעל הבית.

III.

פאני ביוטסיא, א מוזשיקו האלאווא באליט.

איהר זאגט וועגען מאכען מופען א טענער (טענאנט), וועל איך אייך דערצעהלען, אז אפט מאכען די טענערס איינע די אנדערע צו מופען. און וועמען שילט מען, אויף וועמען גיסט מען אוים די תוכחה? אויפ'ן לענדלער (לענדלארד) אדער אויף דער לענדליידי! אלעס אויפ'ן ארימען לענדלער.

וואס דו יו טהינק, אז מען האט שוין א פראפעטי איז מען שוין די גאנצע בעל הבית'טע דארט? עס הויבט זיך גאר ניט אן! די טע־נערס זאגען, אז זיי האבען אויך א דעה און איהר מוזט זיי אפט פאל־גען. ווען איהר פאלגט זיי ניט, געהט עס אוים צו אייער קאפ, קאסט עס אייך געזונד און געלד.

עס טרעפט אמאל, אז צוויי טענערקעס צוקריגען זיך, מאכען זיי אן אזא סומאטאכע אין הויז, אז איהר מוזט כאטש איינער צוצאהלען, אבי זי זאל ארויסמופען. אי עס נאט דזשאקינג, זאל מיר אסור זיין אויב איך לאך; באט אבער דאס איז א פעקט, וואס האט שוין מיט מיר אליין פאסירט.

קיין גוטער איד זאל זיי ניט קענען, ס'ארא פאסקודנע מענשען עס זיינען פאראן אויף דער וועלט. טפו זאלען זיי ווערען! מען דארף, אי טעל יו, זיין סטראנגנער פון אייזען צו קענען אויסהאלטען פון זיי. רע־גולע חיות, איך זאל אזוי לעבען. טשעפען זיי זיך איין אין אימיצען, איז גוד באי טשארלי.

איך פרעג אייך אדרבה: סופאוז, דהיינו, למשל, וואס דאכט זיך קענען טענערס אדער טענערקעס האבען איינע צו די אנדערע? טרעפט אבער אפט, אז זיי רייסען זיך ארום ווי קעטץ, און וועמען, מיינט איהר, קריינקט די קאפ? דעם לענדלער, צו דער לענדליידי! פוירסט טהינג האט מען צום לענדלער טענות און ער האט פון זיי קאלט און וואַרים. עס איז רעכט ניט וועלען געבען קיין רענט און אנטהאן איהם

כל־ערלײ געברענטע לײדען און סוף כל סוף פערלירט ער צוליעב זײער רײסערײ א שכן אויב ניט מעהר.

איך װעל אײך דערצעהלען װאס איך אלײן האב געהאט צוליעב אזא מעשה.

מײנע א הויז איז בעזעצט כמעט אין גאנצען מיט ליטװאקעס און ליטװאטשקעס. האט זיך געדארפט מאכען לענגער, אז א גאליצי־אנער פאמיליע האט אהין אריינגעמופט. נו, האט זיך אנגעפאנגען א סדרה, אז איך בין שיעור קרײזי געװארען פון די יעלות מיט די קאמ־פלײנטס טאג טעגליך, און דער סוף איז געװען, אז איך האב די גא־ליציאנער געמוזט שיקען א מוף־צעטיל. און װײל עס איז שױן ארײן אין א רוגז, װי מען זאגט, האבען זײ פאר'ן ארויסמופען צוריסען און צוקלאפט פריש געפײנטע װענט און מיר געמאכט אויף שעהנע עטליכע דאלאר דעמעדזשעס ; אויסער דעם שטעהען די רומס נאך הײנט אויך לעער.

און אנגעהויבען האט זיך עס פון א קלײניגקײט, פון א ליטל נאטהינג. דער גאליציאנערקע'ס קינדער האבען שפיעלענדיג מיט די קינדער פון נעקסט־דאר זיך ניט אויסגעגלײכט צװישען זיך און די מאמעס האבען זיך דערפאר צוקריעגט, איז דערפון געװארען א גאנצע בונטאציע און די ליטװאטשקעס האבען זיך אנגעזעצט אויף די נײע טענערס ארויסצופושען זײ פון הויז.

קום איך אמאל צוגעהן, דערצעהלט מען מיר א סטארי, אז די גאליציאנערקע האט שלעכטע קינדער װאס לאזען א משוגענעם הונד ניט דורכגעהן אין האל, אז זי אלײן, די גאליציאנערקע, איז א דוירטי סלאב, אז שטענדיג האלט מען בײ איהר אין אײן קװיטשען און קלאפ־פען אין סילינג און מען קען איבער זײ קײן נעכט ניט שלאפען. בכן, װאס זשע װילען זײ, די ליטװאטשקעס ? גאר א קלײניגקײט, איך זאל די גאליציאנער מאכען צו מופען.

איהר פערשטעהט א פערלאנג פון מענשען ? איך זאל מאכען צו מופען א טענער, װאס צאהלט מיר רענט און איך בין פון איהם צו־פריעדען ! א קלײניגקײט איז עס, הײנטיגע צײטען, װאס עס קריכען ארויס די אויגען פון קאפ ביז מען דערלעבט פעררענטען רומס, זאל איך אלײן ארויסטרײבען א שכן און לאזען די רומס שטעהען לעער, װאס איז ? בעקאס, צװײ יענטעס האבען זיך צוקריגט ! עס איז טאקי

ווי א היימישער גוי זאָגט: פאני ביוטסיא א מוזשיקו האָלאָווא באָליט (פּריצים שלאָגען זיך און דעם פּויער טהוט דער קאָפּ וועה).

אי ניו איט, אז קיין גוטס וועט שוין דערפון ניט ארויסקומען און איך האב געטרייעט מאכען שלום; באָט אבער א נעכטיגער טאָג! מיט איין וואָרט, זיי ווילען ניט די גאליציאנער שכנים.

אויף מאָרגען בין איך געקומען, דערצעהלט מען מיר א נייע סטאָרי, די גאליציאנערקע טראָגט ניט ארונטער די שמוטץ און זי וואַרפט אלעס דורך'ן ווינדאָו אין יארד אריין. אויף איבערמאָרגען, א נייע חתונה! דער מיסט מאן האט ניט געוואָלט צונעהמען די קענס, בעקאָם עס איז געווען צוזאמענגעמישט אשעס מיט קעבעדזש און ווער האט עס געטהאָן? די דוירטי סלאב, די גאליציאנערקע.

בעליוו מי, אז איך האב פערשטאנען, אז מען פּולט מיך, אז דאס טהוען זיי אליין עקסטרא, כדי צו מאכען א בלבול אויף די גאליציאנער; באָט אבער געה מאך מיט זיי.

די מאנסבילען שטעהען דאס רוב פון דער וויטענס ווען די ווייבער רייסען זיך ארום; באָט דעם מאָל האט זיך דער גאליציאנער אָנגענומען פאר זיין גאליציאנערקע און ער האט געזאָגט: וועמען עס איז ענג יענער זאָל אָבטרעטען, האבען די אנדערע מיסעסען אָנגערייצט זייערע מענער און מען האט ניט געוואָלט געבען קיין רענט. ענד דאָנ'ט עסק קוועשטשאָנס, עס איז דאָרט געווען געגוג! און אויסגעפיהרט האבען די ליטוואטשקעס.

סאָם טייעמס טרעפט, אז טענערס זעטצען זיך אָן אויף א הויזקיפּער און דערגעהען איהם אזוי לאַנג די יאָהרען ביז ער טרעט זיי אָב; ווען ניט דערגעהען זיי דעם לענדלער די יאָהרען ביז ער מאכט דעם הויזקיפּער צו מופּען.

אָט אזוי איז עס, מאי דיר פרענד, מען האט געגוג צרות פון די הייזער — צרות, זאָג איך אייך, אויפ'ן פּוד און אלס צוגאָב שילט מען די לענדלערס מיט טויטע קללות, מען פערגינט זיי ניט וואס זיי לעבען אויף דער וועלט, און פרעגט פאר וואס?

איך וועל אייך זאָגען וואָנס מאָר, אז די גאנצע ריעל עסטייט ביזנעס טויג היינט אויף כפרות. עס איז אויסגעשפּיעלט און מעהר ווי קלעמענים, בויך וועהטאָג, מיינע שונאים, קען מען דערפון ניט

גניסען. די טענערס זיינען היינטיגע צייטען אינדעפּענדענט. דער לענדלער דאַרף גאָר פאַר זיי מורא האבען. מיט איין וואָרט, עס איז, ווי מען זאָגט, מכולה טרומף.

IV.

יד אחת צווישען שכנים.

איך האב אייך לעצט וויק דערצעהלט פון די צרות, וואס מען האט ווען שכנים זיינען מעד איינע מיט די אנדערע. נאו אי'ל טעל יו, אז ווען טענערס לעבען צו גוט צווישען זיך, טויג אויך אויף טויזענד כפּרות.

ווען טענערס פערהאַלטען זיך גוט, ווערט ביי זיי א מין יוניע (יוניאָן), א מין יד אחת, ווי מען זאָגט, צו דערגעהן דעם לענדלער אדער די לענדליידי די יאָהרען. זיי האַלטען איינע פאר די אנדערע שטאַהל און אייזען און ליגען דעם לענדלער אין דר'ערד אריין. זיי מאַכען עס אָפּט אזוי, אז עס קומט אוים כאָטש טרעט זיי אָב די הויז און אנטלויף.

אי עס נאָט לעפינג, נור איך זאָג אייך די ריכטיגקייט. איהר זיינט אין די ביזנעס קיינמאָל ניט געווען, ווייסט איהר ניט; פרעגט אבער מיר, וועל איך אייך דערצעהלען.

אָט וועל איך אייך צייגען גאָר א קלייניגקייט. סופּאָוז, דהיינו, למשל, עס טרעפט אמאָל, אז מען מוז מיט א טענער מטיב זיין און פעררענטען איהם רומס פאר ביליגער, אונטער'ן פּרייז — זאָל אזוי ניט טרעפען ווי עס טרעפט. היינטיגע צייטען קען מען ניט אפּאָרדען צו לאָזען רומס שטעהען לעער, און אז מען קען ניט אריבער געהט מען ארונטער; איז א דאָלאַר מעהר, א דאָלאַר ווייניגער אבי די הויז זאָל זיין בעזעצט. מאַכט זיך אמאָל, אז מען לאָזט א טענער ארונטער א דאָלאַר שטילערהייד, קיינער זאָל ניט וויסען. מיינט איהר, האַלטען זיי עס טאַקי בסוד? געוועזער אין יור לייף.

ווען דער טענער, דהי מעין טהינג די טענערקע, וואס דער לענד־לער מאכט איהר א בארגיין, פערהאלט זיך ניט גוט מיט די אנדערע מיסעסען פון הויז, שווייגט זי דאס רוב און דערצעהלט קיינעם קיין מעשה ניט; איז זי אבער מיט די אנדערע, ווי מען זאגט, אויף איין אויער, דערהאלט זיך ביי איהר דער סוד לאיק וואטער אין א זיפ. זי צופויקט עס באלד פאר אלעמען און דעם לענדלער פעהלט שוין קיין צרות ניט.

אזא זאך בויטשען אפילו אמאל אוים די ווייבערישצעס אין א קריעג אויף. עס טרעפט, אז צוויי טענערקעס צוקריעגען זיך פאר א וועש ליין אדער פאר אן אנדער זאך, ווארפט איינע אויף דער אנדע־רער: „מען קען דיך, וואס פאר א סחורה דו ביזט, והראיה, אז מיר האט דער לענדלער ארונטערגעלאזט א דאלאר רענט און דיר חלאת!" אבער יענע נעהמט עס ניט אן פאר ערנסט און ענטפערט דערויף אזוי: „דו ביזט א קבצן'טע, א שנארערקע, געהסט דו שנארען ביים לענדלער א דאלאר, איך אבער קען בעשטעהן צו צאהלען א דאלאר מעהר," און די זאך געהט אב גלאטיג; באט אבער ווען א טענערקע דערצעהלט אזא זאך אין גוטען מוטה, ווי מען זאגט, מעג זיך שוין דער לענדלער ריכטען אויף א פעקעל צרות.

עס האט שוין ביי מיר אליין אזא סטארי געטראפען. א טענער האט זיך מיישב געווען, ער וועט מופען; נו, האב איך איהם געמאכט א בארגיין, מיט צוויי דאלאר ביליגער — אלץ בעסער ווי לאזען די רומס שטעהען לעער — אבער באופן, אז עס זאל זיין קוואיט, שא, ווי מען זאגט. אויף מארגען בין איך געקומען, שושקעט מיר אריין אן אנדער טענערקע אין אויער, אז זי וויל אויך איך זאל איהר ארונטער־לאזען צוויי דאלאר און אזוי א צווייטע און אזוי א דריטע, ביז עס איז געווארען א גאנצער סטרייק און מען האט מיך שוין געוואלט אריינ־שטעלען אין די פייפערס. בעליוו מי, מאי דיר פרענד, אז עס וועט מיר אזוי פיעל געזונד ניט צוקומען אין א אל ייר, וואס מיר איז דאמאלס אבגעקומען.

אי'ל טעל יו א נייסער סטארי. איך האב געהאט א טענער, וואס איך האב פון איהם געוואלט פטור ווערען. ער איז געווען א גרויסער בונטאוושטשיק. ער פלעגט מיר אין די אויגען זאגען, אז לענדלערס זיינען בלוט־זויגערס, פיאווקעס און עס איז א מצוה צו אנטהאן זיי

כל־ערליי צרות. קינדער האט ער געהאט מזיקים. זיי האבען ארומגע־ריסען די פייפער פון די ווענד, אלע טאג צובראכען שויבען, פון די פריימס פון ווינדאוס אבגעריסען די פארב און צושניטצט די האלץ מיט א מעסער. עס איז געווען פשוט ניט צו לעבען פון זיי. היינט זי, די טענערקע, עפעס א צוקראכענע ווייבעל, איז זי איינמאל אוועקגע־גאנגען פון הויז און געלאזט אפען די קראנען פון וואש טאב און אין הויז איז געווארען א גאנצער מבול. עס איז ארונטערגערונען אונטען, דער סילינג איז צואווייקט געווארען און ארונטערגעפאלען. עס איז א גליק געווען וואס קיינער האט דארט ניט געוואוינט, ווען ניט וואלט נאך אימיצער גע׳הרג׳עט געווארען אויך, און צו די אלע מעלות האבען זיי נאך קיין רענט אויך ניט געוואלט צאהלען.

הכלל, איך האב געזעהן, אז עס איז א שלעכטער עסק, האב איך זיי אנגעהויבען בעטען מיט גוטען זיי זאלען מופען. איך האב זיי שוין מוחל געווען די רענט, וואס זיי זיינען מיר שולדיג געווען, אבי פטור ווערען פון זיי. איך וואלט זיי נאך עפעס צוגעצאהלט, אבי זיי זאלען געהען; באט אבער שים זיי אין מח, אט ווילען זיי ניט מופען און גאר.

מילא, אזוי לאנג און אזוי ברייט, איך האב געשיקט א מוף צע־טעל. יו סי, איך האב שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט, און ווער וואלט בעסער געווען? באט אבער זיי האבען אלץ ניט געריהרט זיך פון ארט און איך האב זיי געלאזט ארויסשטעלען אין סטריט.

אי געס, אז איך בין שוין פארטיג, קום איך אבער אויף מארגען א קוק טהאן צו די לעערע רומס, ערשט מיינע טהייערע טענערס זיינען ווידער דא! די אנדערע טענערס האבען ביי נאכט צוריק ארויפגע־שלעפט די פארניטשע (פארניטשור) און געה טרייעל זיך מיט זיי! קוים מיט צרות, מיט לייד בין איך פון זיי אין עטליכע וואכען ארום פטור געווארען.

אט דאס האט מען פון שכנים, וואס לעבען בשלום איינע מיט די אנדערע.

וואס דארפט איהר מעהר? אין מיינע א סטאר איז געזעסען א בוטשער, איז ער זיך אמאל מיישב, אז איך נעהם ביי איהם צופיעל רענט און פערלאנגט, אז איך זאל איהם ארונטערלאזען פינף דאלאר

אויפ׳ן מאָנאַט, האט ער אויפגעבונטעוועט אַלע טענערס פון הויז און זיי האבען געהאַלטען מיט איהם — בעלי צדקות זיינען זיי אויף א פרעמדער בייטעל, ווי מען זאָגט! באַט אבער איך האב איהם ניט געוואָלט נאָכגעבען און ער האט ארויסגעמופט ערגיץ קיין ברוקלין. ווייסט איהר וואס די טענערס האבען מיר אָבגעטהאָן? זיי האבען ניט געלאָזט פעררענטען די סטאָר. טאָמער איז געקומען א קאָסטאָ־מער האבען זיי איהם אָבגעשלאָגען און איינגערעדט, אז מען קען דאָרט ניט מאכען קיין ביזנעס.

טו מאָנטס איז די סטאָר געשטאַנען לעער ביז איך האב זי דאָך פעררענט צוריק פאר א בוטשער סטאָר. האבען זיך אבער אַלע טענער־קעס אויפגערעדט און נעהמט ביי איהם קיין פלייש ניט! דער איד בעוויינט מיך און בעקלאָגט מיך לעבעדיגערהייד: ער לייזט ניט, ער ווערט בדלות און ער איז אונגליקליך; באַט אבער וואס קען אי העלפּ?

איך האב געפּרובט איבערריידען מיט די טענערקעס, אז עס איז א יושר געבען א שכן א שאַנס און ניט געהען אין ערגיץ נאָך פלייש, ווען עס איז דאָ א בוטשער אין הויז; זיי לאכען זיך אבער אויס און זיי זאָגען, אז אזוי פיעל יושר פיעל א לענדליידי האט, האבען זיי נאָך עני טייעם. נו, פרעג איך אייך: וואס קען אי דו מאָהר?

בעליוו מי, מאי דיר פרענד, אז עס טרעפען אמאָל צייטען, וואס טענערס ווערען איינפאך קרייזי. געהען זיי דינגען רומס, ווייסט איהר וואס אַנדערע פערלאַנגען? גיב זיי קויהלען אויף ווינטער! זיי וועלען שוין באַלד וועלען מען זאָל זיי געבען דיענסטען אויך! וואוינען זיי אין רומס, מיינען זיי, אז די הויז איז זייערע און זיי טהוען וואס זיי ווילען, און דהי ענד אָף איט איז, אז די לענדלערס זיינען שלעכטע, גזלנים, רוצחים, און זיי זיינען די צדיקים, די מזוזה,לאָך. טפו זאָלען זיי ווערען.

V.

א לענדלאָרד איז א מצוה צו נאַרען.

נעבען א פעטען טאָפ, זאָגט מען, איז גוט צו רייבען זיך. אָט אזוי איז מיט אונז לענדלאָרדס. מען רייבט זיך ארום אונז. ווייל מען מיינט, אז מיר זיינען אין אמת'ן פעט, רייך און אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד.

ווען מיר לענדלאָרדס וואָלטען זיך געלאָזט רייבען, וואָלט מען אונז אזוי ארומגעריבען, אז עס וואָלט פון אונז גאָר ניט געבליעבען. מען האלט עס עפּעס פאר א מצוה צו שינדען די הויט פון א לענדלער און נעהמען ביי איהם אומזיסטע געלד. אַי'ל טעל יו דהי טרוט, איך לאָז זיך פּשוט ניט; באָט אבער מען קען זיך ניט איינהיטען און אזוי פיעל גוטע יאָהרען זאָלען מיר האבען פיעל אומזיסטע דאָלארס מען נעהמט ביי מיר צו. וועל, ווי זאָגט מען עפּעס אין יוראָפּ: מיין געלד און זייערע נשמות.

ווען איהר האט א הייזקע, דארפט איהר האבען ביזנעס מיט די פּלאָמבערס, גלעזער, פּייפּער הענגער און פּיינטער. אָט די דאָזיגע חברה ווען איהר דארפט צו זיי אָנקומען, מאכען זיי אייך אוים אַן אויער, ווי מען זאָגט. סאָם אָף דהעם זיינען נאָך צו דערליידען און אנדערע זיינען גאַדעם פּייקערס. פאר דער קלענסטער פּאָטשינקעלע טשארדזשען זיי אייך שווערע דאָלארס און איהר מוזט וויינענדיג בעצאָהלען ווי א טאטע.

דהי מאָוסט הויזקיפּערס לעבען גוט אָט מיט די דאָזיגע בייטעל־שניידערס און פאר יעדער דזשאבעל וואס זיי גיבען זיי בעקומען זיי קאָמישאָן. דאָנ'ט טהינק, אז איך רעד דאס פון פוסטען פּאַס. איך וויים עס אויף זיכער; באָט אבער געה שריי, ווי מען זאָגט: חי וקים.

און קאָמישאָן גיבען זיי חלילה ניט זייערע, נור אויפ'ן לענדלער'ס חשבון. ווען א פּלאָמבער, א גלעזער אדער א פּיינטער מאכט א דזשאָב פאר א דאָלאר, הייסט ער זיך געבען צוויי דאָלאר, ענד איף הי וואָנטס, פּוילט ער זיך ניט זינגען דריי דאָלאר אויך. פוירסט טהינג איז א מצוה צו רייסען פון א לענדלער, און סעקאָנד טהינג דאָרף דער הויזקיפּער

אויף עפּעס האבען דערפון, כדי ער זאָל איהם רופען נעקסט טייעם, ווען מען וועט דארפען עפּעס פיקסען.

אַי וואוד'נט טעל יו אַ לאַי, זאָל מיר גאָט אזוי העלפען ווי מיך אליין האט עס געטראָפען, אז אַ גלעזער האט אריינגעשטעלט איין שויב אין מיינע אַ הויז און בעצאָהלט האב איך איהם פאר צוויי. איהר ווייסט, וואס זיי טהוען אמאָל די חברה? זיי שמירען ארום א שויב מיט פרישע קיט און זיי זאָגען, אז זיי האבען די גאַנצע שויב אריינגעשטעלט, און פּרופּט לייקענט זיי אָב? שטעלען זיי דעם טענער און דעם הויזקיפּער פאר וויטנעס און יענע האלטען מיט זיי בעסער ווי מיט די לענדלאָרדס. דער שווארץ יאָהר וועט ניט כאַפּען דעם לענדלאָרד אדער די לענדליידי, זאָגען שטענדיג די טענערס, זיי זיינען גענוג רייך, זאָל אַן ארבייטער פערדיענען, אָן א אידען איז מעהר מצוה ווי אָן א לענדלער.

געהט זאַטשעפּעט זיך מיט א פּלאָמבער, וועט ער אייך פון א ליטל נאטהינג מאַכען א גאַנצען עסק! טאָמער איז ערגיץ פערשטאָפּט א פּייפּ און מען קען עס פיקסען איינס און צוויי, איז פאר איהם רעכט צו צוואוארפען די גאַנצע פּלאָמבינג פון טאָפּ טו דהי באטעם, אבי נעהמען ביי אייך געלד! אַי שוד ליוו סאָ, אז איך זאָג אייך ניט קיין ליגען.

אַן אַנדערער טהוט נאָך בעסער: ער טהוט זיך א פּאָרקע אויף צעהן מינוט און ער דערצעהלט אייך א מעשה, אז ער נאָך מיט אַן ארויסהעלפער האבען אויפ'ן דזשאב געאַרבייט שווער און ביטער א גאַנצען טאָג, און יאַנקעלע בעצאָהל. שטעהן און היטען זיי איז אונ־פּאָסיבל און מען מוז זיי גלויבען אויף זייערע נאמנות.

אַי וואוד'נט טעל יו, אז אלע בעלי מלאכות זיינען אזוי, מעי בי, אז עס זיינען פאראן פיינע לייט אויך, וואס פערלאַנגען ניט א פרעמ־דען סענט; באָט אבער געה זוך זיי! ווער קען טרעפען, וועלכער עס איז דער פיינער מאַן?

איך געטרוי זיי ניט די חברה, און ווען אימיצער מאַכט א דזשאב פאר מיר, געה איך גאַנץ פיין נאָכזעהן, אויב דער דזשאב איז ריכטיג געמאַכט און אויב ער בלאָפט מיך ניט. איז וואס זשע זאָגען די טע־נערס? א שנאָרערקע דאס איז, זי האט רק מורא, אז מען בע'גנב'ט איהר. אַלבעטשע, אז זי איז אליין א גנב'טע און זי קען נאָך אָפּט אין

בוטשער סטאָר צולאַטכענען א טשיקען, — זאָלען עס מיינע און אייערע שונאים, רבונו של עולם, פערמעגען, וואס איך האב ווען גע־גנב'עט.

אן עולה טהו איך, אז איך היט, ווי מען זאָגט, מיין גראָשען. זיי מיינען אין אמת'ן, אז ביי מיר וואלגערט זיך געלד. אי, אי, אי, סאָ העלפּ מי גאד, אז מיר פעהלט נאָך א סך צו וואנדערבילט'ן.

א שעהנעם פּנים וואָלט איך געהאט ווען איך זאָל זיך פערלאָזען אויף אלעמען'ס יושר, אויף אלעמען'ס עהרליכקייט. איך וואָלט שוין לאנג געדאַרפט אָנטהאָן א טאָרבע און געהן אין די הייזער. א פּאָאָר פּראָפּעטים אז מען האט, איז עס יו נאָו א שטיקעל בעל הבית'יש־קייט און מען דאַרף דארויף אכטונג געבען, מען טאָהר עס ניט לאָזען אויף הפקר און ווען מען גיט ניט אכטונג איז קאַפּוט מיט די ביינער, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

וואס דאַרפט איהר מעהר? איך האב געהאַט א הויזקיפּער, וואס האט ביי מיר גע'גנב'עט קאָהלען און פערקויפט! איך האב זיך עס דערוואוסט אבאוט איי מאָנט עגאָ און איך האב איהם, אמת, דורכגע־יאָגט; אבער איידער ער האט ארויסגעמופט, האט ער מיר געמאכט עפּעס א צרה אין אינדזשען און מיר האט געקאָסט שעהנע עטליכע דאָלאַר פיקסען.

איהר ווייסט דאָך מסתמא, אז הויזקיפּערס קריגען פאר זיך פריי קאָהלם צום הייטצען. נו, איז איהם דאס געווען ווייניג און ער האט נאָך אויסגעהאַלטען זיינע נעקסט דאָריגע אויך מיט מיינע קאָהלען! דאכט זיך אַן עהרליכער אידעל געווען; אבער ביי א לענדליידי צו גנב'ענען איז ניט פערעכענט פאר אן עבירה, אָט אזוי האט מען זיך איינגעשמועסט.

פערטרויט האט מיר דעם סוד א קאָהל מאַן, וואס האלט א סעלער טאָקי אין מיין הויז און איך האב דעם הויזקיפּער געפּאַקט ביי דער האנד. איך האב איהם פּוירסט טהינג געגעבען די העל פאר אלעמען אין די אויגען און נאָכהער האב איך איהם געמאכט צו מופען. עס אי רייט אָר נאַט? אדרבה, זאָגט אליין.

ענד עפּטער אָל זיינען אויף מיר די טענערס געווען אש להבה דערפאר, וואס איך האב דעם הויזקיפּער ארויסגעזעצט און וואָלט מעגליך געווען, וואָלטען זיי מיך אפשר איינגעשלונגען.

איז וואס זשע וויל איך אויספיהרען? אז א לענדליידי צו זיין איז ניט אזא געשמאקער ביסען. מעי בי, אז מען האט גוטע שכנים איז נאך צו דערליידען; באט אבער די קאמענע טענערס, זאל זיי קיין גוטער איד ניט קענען.

VI.

חברה לצים מאכען „פאן."

איך געה דאס ערשט פון מיינע מאיאנטקעס, ווי מען זאגט אין יוראפ. איך האב שוין קיין פיס ניט ארומקריכענדיג אויף די שטיעגען. איך בין געגאנגען קאלעקטען רענט און זאלען עס מיינע שונאים פער־מעגען וואס איך האב איינגעקאלעקטעט.

אויף צאהלען רענט איז דער עולם, ווי מען זאגט, הארט ליביג. מען כאפט זיך ניט אזוי גיך געבען. זי איז ניט קראנק צו ווארטען, זאגען זיי. וואס אארט עס זיי, אז איך וועל קומען נאך אמאל? זיי וועט פון מיין גאנג די פיס ניט וועה טהאן.

אנדערע פערלאזען זיך אויף די הויזקיפערס, זיי זאלען קאלעקט־טען רענט; איך אבער האב פיינד צו פערלאזען זיך אויף אימיצען. געלד איז אן איידעלע זאך און מען טאהר עס ניט געטרויען אויף אבי וועמען. שלעפ איך זיך אום אליין און קלאפ אין די טהירען, אז עס ווערט מיר אזש א העד אייק; באט אבער וואס קען מען זיך העלפען?

בעליוו מי, אז געהן מאהנען רענט איז ניט אזא געשמאקער בי־סען. עס איז נאו גוד. אנדערע האבען טאקי ניט און ווען זיי דערזעהען מיך איז אקוראט ווי זיי זאלען דערזעהן דעם מלאך המות; און אנדערע קענען אפילו יא צאהלען, דאך קומט ביי זיי אוים, אז איך בעראבעווע זיי, אז איך נעהם ביי זיי געלד פאר נאטהינג.

דעם פולס, וואס זיי זיינען! וואס איז, א הויז קאסט קיין געלד ניט? און טעקסעס דארף מען ניט צאהלען? און רעפיירינג מאכט אי־מיצער אומזיסט? וואלטען זיי וויסען ווי מיר דרעהט דער קאפ, וואל־

טען זיי אנדערש געווען. די גאנצע זאך זיי פערגינען ניט, וואס איך האב א פאאר פראפּעטקעס און זיי ניט. פון מיין פארט זאלען זיי אויף האבען, זאלען זיי אויך פערזוכען דעם טעם צו זיין לענדלערס אדער לענדליידים, וועלען זיי וויסען, אז עס איז גאר ניט אזא מאכל, ווי זיי מיינען.

ליסען, אי'ל טעל יו סאמטהינג. אין יוראפּ זאגט מען, אז דער גוי'אישער גהינום איז אזוי: מען שטעלט איהם אריין אין א פאס בראנפען ביז'ן האלדז; אבער מען בינדט איהם צו די טשופרינע אין דער הויך צו א באלקען און ער קען די בראנפען ניט דערלאנגען. אט אזוי איז אויך מיט אונז לענדלערס: מיר האבען הייזער און מיר קענען צו זיי ניט צוקומען, מיר קענען פון זיי קיין הנאה ניט האבען. פון איין זייט די מארטגיידזשעס און פון דער אנדערער זייט די פאסקודנע טענערס און בינו לבינו האבען מיר אזוי הנאה פון די פראפּעטיס, ווי א גוי אין גהינום פון די שנאפּס.

יו קענ'ט אימעדזשין, וואס פאר א הארץ וועהטאג דאס איז, אז מען דארף אין אן אייגענע הויז, וואס קאסט אב בלוט, שטעהן עפּעס ווי, גאט זאל היטען, א שנארערקע און בעטען, אז מען זאל אייך בעצאהלען דאס, וואס עס קומט אייך! עס זיינען פאראן פּריטיקלע טענערס, וואס זיי ווילען גאר ניט ליידען, אז מען קומט צו זיי אין הויז. ניחאי זשע וואלטען זיי אייך פערשפּארט א גאנג און אליין ברייגגען רענט, דאס אויך ניט.

וואס דארפט איהר? דאכט מיר, אז איך בין א מענש, ווי אלע מענשען. איך בין חלילה קיינעם קיין שונא, איך ווינש קיינעם קיין שלעכטעס און אי'ל טעל יו, אז ווען איך קום אריין צו א טענער, קוק איך זיך גאר ניט איין אויף קיין זאך — ווענעמס דאגה איז עס וואס ביי אימיצען טהוט זיך? איך קום פאר מיינע ביזנעס און דהאט'ס אלל. פון דעסטוועגען, אז עס מאכט זיך נאך דעם עפּעס, איז די לענדליידי, די מכשפה, שולדיג! איך האב בייזע אויגען, זאגען זיי, און איך גיב אן עין הרע זיי אליין אדער זייערע קינדער.

קום איך אמאל אריין צו א טענער אין דער צייט, ווען מען עסט דארט, איז מען שטארק ברוגז. זיי האבען זיך איינגעשמועסט, אז מיינע אויגען זיינען שעדליך, אז פון מיינעם א קוק ווערט מען קראנק. אט אזעלכע מאדנע ברואים זיינען פאראן.

שוין ניט איינמאָל האט פּאַסירט, אז איך בין געווען ביי א טענער אין דער צייט ווען זיי האבען געגעסען דינער. נאָכדעם האט די מיסעס עפּעס אָנגעהויבען פיהלען ניט גוט. נו, האט מען געזאָגט, אז מיין קוק האט איהר פערשאַדט! מעני טיימס האבען מיר שוין טענערקעס אויסגערעדט, אז איך האב אן עין הרע געגעבען זייערע בייבים, כאָטש פּרעגט מיך בחרם אויב זיי האבען בייבים אדער ניט.

איט העפּענס, אז מיינע טענערס לאָזען מיך ניט אריין אין הויז. ווען מען דערשמעקט, אז איך געה קאָלעקטען רענט, פערשליסען אַנ־דערע די טהירען. איך קען אָבשטעהן א האַלבע שטונדע סטרייט און קלאַפּען און מען עפענט ניט. אי'ל טעל יו, אז עס דערגעהט אָפּט אזוי צום האַרצען, אז איך ווער סיק פון פערדרוס.

אי טהינק, אז קיינער האט ניט אזוי די געגנאַר פון אימיצען ווי א לענדלער אדער א לענדליידי פון די טענערס. עס איז טאַקי עקזעקט־לי, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ, א גלות מיט ציבעלע. מיר קאָסט אָב א הויז בלוט, איך האב קאָפּ דרעהעניש מיט צרות, און די טענערס וואס צאָהלען כלומר'שט עטליכע פערדאַמטע דאָלאַר דירה געלד זיינען די בעלי הבתים! ווילען זיי, לאָזען זיי מיך ניט אריין און עס טהוט זיי הנאה וואס די מכשפה, די כלב'טע, ווי זיי רופען מיך געווים אונטער די אויגען, שטעהט הינטער'ן טהיר און קלאַפּט.

און אז מען פערשליסט שוין ניט די טהיר און מען לאָזט מיך אריין, דאַרף איך אויך שטעהען ווי א שנאָרערקע ביים טהיר און וואַר־טען ביז דער מיסטער אדער די מיסעס וועט מיר ענטפערן: וואס, איהר ווילט שוין געלד? ניטאָ נאָך היינט, נעקסטע וואָך וועט זיין.

אַי קוד'נט אנדערסטענד איט. פאר וואס בין איך עס זינדיגער פון גראָסערי מאַן, פון בוטשער אדער פון קאָהלמאַן? פאר וואס מאָה־נען יענע א חוב מיט שטאָלץ און איך דאַרף זיין אזוי אונטערטהעניג? געוואַלד געשריען, גזלנים, מיר קומט דאָך, איהר זיינט דאָך מיר שול־דיג, היינט פאר וואס טאָהר איך ניט מאָהנען? וואס זיינט איהר אזוי מעד ווען איך קום נאָך רענט? פאר וואס מאַכט איהר פון מיר חוזק? אדרבה, טעל מי וואַי?

יו נאָו וואס לענגער איז געווען? איט איז א שיים צו דערצעהלען; אבער איך קען זיך ניט איינהאַלטען און איך מוז אייך דערצעהלען.

ווי זאָגט מען עפּעס אין יוראָפּ? אז מען רעדט זיך אויס, ווערט גרינגער אויפ׳ן הארצען.

סאם וויקס עגאָו, וואָלט איהר זעהן, קום איך ארויף צו מיינעם א טענער מאָהנען רענט. ער איז דוקא ניט קיין שלעכטער צאָהלער און איך האב פון איהם ניט קיין קלעמענים. דעם מאָל אבער האב איך שוין פון איהם געהאט איינמאָל פאר אלע מאָל.

ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז איז ער מיט דער מיסעס און א גאנצע קאָמפּאני געזעסען אין פראָנט רום און געשפּיעלט קארדס. איך בין דאָך צו זיי ניט געקומען צו גאסט, וועל איך דאָך ניט געהן אריינקריכען אין פראָנט רום, האב איך געווארט אין קיטשען אויף א תשובה. ווי איך שטעה אזוי און ווארט, געהט ארויס עפּעס א יונגער מאַן און דערלאנגט מיר א פעני. איך בין טויט און רויט געוואָרען און איך האב זיך ניט געהאט וואו היגצוטהאָן פון שאנדע. ערשט נאָכדעם איז אריינגעקומען דער מיסטער און מאכט צו מיר: „עקסקיוז מי, איך האב געמיינט, אז דאס איז אימיצער געקומען נאָך א נדבה.״

אי נאָו, אז דאס האט ער יענעם יונגען מאַן עקסטרא געשיקט ער זאָל מיר געבען א פעני, כדי צו האבען א ביסעל „פאָן,״ בעקאָס איך האב געהערט ווי זיי האבען זיך אלע אין פראָנט רום געשטיקט פון געלעכטער; באָט אבער וואָס קען אי דו? פערפאלען, אָבגעטהאָן איז אָבגעטהאָן.

אָט אזוי איז עס, מאַי דיר פרענד, עס איז צרות צרורות, ווי מען זאָגט אין דער היים; באָט אבער מען מוז ליידען און שווייגען.

VII.

א שמועס וועגען קאָנקורענציע.

די פּייפּערס שרייבען אלע מאָל אבאוט די טראָסטס. נאָך זייער שכל קומט אויס, אז די טראָסטס מאכען אונגליקליך די וועלט און ווען

ניט זיי, וואָלטען אלע אפשר געווען מיליאָנערען. וועל, אמעריקא, איז א פרי קאָנטרי, מען מעג שרייבען וואס מען וויל; אבער זייער שרייב־אָכץ האט אזא טעם אזוי ווי א מיידעל אָהן נדן, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

איך בין טאקי ניט מעהר ווי א זינדיגע אידענע, ווי מען זאָגט, באָט אבער אין ביזנעס האב איך מעהר עקספּיריענס ווי די פּייפּערס. אי׳ל בעט יו, אז איך וואָלט די אלע פּייפּערס פערקויפט און אָבגענומען פאר זיי געלד, בעקאָס יו נאָו, אי עם א ביזנעס ליידי, און איך בין קליגער פון זיי.

ווען מען פרעגט מיך, יו סי, וואָלט איך געזאָגט אז טראָסטס מאַ־כען גאָר ניט קאליע. הלואי וואָלטען זיך אלע ביזנעס פעראייניגט אין טראָסטס, וואָלט געווען מאטש בעטער, גאָר ניט דער ערך בעסער וואָלט עס געווען. אונזערע חיים׳קעס מיינען, אז מען דארף נור קאָנקורירען, ווארפען די פּרייזעס און טרייען דעם אנדערן צו בעגראָבען, כאָטש זיך ביידע אויגען ארויסנעהמען, אבי יענעם איינע, און דעריבער האבען זיי טאקי ניט, דעריבער איז ביזנעס אין דער ערד.

ווהאט דו יו נאָו, וואס עס טהוט זיך היינט? פרעגט מיך וועל איך אייך דערצעהלען. עס איז חושך, פינסטער. עני ביזנעס מאַן פון קלענסטען ביז׳ן גרעסטען איז אויף גרויסע, איבערגעלייגטע צרות. מען מאכט קיין לעבען ניט, מען ליעגט אין דר׳ערד און מען באקט בייגעל, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

ענט ווהאי איז איט? בעקאָס מען קאָנקורירט. מען וויל אלץ איי־נער פון אנדערען אויסכאפּען. יעדער איינער וויל דעם צווייטען פער־יאָגען, דעריבער טויג עס אויף כפּרות. מען גראָבט גריבער אויף אנ־דערע און מען פאלט אויך אריין. עס ליידען נאָך דערפון אונשולדיגע און געה טהו זיי עפּעס.

אָט די פאסקודנע קאָנקורענציע איז פאר אונז לענדלאָרדס אויך א קלאָפּ. מיר האלטען זיך דוקא ביי די פּרייזעס ווי ווייט מען קען; באָט אבער מען דריקט אונז אזוי צו, אז מיר מוזען אויך ווארפען די מקחים. ווהאט קען יו דו? אז מען קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער.

אי׳ל שאָו יו וואָן טהינג. עס שטעהען ביי מיר לעערע סטאָרס

און איך קען זיי ניט פערדענטען. דער וואס וויל רענטען א סטאָר, יו נאָו, פרעגט זיך נאָך וואס פאר א ביזנעס דאָרט איז פריהער געווען און ווי יענער האט אויסגעמאכט, דערצעהלט מען זיי א מעשה, אז דער פריהערדיגער סטאָר קיפּער איז בדלות געוואָרען, איז ארויס מיט'ן בייטש, ווי מען זאָגט. נו, האבען זיי מורא איינצושטעלען און זיי געהען ערגיץ אַנדערש זוכען גליקען.

און פאר וואס זיינען יענע בדלות געוואָרען? ווייל זיי האבען נור געוואָלט פערטרייבען אַנדערע און האבען פערקויפט סחורות אונ־טער'ן קרן. איי פיו מאָנטס עגאָו האב איך פערדענט א סטאָר פאר א גראָסערי. אי עם שור, אז ער וואָלט געמאכט גוטע ביזנעס, האט ער אבער געוואָלט זיין איין זכר אין מאָסקווע, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ. ער האט געוואָלט פעריאָגען אַן אנדער גראָסערי מאַן פון בלאָק, נו, האט ער בעגראָבען זיך, בעגראָבען יענעם און איך האב דערפון אויך קיין נחת ניט, הלואי וואָלט איך איהם ניט געקענט, וואָלט מיין סטאָר ערשט ניט געשטאַנען לעער.

באַלד ווי ער האט די גראָסערי געעפענט, האט ער קודם כל אָנ־געהויבען פערקויפען אַלעס ביליגער. וואס איז? כדי אָבצוציהען קאָס־טאָמער פון דעם גראָסערי מאַן, וואס איז געזעסען אין בלאָק פון פריי־הער. ער האט גאָר ניט אָנגעהויבען זוכען צו פערדיענען א סענט, נור יענעם קאַליע מאַכען. אז קושענירקעס האבען זיך א לאָז געטהאָן צו מיין גראָסערי מאַן, האט יענער אויך ארונטערגעוואָרפען די פּרייזעס, האט מיינער אָנגעהויבען צו געבען פּרעזענטען, האט יענער אויך אָנ־געהויבען געבען פּרעזענטען, האט מיינער אָנגעהויבען געבען גרעסערע פּרעזענטען, האט יענער אויך אָנגעהויבען געבען גרעסערע פּרעזענטען; האט מיינער אָנגעהויבען געבען נאָך גרעסערע, האט איהם יענער נאָכ־געטהאָן. אָט אזוי זיינען זיי איינע מיט די אַנדערע געלאָפען אין ריי־סעס און דער סוף איז געווען, אז זיי זיינען דאָךביידע געבליעבען שטעהען גלייך און פערקויפט סחורות אויפ'ן זעלבען מקח, געגעבען די זעלבע פּרעזענטען און זיי האבען ביידע דערלייגט דעם קאָפּ; באָט אבער יענער איז געווען רייכער, איז ער געבליעבען שטעהען און מיי־נער האט זיך אָבגעטראָגען.

נו, פרעג איך אייך, זיינען זיי ניט דעם פולס? איז ניט גלייכער

צו האַלטען זיך ביים פּרייז און פערדיענען? איט סימס טו מי, אז עס איז בעסער צו לייזען איין דאָלאַר און פערדיענען איידער לייזען צעהן דאָלאַר און דערלייגען. אבער א אידעלע זוכט נור יענעם ארויסשטו־פּען, כאָטש ער פּושט דורך דעם ארוים זיינע אייגענע קישקעס מיט די געדערים.

דזשאָסט דהי סיים האט ביי מיר געטראָפען מיט א לאָנדרימען. א מאַן דינגט ביי מיר א סטאָר און פיקסט זיך איין א לאָונדרי. זוך זשע צו מאַכען א לעבען. ניין, דאס ניט! ער דארף זוכען צו מאַכען דעם אַנדערען לאָונדרימען פון נעקסטען בלאָק א טויט. נו, האט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה מיט ווארפען די פּרייזעס און מען האט אזוי לאַנג געוואָרפען איינע די אַנדערע, ביז זיי האבען זיך ביידע פערמאַ־טערט און זיי זיינען אוועק קוים מיט'ן לעבען.

אָט אזוי טהוען אונזערע חיים'קעס ביזנעס. מען לייגט אריין געלד, מען ארבייט מיט דער גאַל נור צו זיין א קברות מאַן פאר'ן אַנ־דערען, צו מאַכען יענעם א קבר! קרייזי טהינגס וואס איהר זיינט. לאָזט בעסער יענעם לעבען און לעבט אליין אויך, איט וואוד בי מאטש בעטער פאר יו.

איך בין ניט קיין קאַרדס פּלייערקע; באָט אבער איך האב גע־הערט, אז דהי מעין טהינג וואס א קארד פּלייער דארף וויסען איז, אז ער דארף זוכען זיך צו פערהיטען ניט דעם אַנדערען צו כאַפּען, אזוי איז אין ביזנעס אויך. מען דארף טרייען זיך צו פערהיטען, ניט אימיצען צו קאַליע מאַכען. „מי יחיה" שטעהט פריהער פאר „מי ימות," אזוי ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

און אָט צוליעב די פּאַסקודניקעס האבען א סך מורא צו געהען אין ביזנעס און סטאָרס שטעהען לעער, און ווען א סטאָר שטעהט לעער, מוז מען זי פּעררענטען ביליגער, אבי נור עס מאַכט זיך א קאָסטאָמער. בינו לבינו איז ניט אזוי פרעהליך אין אונזערע ביזנעס אויך.

טעל מי, דיר פרענד, וואָלט ניט בעסער געווען ווען אַלע גראָסערי לייט, בוטשערס, לאָונדרימען, אדער אַנדערע ביזנעס לייטע זאָלען זיין פעראייניגט און ניט קריכען איינער דעם אַנדערען אויפ'ן קאָפּ? דאס וואָלט שור טהינג געווען געזינדער און בעסער פאר אַלעמען.

זעהט איהר, דאס יא: שינדען די הויט פון קאַסטאָמערס איז אפשר און עולה; באַט אבער טרייען צו מאַכען א לעבען, איז געווים קיין עולה ניט. עם אי רייט אָר נאַט? טעל מי, פליז.

VIII.

דער גוי איז טרייף, אבער גוט.

אי רעמעמבער, אז אין יוראָפּ פלעגט מען דערצעהלען אזא סטאָרי:

אין א שטעדטעל איז געווען א רב, וואס האט געשטאַמט פון שניידער; באַט אבער אין שטאָדט האט מען דערפון ניט געוואוסט און מען האט געדענקט, אז ער שטאַמט פון לויטער רבנים. אמאָל איז צום רב געקומען זיינער א בראָדער, א קאמינער שניידער, א לאַטוט־ניק, ווי מען רופט עס אין יוראָפּ. ער האט אפילו ניט געקענט מאַכען א גאַנצע שטיקעל ארבייט און ער פלעגט נור פיקסען בגדים אדער לאַ־טען פעלצען ביי די גוים אין די ווילעדזשעס.

דהי רב וואז עשיימד וואס ער האט א ברודער אזא פראַסטאַק. ער האט איהם דעריבער אַנגעטהאַן זיינע א זשופּיצע ענד האו דו יו קאָל איט?... יעס, א שטריימעל, און ער האט איהם געהייסען זאָגען, אז ער איז אויך א רב ערגיץ אין א ווייטע שטעדטיל.

אויף שבת האבען בעלי הבתים אריינגעשיקט וויין לכבוד זיין גאַסט. שבת פאר נאַכט צו... אי פארגאט האו טו קאָל איט... (שלש סעודות) זיינען געקומען מענשען צום רב. מען איז געזעסען ביים טיי־בעל און דער רב האט געזאָגט תורה. ער האט זיי געבלאָפט און געזאָגט שטיקלאַך פון זיין פאָטער'ס וועגען, כאָטש ער איז גאָר געווען א פראָ־סטער שניידערוק און האט קוים געקענט דאַוונען.

דעם עולם איז געפעלען געוואָרען דעם רב'ס שטיקלאַך און מען האט געבעטען דעם גאַסט, אז ער זאָל אויך עפּעס זאָגען. דער לאַטוטניק **איז געווען א סמאַרט גאַי, האט ער געזאָגט א תירוץ, אז עס קומט**

איהם גראדע ניט ארויף אויפ'ן רעיון א לייטישע שטיקעל. „טאַ זאָגט עפּעס פון אייער פּאָטער'ס וועגען," האבען בעלי הבתים געבעטען דעם פארשטעלטען רב. דער שניידער האט א קנייטש געטהאָן דעם שטערן און געזאָגט: „יע, מיין טאַטע, עליו השלום פלעגט שטענדיג זאָגען, אז א גוי'אישע שטיקעל ארבייט איז צעהן מאָל בעסער ווי א אידישע."

וועל, דאס איז, מעי בי, ניט מעהר ווי א דזשאָוק, באָט אבער איך זאָג אייך, אז עס איז טאַקי אמת. א גוי איז אמאָל מאטש בעטער פאר אידען. איך רייד דאָ פון מיין ליין ביזנעס, פון די צרה'דיגע לענדלעריי. איהר הערט, מאַי דיר פרענד, נור גוי'אישע טענערס צו האַלטען. א מחיה, זאָג איך אייך. א קריסטשען ווייסט ניט פון קיין חכמות. ער ווייסט, אז ער דאַרף צאָהלען רענט אין צייט און ער נעהמט ניט אזוי ארוים דעם לעבער ווי א אידעלע. א קריסטשען וויל נור, אז די הויז זאָל זיין קלין, דער האָל זאָל זיין קלין און אויף אנדערע זאכען איז ער ניט פּריטיקלע. אונזערע חיים'קעס אבער ווייסען אליין ניט וואס זיי ווילען און זיי דרעהען אייך שטענדיג דעם קאָפּ.

באָט אבער וואו נעהמט מען קריסטליכע טענערס? א גוי וויל ניט וואוינען צוזאַמען מיט א שיגי. דהאָט, מאַי דיר ליידי, איז דהי טראָבעל. זעהט איהר, ווען מען גאָט העלפּט אז מען קען פעררענטען א גאנצע פּראָפּערטי צו קריסטשענס, איז גוט, עס איז פיעל געזינטער און בעסער פאר'ן לענדלער. דער גוי איז טרייף און זיין גראָשען איז כשר, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ. איהר דאַרפט ניט אויסגעהען אייערע פּיס ביז איהר קאָלעקטעט ביי איהם רענט. ער ווייסט ניט פון דער חכמה איינצוואוואוינען און ארייננכאַפּען ביי אייך. ער מאכט פון אייך ניט חוזק און איהר ווייסט, אז איהר זיינט א בעל הבית'טע איבער אייער פערמעגען.

א קריסטליכע מיסעס, זאָגט מען, קען ניט אזוי פּראווען פּלאָט־קעס ווי א אידישע. זיי מוסר'ן ניט איינע אויף די אנדערע און זיי באַ־דערען ניט דעם דזשעניטאָר אלע מאָל מיט אנדערע קאָמפּליינטס. זיי פּאָדערען נור וואס זיי קומט און קיין איבעריגע פערלאַנגען זיי ניט.

באָט אבער אזוי זיינען נור אמעריקאַנער קריסטשענס, היימישע באַמולעס אבער זיינען נאָך טען טייעמס ערגער פון אידישע טענערס. א היימישער גוי בראַקירט ניט צו וואוינען מיט אידען אין איין הויז,

איהם אארט ניט, אז זיינע נעקסטדאָריגע זיינען זשידעס. פּארקעהרט, אידען הייסען ביי זיי סוואַאי ליודזי, אייגענע מענשען; באַט אבער זיי טויגען אויף כּפּרות און אלע מיינע שונאים זאָלען פערדינגען רומס צו היימישע קריסטשענס.

זיי זיינען אפילו ניט אזעלכע סמארט גאים. זיי צאָהלען רענט אין צייט און ווען זיי האבען ניט צו צאָהלען, בעטען זיי מיט גוטען: ניך פּאני פּאַטשעקאַץ — איהר פערשטעהט דאָך מסתמא פּויליש, וואס דען, ניין? איך בין שוין גאנץ לאַנג אין לאַנד, איך האב שוין אידיש ב״ה באַלד פערגעסען ריידען, פון דעסטוועגען אי אַנדערסטענד פּויליש וועריי גוד.

ביי א היימישען גוי דארפט איהר ניט שטעהן ביים טהיר, ווען איהר קומט קאָלעקטען רענט. איהר קענט גלייך אריינגעהען אין זיין פראָנט רום און ער וועט אייך ניט זאָגען א סינגעל וואָירד. האט ער געלד, טראָגט ער אייך אנטקעגען, ווען ניט, בעט ער איהר זאָלט איהם ווארטען. ער רופט אייך פּאַניע אדער כּאָזאיקא אויפ׳ן היימישען שטייגער. די גויעס זיינען אויך אזוי. זיי זיינען ניט אזוי פּריטיקלע ווי אונזערע יענטעס און עפּטער אָל, זאָל זיי קיין איד ניט קענען, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

אָט די כּאמולעס מאכען פון א הויז אַש און בלאָטע. אין צוויי רומקעס קענען זיי האַלטען צעהן באָרדערס. רעגולע פּיגס זיינען זיי. זיי רייסען ארום די וואָל פּייפּער, זיי צוקראַטצען די ווענד און מאַכען א תּל פון דער הויז. היינט זייער שכּור׳ן איז גאָר אָהן א ברעג. שטענדיג זיינען זיי דראַנק. אלע מאָל איז ביי זיי פּראַזניקעס און מען טרינקט ביער אויפ׳ן בּאררעל. מען טאַנצט און מען קלאַפּט ארונטער די סילינגס. זאָלען זיי ניט געדאַכט ווערען, ס׳אַרא מיאוס׳ע ברואים זיי זיינען. אי העיט דהעם לייק דעם טויט.

איך האב זיך לייגער בענארעשט און פערדענט רומס צו היימישע כּאָכלעס. נו, האב איך ערשט פון זיי קאלט און ווארימס, ווי מען זאָגט. זיי האבען מיר שוין די גאַנצע הויז צוטרייסעלט און די טענערס פון נעקסט דאָאָר און פון אונטען ווילען צוליעב זיי ארויסמופען. כּאַפּט זיי דער דעוויל, איך וואָלט שוין בעסער די קריסטשענס געמאַכט צו מופען; באַט אבער איך האב מורא צו טשעפּען זיך מיט זיי. א גוי איז אָפּטמאָל ווי א בייזער הונד, ער לאַשצעט זיך צו אייך און קען

איך אמאָל א בים טהאָן. דאכט זיך זיי זיינען גוטענקע, פון דעסטוועגען דארף מען זיך פאר זיי היטען.

וועל אָט אזוי איז דאס, אז מען האט פּראָפּערטיעס האט מען צרות. קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

IX.

מיוזיק אין טענעמענט הייזער.

איך זאָג אייך, אז עס איז פשוט ניט צו לעבען פון די טענערס. זיי מאַכען מיך קרייזי, אי שוד ליוו סאָ. עפּעס זיינען זיי לייק טשילדרען וואס אבי וואס מסור'ן זיי פאר'ן רבי'ן, אזוי מוסר'ן זיי אבי וואס פאר מיר. ניט איך וויל וויסען פון זייערע מסירות, ניט מיר ליעגט עס אין זינען, איך קום קאָלעקטען די פּאָאָר סענט און זיי דולען מיר א מח מיט אנדערע זאכען. איך קריג פון זיי א העד אייק, קריג איך פון זיי.

איך פרעג אייך, איז עס ניט מיין באָבעס דאגה, אז א טענער האט א פּיאַנאָ? פון מיינט וועגען זאָל ער האבען צעהן פּיאַנאָס. זעהט איהר, דאס יא, מופּענדיג די פּיאַנאָס מאַכען זיי שטענדיג שאָדען. מען צורעכט א שויב, מען רייבט אָב די ווענד אדער מען ברעכט אָפּ די לייסטען פון די ווינדאָוס; באָט אבער א לענדלער איז געוואָהנט צו הזיקות, וואס קען ווי מייק בעטער? דאס איז שוין א זאך, וואס מען קען דערצו ניט העלפען. און א טענער, וואס האט ניט קיין פּיאַנאָ, מאַכט ניט קיין שאָדען? אלץ איין שווארץ יאָהר, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ.

פערקעהרט, אי נעווען קליימד אויף א טענער, וואס מופט צו מיר אריין מיט א פּיאַנאָ, בעקאָס, יו נאָו, עס איז ניט אזוי איזי צו ארומשלעפּען זיך מיט אזא מאַכינע און איך בין זיכער, אז ער וועט

זיצען אויפ'ן אָרט עטליכע מאַנאַטען און די רומס וועלען ניט שטעהען לעער. אַי עס אָלוויים גלעד, אריינצולאָזען שכנים מיט מעהר פאָרניטשע (פאָרניטשור), ווייל אַזעלכע מופען ניט ארום אזוי ווי די בעטלער פון איין הויז אין דער אַנדערער; קומען אבער די אַנדערע טענערם און מאכען מיר דעם טויט און זיי סטראַשען, אז זיי וועלען מופען דערפאַר, וואס אין הויז צימבעלט מען אויף א פּיאַנאָ.

איך קום היינט אין מיינע א הויז, בעפאַלען מיך די טענערקעס אזוי ווי ביהנען. וואס איז? אויפ'ן טאָפּ פלאָאָר שפּיעלט מען פּיאַנאָ! איינע דערצעהלט מיר, אז זי קען קיינמאָל ניט איינשלעפערען איהר בייבי. קוים מאַכט זי נור צו די אויגלאַך, הויבט מען אָן אין דער הויך צימבלען און זי כאַפּט זיך אויף. אַן אַנדער וואומען טענה'ט, אז איהר מאַן איז שוין א האַלבער מענש געוואָרען ווייל ער שלאָפט זיך קיינמאָל ניט אוים. ער קומט פון דער ארבייט אַן אָנגעהאָרעוועטער און פאַלט ווי א פליעג, קען ער אבער אַן אויג ניט צומאַכען צוליעב דער טאַלעלעלייקע — אזוי רופט זי די פּיאַנאָ. נאָך איינע זאָגט, אז זי האט א שוואכע קאָפּ און זי טאָהר קיין מיוזיק ניט הערען. אָט אזוי, אָט אזוי דערצעהלט זיך יעדע איינע איהר סקאַזקע, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ און איך מוז אלעמען אויסהערען.

ענד לעט מי טעל יו, אז די אַלע סטאָרים הויבען זיך גאָר ניט אָן. עס איז איי ביג לאַי. ניט די בייבי קען ניט שלאָפען צוליעב דער פּיאַנאָ, ניט דער'ס מאַן איז געוואָרען א האַלבער מענש און ניט יענע טאָהר קיין מיוזיק ניט הערען. פערקעהרט, זיי גלייכען דוקא צו הערען ווי מען שפּיעלט; באָט אבער דאָ איז אַן אנדער צרה: מען פערגינט ניט דער טאָפּ פלאָריגער וואס זי האט א פּיאַנאָ אין הויז. נאַרישע מענשען, ווער לאָזט אייך ניט? קויפט זיך אויך פּיאַנאָס. אַי, איהר פערמעגט ניט? וואַט קען אַי דו?

די טענערקע, וואס האט די פּיאַנאָ, איז א גאַנץ שטילע און אָרענטליכע ווייבעל. קיין גביר'טע איז זי ניט, ווארום ווען זי זאָל זיין איי ריטש וואומען, וואָלט זי ניט געוואוינט ביי מיר אויפ'ן טאָפּ פלאָאָר. דאס פערשטעהט איהר דאָך מסתמא אליין אויך. אַי דאָנ'ט בעליוו, אז זי האט די פּיאַנאָ געקויפט, מעי בי זי האט עס געוואונען, אדער עס איז איהר פון אימיצען פערבליעבען א ירושה, אבער דערווייל טהוט זיך אין הויז מעשים, בעקאָס מען פערגינט עס איהר ניט.

דהי מעין טהינג איז, וואס די טענערס האבען מיידלאך און ווי זיי דערהערען, אז די טאפּ פלאָריגע שפּיעלט פּיאַנאָ, מאַכען זיי דעם טויט זייערע מאַמעס, אז זיי זאָלען פאר זיי אויך קויפען פּיאַנאָס. די מוידען זיינען אזוי ווי ליטל טשילדרען, וואס דערזעהען קענדי אויף א סטענד און זיי רייסען דער מאַמע ביים פאַרטוך: באַי מי דהיס, באַי מי דהעט.

און מיינט איהר די פרוי מיט דער פּיאַנאָ האט פיעל נחת? אויך ניט. אלע טענערקעס זיינען מיט איהר פון דער וויטענס, מען רעדט מיט איהר ניט און מען מאַכט פון איהר חוזק. „קוקט איהר נאָר אָן דער מאַרגאַרעטע" — ריידען די טענערקעס צווישען זיך — „אָט אזא מיאוס׳קייט שפּיעלט אויף א פּאַרטעפּיאַן. נו, דאַרף מען האָניג, אז צוקער איז זיס. אַמעריטשקע, אודאי אין דער היים געווען א דיענסט מויד, אודאי פרעמדע וועש געוואשען און דאָ איז זי א גאַנצע קנאַ־קערקע!"

אפילו אויף איהר מאַן און קינדער טייטעלט מען אויך מיט די פינגער: „אָט געהט דער שפּיעלערקער׳ס מאַן, קוקט איהם נאָר אָן דעם פּראָפּעסאָר. אָט געהט דער צימבלערקע׳ס מיידעלע, אזא פאַרשוין ווי די מאַמע." אָט אזוי האַלט מען יענע טענערס שטענדיג אין מויל און מען טהוט אלערליי תחבולות, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ, זיי ארויסצור־פּטור׳ן.

אין אַן אַנדער הויז וויעדער האב איך צרות פון די מענער. דאָרט וואוינען אלעס יונגע קאַפּעלס, האבען א פּאָאָר פון זיי פּיאַנאָס. נו, טהוט זיך דאָרט א חושך. די אַנדערע ווייבלאך ווילען אז זייערע מענער זאָלען זיי אויך קויפען פּיאַנאָס און זיי זיינען זיי מקצר די יאָהרען. די לייטע אבער זיינען פור פעלאָוס, אָרימע ארבייטער און זיי פערמע־גען עס ניט. פערשטאָפּען זיי זייערע ווייבלאך די העלזער מיט פּאַנאָ־גראַפס. דערווייל איז דאָרט אין הויז א גאַנצע אָפּערא הויז. שטענדיג גיט מען דאָרטען קאָנצערטען און עס איז פרעהליך; באַט אבער די ליידיעס זיינען ניט צופריעדען און זיי ווילען דוקא פּיאַנאָס, נו, ווילען די מענער פערטרייבען דעם יצר הרע פון הויז, כדי זייערע ווייבער זאָל זיך ניט ווען.

קום איך ליינגער אין יענער הויז קאָלעקטען רענט, בעפאַלען מיך

די טענערס מיט א געוואלד, אז זיי וועלען צולויפען פון הויז צוליעב די פיאנאס. ווען זיי זאלען וועלען וואוינען אין טומעל, וואלטען זיי געוואוינט אין העסטער סטריט — טענה׳ן זיי — די פיאנאס מאכען זיי סיק און זיי קענען אין הויז ניט איינזיצען. היינט גאה שטעל אלע־מען צופריעדען! טפו, דוירטי טהינגס וואס זיי זיינען, דעם פולס וואס זיי זיינען.

דהי ענד אוו איט איז, אז עס געהט אוים צו מיין קאפ, ווייל די טענערס האבען שוין דערווייל אן אויסרייד ניט צו געבען רענט, און איך דארף צורייסען א פאאר שיך, ביז איך קריג ארוים א דאלאר.

אט אזוי איז עס, מאי דיר פרענד, אז מען האט פראפעטיס האט מען דאגות. עפעס שטעהט ערגיץ אזוי אין דער תורה, דער וואס האט מעהר רייכטהום האט מעהר זארגען.

X.

ערב פסח ביי לענדלארדס.

איך בין היינט ביזי ווי א קאקורוטש. צוליעב די פאאר פראפעט־קעס איז אפילו קיין צייט ניטא ארומצוזעהן זיך ארום זיך אליין. מען מוז זעהן צופריעדען שטעלען די שכנים און פאר זיך אליין זאל גאט זארגען.

ווי זאגט מען עפעס אין יוראפ? אפילו קרעפלאך עסען ווערט אויך מיאוס. גלויבט מיר, אז עס איז מיר שוין נמאס געווארען צו טראגען אזא יאך אויף מיין קאפ. אפאן מאי וואירד, אז איך וואלט שוין געוואלט פטור ווערען פון מיינע הייזקעס. ניטא שוין קיין כח צו אר־בייטען און עס ווילט זיך שוין אביסעל אברוהען. איט איז טייעם טו טייק איי ליטל רעסט.

ווען מיינע טענערס וואָלטען עס הערען, וואָלטען זיי געלאַכט און זיי וואָלטען מיך נאָך גאַנץ גוט אָנגעשאָלטען דערפאר וואס איך זאָג, אז איך ארבייט צו שווער. ביי זיי קומט אויס, אז איך טהו גאָר ניט. געהן נעהמען געלד, זאָגען זיי, איז א לייכטער דזשאָב. מעהר מיי־נען זיי האב איך גאָר ניט אויף מיין קאָפּ, נור געהן קאָלעקטען רענט. אי, אי, אי, וואָלטען זיי נור געהאט מיינע זאָרגען, וואָלטען זיי אנדערש גערעדט.

איהר הערט? טראָגען עטליכע הייזער אויף זיך איז שווערער ווי טראָגען א שייטעל אויפ'ן קאָפּ. סעי ווהאט יו וואָנט, דאס איז א גאַנץ שווערע משא און מען דארף האבען כחות פון צעהן האָרסעס עס צו שלעפּען.

מילא א גאַנץ יאָהר איז נאָך סיאָק טאָק, ווי מען זאָגט אין יוראָפּ. קומט אבער פאר פסח איז גאָר אן אויסרייסעניש. איך האב שוין, ווי איהר זעהט מיך א אידישע טאָכטער, מיינע פיס פערלאָרען אומלוי־פענדיג פון איין פּראָפּעטקע צו דער צווייטער. עס וועט מיר אסור צו־קומען אין א יאָהר דאס, וואס מיר איז שוין אין דער וואָך צייט אָב־געקומען.

פאר פסח הויבט זיך אָן א סדרה מיט פיינטען און פייפּערען די רומס. נו, נו, האט מען דערפון א פעקעל צרות, פרעגט שוין גאָר ניט. גלויבט מיר, אז איך וואָלט מי יודע וויפיעל געגעבען, אבי מען זאָל מיך פריי לאָזען אויף די פּאָאר וואָכען; באָט אבער אי קענט העלפּ איט. דאס איז, מיין פריינד לעבען, ביזנעס — און מען מוז עס אליין טענדען.

איך האב אפילו הויזקיפּערס; באָט אבער מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאָזען פון דאנען אהין. ווי זאָגט מען עפּעס א שפּריכוואָרט אין יוראָפּ? יעס, איך האב זיך דערמאָהנט: מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער צו פערשאַרען.

ווי עס קומט פאר פסח מוז מען געהן צו אלע טענערקעס און פרע־גען אפשר דארף מען עפּעס מאכען אדער פיקסען אין זייערע רומס אויף יום טוב. טאָמער טהוט איהר עס ניט, איז די לענדליידי א חזרת. יו אָנדערסטענד? מען דארף זיך נאָך ביי זיי אָנבעטען! טאָמער קומט איהר אביסעל פריהער ווילען אייך אנדערע מיסעסען ענטפערען: וואס איילט איהר זיך אזוי? עס איז נאָך דאָ צייט. איך וועל זיך מיישב זיין

מיט מײן מאַן, קומט אַרײַן די װאָך פון יום טוב, װעל איך אײך זאָגען אַ תשובה. נו, מוז מען צו זײ געהן נאָך אַמאָל. אַ ברירה האט מען?

און װעלען װילען אַלע, אַז מען זאָל זײ איבערפּײנטען און איבער־פּײפּערען אַלע רומס, אפילו װען עס איז איבעראַל קלין און גאַנץ. װאָס אַרט זײ? עס קאָסט זײ עפּעס טהײער פון קראַם?

ענד װען עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ טענער אָדער אַ טענערקע זאָגט, אַז זײ װעלען זיך בעגעהן אַזױ, איז עס ניט װײל זײ זשאַלעװען דעם לענדלער'ס געלד. אַזאַ טענער װאָס זאָל רחמנות האבען אױף אַ לענדלער איז נאָך ניט געבאָרען געװאָרען. נור װאָס דען זשע? יענע האַלטען ביים מופען װילען זײ ניט האבען דעם קלאָפּאָט. די שכנים אבער װאָס דענקען נאָך צו זיטצען, װעלען אײך ניט שענקען דאס פּײנטען אָדער פּײפּערען, עס מעג אפילו דונערען און בליטצען.

און אַנדער טענערקע זעהט אַלײן, אַז דאס איז אַן איבעריגע זאַך; באַט זי װעט אײך ניט צורוה לאָזען און װעט אײך אױסברײנגען אומ־זיסטע געלד.

באַט אײ דאָנ'ט קער פאר די געלד. די טראָבעל איז ביי מיר ערגער פון אַלעס. שפּאָרען זײ זיך אױף אַלע אין אײן װאָך, אין אײן טאָג און כאָטש טהו איך װײס ניט װאָס. יעדע אײנע װיל, אַז מען זאָל איהרע רומס מאַכען אַ טאָג פאר ערב יום טוב, װעט זי שױן אױפראַמען אין הױז און מאַכען פּסח'דיג. זײ װילען פערשפּאָרען ארבײט און ניט טראָבלען זיך צװײ מאָל, און צו װעמעס קאָפּ געהט עס אױס? צום לענדלער'ס אָדער צו דער לענדלײדי'ס.

קומט דער פּײנטער אָדער דער פּײפּער־הענגער מאַכען רומס, ריפּיוזט איהם די מיסיס. װאָס, זאָגט זי, בין איך עפּעס די ערשטע? מוחל דעם כבוד. געהט מאַכט הײנט ערגיץ אַנדערש. צו מיר װעט איהר קומען נעקסטע װאָך. די צװײטע זאָגט; אַז הײנט איז ביי איהר װאַ־שינג דעי. די דריטע האט גראַדע אַ העד אײק. די פערטע זאָגט, אַז מען האט איהר געדראַפט געבען נאָטים מיט אַ פּאָאַר טעג פריהער, װאָלט זי זיך צוגעגרײט. די פּײנטערס טשאַרדזשען דעם לענדלאָרד פאר יעדע מינוט, פאר יעדע רגע, װאָס זײ טענה'ן מיט די יענטעס, װײל עס איז זײער סיזאָן, די צײט װען זײערע װײטץ בליהט, װי מען זאָגט אין יוראָפּ, און עס איז ביי זײ אַ רענדעל אַ מינוט.

אַז גאָט העלפט שױן און מען פּײנט שױן אױס, הױבען אָן די

טענערקעס געהען איינע צו די אַנדערע. געפעלט איין מיסעס, אז ביי דער צווייטער איז שעהנער געפיינט, קומט זי צו מיר מיט א טענה, אז ביי דער מיסעס סאָ ענד סאָ איז שעהנער ווי ביי איהר און זי וויל ניט אַנדערש, אז איך זאָל איהר שיקען דעם פיינטער און ער זאָל ביי איהר מאַכען גלייך ווי ביי יענער. איך זאָג אייך, אז די גאַל קען עקס־פלאָדירען פון זייערע משוגעת'ן.

ענד איט העפּענס, אז א טענערקע קלייבט אליין אויס וואָל פּיי־פּער פאר איהר פראָנט רום און נאָכדעם ווי מען קלעפּט שוין אויס, געפעלט איהר, אז ביי דער נעקסטדאָריגער אין פראָנט רום איז ליכטי־גער און זי האט שוין חרטה וואס זי האט אזעלכע פּייפּער אויסגעקליע־בען. א סוף, אן עק, ביזטו אריינגעפאַלען, טאָ שווייג שוין, האט זי צו מיר טענות, אז אויפ'ן שטיק האט די פּייפּער אויסגעזעהן שעהן און אויפ'ן וואַנד איז עס מיאוס צו קוקען. היינט געה שטעל זיי אלעמען צופריעדען!

ענד יו נאָו האמאטש איט קאָסט מי? וואס אַארט אייך, עס קאָסט מיר גענוג געלד און געזונד. בעליוו מי, אז איך האב א גאַנץ שווערען ערב פּסח און אזוי וואויל און אזוי גוט איז יענעם, וואס לייגט ניט אריין זיין פערמעגען אין ציעגעל, שטיינער און האָלץ.

אלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ).

אַלטע מעשה אָדער אַ נאַכט אין צרות, אַ בילד פון אידישען לע־בען אין דער ליטא, 10

ווינש פינגעריל, אַ מתנה פיר די ליעבע אידישע קינדער 15

די טאַסקע, אָדער די שטאָדט בעלי טובות, אַ מייסטערהאַפטע קריטיק איבער דעם אידישען צושטאַנד אין רוסלאַנד, אין דער צייט ווען אידען האָבען זיך אָהן אַ טאַסקע ניט גע־קענט בעגעהן, 15

יודעל, אַ ספור המעשה אין שירים, אין דיעזע ווערק איז אַבראַ־מאָוויץ דורכגעגאַנגען די גאַנצע אידישע געשיכטע פון אָנ־פאַנג ביז היינטיגען טאָג, 15

ישראליק דער משוגענער, אַ מייסטערהאַפטע קריטיק איבער די לעצטע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד, 10

לעצטע שריפטען אַ זאַמלונג פון זיינע לעצטע שריפטען. 35

פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון אידישע אָרימע לייט, 15

דער פריזיוו, אַ דראַמאַ אין 5 אַקטען, 15

די קליאַטשע אָדער צער בעלי החיים, דאָס איז די בעסטע מייס־טערווערק וואָס איז ארוים פון אַבראַמאָוויץ'עס פעדער און האָט געמאַכט אַ שטורם צווישען דעם לעזע־פּובליקום אין דער וועלט. „די קליאַטשע" איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין אַלע וועלט שפּראַכען און ווערט גערעכט פיר אַ ליטעראַ־רישען אוצר אין דער וועלט־ליטעראַטור, 15

דאָס קליין מענשעלע, אַ מייסטערהאַפטע ווערק, וועלכע איז פולל מיט וויטץ, הומאָר און שאַרפזינן און דערביי איז עס אַ גוואַלדיגע קריטיק איבער די אידישע שטאָדט־בעל־טובות, רעדעל־פיהרער און סתם בעלי־צדקות און גוטע אידען פון רוסלאַנד, 15

אַ רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, ווי ער איז אויף זיינע נסיעות פערגאַנגען גאַנץ ווייט, אַז אונטער די הרי חושך, און האָט זיך געגוג אָנגעזעהען און אָנגעהערט חדושים, שעהנע זאַכען, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאַנט צו לע־זען, 10

שלמה ר׳ חיים׳ס, אַ שילדערונג פון דעם אידישען לעבען אין דער ליטאַ, וועלכע איז זעהר אינטערעסאַנט, שפּאַנענד און בע־לעהרענד, און ווערט גערעכענט פיר איינע פון די בעסטע ווערק וואס מענדעלע מוכר ספרים האט אין דער לעצטער צייט ארויסגעגעבען, 10

וועלט־ בעריהמטע אָפּעראַס

בעשריעבען און ערקלעהרט אין פליין אידיש פון

וויללּיאם עדלין.

דעם אינהאַלט פון דעם דראַמאַטישען סוזשעט און דער כאַראַקטער פון דער מוזיק פון די בעסטע פינף און צוואַנציג איטאַליענישע, פראַנצויזישע און דייטשע אָפּעראַס. סיי דער וואס געהט אין אָפּערא און סיי דער וואָס האָט ליעב לעזען וועגען די פּראַכטפאָלע סוזשעטען פון די גרעסטע אָפּעראַס, קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאַפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט

און זעהט וואָס פאַר א וועלט פון געניס עס איז דאָ פאַר אַלע מענשען פון אַלע קלאַסען. דער בוך דאַרף זיך געפינען ביי יעדען וואָס האָט ליעב צו לעזען די בעסטע ראָמאַנען, דראַמאַס און פּאָעזיע.

אינהאַלט פון די אָפּעראַס.

ריגאָלעטאָ פון ווערדי
טרובאַדור „
טראַוויאַטאַ „
אַאידא „
לא באָהעם פון פּוטשיני
מאַדאַם באַטערפליי, פּוטשיני
קאַוואַלעריא רוסטיקאַנאַ
פון מאַסקאַני
פּאַליאַטשי פון לעאָנקאָוואַלאָ
לוציאַ די לאַמערמור,
פון דאָניצעטי
פּיוריטאַני, פון בעליני
באַרבער פון סעוויל—ראָסיני
הוגענאָטען פון מייערבער

לע פּראָפּעט פון מייערבער
די יודין פון האַלעווי
פאַוסט פון גונאָ
קאַרמען, פון ביזעט
לא נאַווארעז פון מאַסענע
טאַנהייזער פון וואַגנער
לאהענגרין פון וואַגנער
טריסטאַן און איזאלדע
פון וואַגנער
פּאַרסיפאַל, פון וואַגנער
דאָן זשואַן פון מאָצאַרטי
פידעליאָ פון בעטהאָווען
מלכה שבא פון גאָלדמארק
סאלאָמע פון שטראוס

רעגולאר פּרייז 50 ס. פּרעמיום פּרייז (געבונדען) 25 ס.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

83-85 Canal Street New York